STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04037

# DER MORGNSHTERN HOT ANTOYSHT

Joel Perel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## יואל פערעל

*

# דער מאָרגנשטערן האָט אנטוישט

צום XXI יאָרטאָג פון ישראל

פראָפ׳ ב. וואַרבאָרג -

מיין הארצן דאַנק

1969

[illegible]

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער מיט זייערע משפחות, וואָס זענען אומגעבראכט געוואָרן אין אויגוסט 1942 און האָבן געפונען זייער אייביקע רו אין ברידער־קבר פון אכצן טויזנט לויצקער יידן אין גירקע־פּאָלאָנקע. ה י ״ ד !



1. מיינע עלטערן : מרדכי און רחל־לאה פּערעל.
2. אהרן און גיטל פראנק און זייערע טעכטער : רייזל, פרומע און רעיה.
3. בן־ציון און לאה פּערעל מיט זייער בת־יחידקעלע אסתר
4. שמואל און מלכּה פּערעל מיט זייער בן־יחיד נחום.
5. אשר און פרומע פּערעל.
6. יצחק און פריידע אָסיפּאָוו, נפתלי און מאַניע פּערעל / נישטאָ אויף דעם בילד / רייזל און דוד מאַכלעס.
7. געבליבן לעבן אויף לאנגע יאר : מירל און משה מאנדעל/ישראל/חייקע און זלמן זאטערקא / בראזיל / אסתר־מינדל און יואל פּערעל/ישראל./

יואל פערעל

# דער מאָרגנשטערן האָט אנט'וישט

## אין 5 טיילן

תשכ״ט — 1969
פארלאג „חבצלת"

**Joel Perel**
**DER MORGNSHTERN HOT ANTOISHT**

יואל פערעל / דער מארגענשטערן האט אנטוישט
שיכון וויצמן 22, הרצליה

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „חבצלת", רח' הס, הרצליה, טל. 98 39 01



תשכ"ט 1969

# פאָרוואָרט

איך הויב אָן דעם בוך „דער מאָרגנשטערן האָט אַנטוישט" מיט די ווערטער: „דאָס איז געשען אין חצות דעם 9־טן פעברואַר 1953 יאָר". צי איז דען אַזוי וויכטיק אָנצוגעבן אין אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן אַזעלכע גענויע דאַטעס? אפילו אויב ס'איז געשען פונקט אַ חודש נאָך אונדזער פופציק־יעריקן יובילײ און זילבערנער חתונה, איז וואָס?

עס איז וויכטיק אָנצוגעבן די דאַטע, כדי צו ווײַזן, אַז דאָס איז געשען אין די צײַטן פון דעם אַלײנהערשער סטאַלין און זײַן געהילף בעריאַ, ווען פינצטערע כמאַרעס האָבן פאַרוואָלקנט דאָס לעבן פון דער דרײַ מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד, ווען די יידישע קולטור, ליטעראַטור און קונסט, דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן פאַראַליזירט און הפקר, ווען די בעסטע פאָרשטייער זענען אומברחמנותדיק און אין נעפלדיקע אומשטענדן אומגעבראַכט געוואָרן.

אין יענע טעג האָט די טעלעגראַפן־אַגענטור „טאַס" געמאָלדן וועגן „אַרעסט פון דער גרופּע דאָקטוירים שעדיקער, וואָס זענען שולדיק אין טויט פון זשדאַנאָוון און שטשערבאַקאָוון, געקליבן זיך אומצוברענגען די מאַרשאַלן וואַסיליעווסקין, גאָוואָראָוון, קאָניעוון און אַנדערע. און די מערהייט פון די מערדער געהערן צו דער יידישער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזער וועלט־אָרגאַניזאַציע „דזשוינט", וואָס האָבן זייערע באַפעלן איבערגעגעבן דורך די יידישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן מיכאָעלס און ד"ר שימיליעוויטש".

נאָך איידער די געריכט־אָרגאַנען האָבן אָנגעהויבן זייער חקירה ודרישה, האָט דאָס גאַנצע פאָלק, בתוכם די יידן, באַדאַרפט אַרויסטראָגן פאַר דער וועלט דעם טויט־אורטייל.

ס'איז געווען אַן עפנטלעכער רוף צו רדיפות און פּאָגראָמען.

די געשיכטע חזרט זיך איבער איצט, מיט 15 יאָר שפּעטער, קעגן די „יידן פון ישׂראל, די אַגרעסאָרן און פאַרכאַפּער און די קנעכט פון אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם".

דער קול־קורא פונם סאָוויעטישן גענעראַל־פּראָקוראָר ווישינסקי צום פאָלק האָט דאַן דערוואָרעמט די געמיטער פון די אַנטיסעמיטן און דערמוטיקט די געריכט־אָרגאַנען פון אַלע רעפּובליקן נאָכצופאָלגן דעם בײַשפּיל פון מאָסקווע.

די טראַנספּאָרט־פּראָקוראַטור אין קיעוו איז געווען פון די ערשטע' וואָס האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער „אַרבעט". זי האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ גרויסן פּראָצעס קעגן יידן: לערער, אינזשינערן, אינטעליגענטן — און איך בין געפאַלן דער ערשטער קרבן פון זייער געפּלאַנטן פּראָצעס.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דעם 6־טן מערץ 1953 וועט דער אַלמעכטיקער אָפּגאָט סטאַלין זיך אַריבערפּעקלען צו די עלטער־זיידעס, אַז זײַנע געטרײַע מיט־העלפער בעריאַ, ריומין א.א. וועלן דע־"שאָסן ווערן, אַז די קרבנות פון זייער לעצטער טעראָר־אַקציע וועלן רייַנגעוואַשן ווערן? ווי אַזוי האָבן דאַן די קיעווער געקענט פאַרזעצן זייער שמוציקע אַרבעט?

זיי האָבן אָבער געמוזט אָפּווישן די שפּורן פון זייער געפּלאַנטן פאַרברעכן. נאָך לאַנגע חודשים פון פּייניקן מיך אין זייער אויספאָרשונגס־טורמע, האָבן זיי געפּועלט ביי זייערע קאָלעגן — די ריכטער פון קיעווער קרייז־געריכט — מען זאָל מיך פאַרמשפּטן און פאַרשיקן, דערביי אין זינען געהאַט נישט צו דערלאָזן איך זאָל אַ לעבעדיקער דערפאָרן...

נישט מיט־אַמאָל האָט זיך געענדערט דער רעזשים: די אַרעסטן, די אויספאָרשונג און די מעטאָדן. כאָטש אײן ווי כטיקע ענדערונג איז יאָ פאָרגעקומען: די צעטיילונג צווישן די פּאָליטישע און פאַרברעכערס פון אַלע מינים: גנבים, מערדערס, שווינדלערס א. א.

אויך די ברויט־פראַגע איז געלייזט געוואָרן. די פאַרמשפּטע האָבן שוין נישט געהונגערט. בכלל זענען די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די לאַגערן פאַרבעסערט געוואָרן. מען האָט שוין באַקומען דעם לוין, פריער בלויז אויפן שפּאָר־ביכל, שפּעטער אַפילו די פולע סומע אויף דער האַנט.

אויסטערליש און שעדלעך איז געווען דאָס, וואָס די היטלערס געהילפן, ווען מענס הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס אומשולדיקע יידישע בלוט זענען פאַררעכנט געבליבן פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער, פאַר אונדזערע נאָענטע שכנים.

מען האָט אָנגעהויבן זיך צוהערן צום ווייגעשריי פון די טויזנטער אומשולדיק־פאַרמשפּטע, מיט פאַמעלעכדיקע טריט האָט מען אָנגעהויבן איבערצוקוקן די „דיעלעס". אין רעזולטאט דערפון זענען באפרייט געוואָרן פאר דער באשטימטער צייט פאַרמשפּטע אויף 10, אָדער אפילו אויף 25 יאָר. די קראַנקע, וואָס זענען שוין נישט פעיק געווען צו קיין אַרבעט, האָט מען אַקטירט און באַפרייט. די יוגנטלעכע, וואָס האָבן באַקומען זייער שטראָף, איידער זיי זענען אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָט מען באַפרייט, נאָכן האָבן אָפּגעקומען אַ דריטל פון זייער שטראָף. אויך דערוואַקסענע זענען באַפרייט געוואָרן נאָכן אָפּקומען צוויי דריטל פון זייער שטראָף.

וועגן דעם לעבן פון די פאַרמשפּטע אין די צייטן פון סטאַלינען זענען שוין דערשינען אַ גרויסע צאָל ביכער אין אויסלאַנד, אפילו אין ראַטנפאַרבאַנד.

אָבער באַשרייבונגען וועגן דעם טורמע און לאַגער־לעבן אין נאָכן סטאַלין־פעריאָד זענען פאַראַן גאָר ווייניק. וועגן די פאַרמשפּטע יידן — אוודאי נישט.

אויך די אָריגינעלע דאָקומענטן ווי די רעוויזיע־פּראָטאָקאָלן, דער עיקר — דער אורטייל פונם געריכט, זענען אינטערעסאַנט, ווייל קיין איינער פון די פאַרמשפּטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס האָט זיין אורטייל נישט געזען, נאָר געהערט. פאַרן אַרויספאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד איז מיר געלונגען צו באַקומען פון מ.וו.ד.־אַרכיוו מיין אַרבעטס־ביכל. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען כ'האָב געפונען אינעווייניק, אָפּגעדרוקט אויף דין, דין פּאַפּיראָסן פּאַפּיר, מיין אורטייל.

זאָלן מיינע צוויי ביכער: „דער מאָרגנשטערן האָט אַנטוישט" און „דער מאָרגנשטערן ביים צפון־פּאָלוס" זיין מיין ביישטייער אויף דעם וויכטיקן געביט.

מיין שטרעבונג, אַלס לערער פון אַ יידישער גימנאַזיע אין ישראל, איז געווען, אַז די יוגנט זאָל באַרייכערן זייער וויסן וועגן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד פונם ערשטן קוואַל. דעריבער זענען נאָך פריער דערשינען די ביכער א.נ. „השחר הכזיב" און „ללא שחר" אויף עברית. זאָלן זיין געבענטשט די, וואָס העלפן מיר אין דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט: כ ה ן  מ ר י ם, מאַנדעל שמריהו און בערגער אַלעקסאַנדער.

ד ע ר  מ ח ב ר

ערשטער טייל:

# די אויספאַרשונג

# נישט געבעטענע געסט

דאָס איז געווען דעם 9־טן פעברואר 1953, אין האַלבער נאַכט.

איך האָב זיך נאַרוואָס געלייגט שלאָפן און אַפילו שוין אָנגעהויבן איינדרימלען, ווי איך האָב דערהערט אַ שטאַרקן קלונג ביי דער טיר.

ווער דאַרף דאָס צו מיר אַזוי שפּעט ביינאַכט?

איך בין אַראָפּ פונעם אויסגעוואַרעמטן געלעגער, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך מיין פוטער און געלאָפן שנעל אַ קוק טאָן ווער עס קלינגט אין אַזאַ שפּעטער שעה. דורך דעם אינערלעכן לאָדן האָב איך דערזען אַ סך פרעמדע מענטשן, צווישן זיי אייניקע אין מיליטערישע מונדירן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטערדיק קול.

— עפנט! — האָט באַפעלעריש אָ זאָג געטאָן מיין שכן, וואָס איז צוגעגאַנגען נענטער צום פענצטער.

איך האָב געעפנט די טיר. דער ווינטערדיקער קאַלטער ווינט האָט אריינגעבלאָזן אַ היפּש ביסל שניי אין פאָדערהויז. נאָך דעם שניי האָט זיך אַריינגעשיט אַ גאנצע כאַלאסטרע מיט מענטשן: צוויי אָפיצירן, עטלעכע לייט אין ציוויל־קליידונג, מיין שכן און די שכנה די „סטאַראָזשיכע". זיי זענען אריין האַסטיק און זיך צעשאָטן איבער מיינע צוויי צימערן. איינער איז געבליבן ביים אריינגאַנג אין דער קיך.

דאָס אריינקומען פון די אומגעריכטע נאַכט־געסט האָט אויפגעוועקט מיין זון, וואָס איז געשלאָפן אין ערשטן צימער. ווען ער האָט דערזען אַזויפיל פרעמדע מענטשן האָט ער א דערשראָקענער אויסגעשריגן:

— טאַטע, ווער זענען זיי? לאָז זיי נישט אריין!

— זיי זענען לייט פון עמ.ווע.דע. (מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים) האָב איך אים געוואָלט באַרואיקן.

— לאָז זיי נישט! זיי האָבן נישט קיין רעכט! פאָדער פון זיי א באַפעל!

איינער פון די אָפיצירן האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּירל, פון וועלכן איך האָב אַרויסגעלייענט: „דער טראַנספּאָרט־פּראָקוראָר דערלויבט צו מאַכן אַ רעוויזיע אין דער דירה פון יואל פערעל, כדי צו זוכן אומלעגאַלע, נאַציאָנאַליסטישע, אַנטי־סאָוויעטישע ליטעראַטור״.

— דאָס איז אַ פאַלש פּאַפּירל, טאַטע! — האָט מיין זון אויסגערופן. ווי קאָן מען קומען צו אַ לערער זוכן אינמיטן דער נאַכט?

איינער פון די אָפיצירן האָט דעם זון אַ כאַפּ געטאָן ביים אַקסל און ברוטאַל אריינגעשטויסן אין קיך אריין.

— נישט אַריינלאָזן אים אין צימער — האָט דער אָפיציר באַפוילן איינעם פון זיינע ציווילע לייט.

מיין פרוי, וואָס האָט פון שרעק נישט געקאָנט אַרויס פון בעט, איז ענדלעך אַרויס, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ שלאָפראָק און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, נישט קאָנענדיק שטיין אויף די פיס.

די רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן. ווי לויט אַ פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָבן זיך די לייט אַ וואָרף געטאָן יעדער אויף אַן אַנדער פּלאַץ אויף צו נישטערן: איינער איז אַראָפּ אין קעלער דורכן אריינגאַנג, וואָס איז געווען ביי מיר אין שלאָף־צימער, דער צווייטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שאַפע און דער דריטער צו די טשעמאָדאַנעס. זיי האָבן קיין שום פאַרדעכטיקס נישט געפונען. ערשט נאָך דעם האָבן זיי דערזען דעם ביכער־שאַנק, וווּ פון אונטערן גלאָז האָבן אַרויסגעקוקט די רוקנס פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע אין 16 בענדער און פון דער „געשיכטע פון יידן״ פון גרעץ־פּילפּסאָן אין דער רוסישער שפּראַך.

— אָט דאָס זוכן מיר — האָט איינער געזאָגט און אָנגעהויבן אַרויס־שלעפּן די ביכער פון שאַנק; די צווייטע ריי ביכער, די ״גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע״ האָבן זיי נישט גערירט. אַ צווייטער פון די לייט האָט פון דעם לעצטן צימער געבראַכט אַ באַרג יידישע ביכער ווי: בערגלסאָנס „ביים דניעפּר״, גורשטיינס ״וועגן שלום עליכם״, די בראָשור פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט: „ברידער — יידן פון דער גאנצער וועלט״ און

אַנדערע, וואָס אַלע זענען זיי דערשינען אין סאָוויעטישע פאַרלאַגן. אַ דריטער האָט צו דעם באַרג צוגעלייגט דריי אלבומען מיט פאָטאָגראַפיעס.

דער אָנפירער פון דער אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג ביי דער עמ.גע.בע. פון דער דרום־מערב־דיקער אייזנבאַן מאַיאָר איוואַנאָוו און זיין געהילף, דער קאַפּיטאַן ליסענקאָ, האָבן זיך אָוועקגעזעצט, יעדער באַזונדער, שרייבן די פּראָטאָקאָלן פון דער רעוויזיע, און פאַרשריבן, אז היינט, דעם 9־טן פעברואר 1953 זענען ביי דעם און דעם בירגער צוגענומען געוואָרן ביי דער רעוויזיע די און די ביכער און די פאָטאָגראַפיעס און אויך די אָבליגאַציעס פון די מלוכה־הלוואות אויף 12 טויזנט רובל. (זע: דאָקומענטן — זייט 264).

בעת דער רעוויזיע האָט מען מיר נישט דערלויבט זיך אָנצוטאָן און איך בין נאָך אַלץ געזעסן מיטן פוטער אויף די אונטערוועש. אויך מיין פרוי איז געזעסן אַ פאַרשטאַרטע פון רעזיגנאַציע און אומבאַהאָלפנקייט. דעם זון מיינעם האָט מען געהאַלטן אין דער קיך. די צוויי שכנים, וואָס האָבן געדאַרפט זיין די עדות בעת דער רעוויזיע, האָבן געדרימלט.

דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס האָט שוין אריינגעקוקט דער טאָג. ווי די לייט וואָלטן זיך דערשראָקן פארן טאָג־ליכט און ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט דאָ צו בלייבן, טאָמער וועלן זיי די שכנים באַמערקן, האָבן זיי געכאַפּט אַ ליילעך, אַריינגעוואָרפן אין אים די גאַנצע „קראַמאַלע" און פאַרבונדן אין אַ פּאַק.

— טוט זיך אָן און קומט מיט אונדז — האָט באַפוילן מאַיאָר איוואַנאָוו.

אַלץ איז ווייטער געשען אין איילעניש. די רעוויזאָרן האָבן מיטגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט און איך האָב זיך צעקושט מיט מיין פרוי, וואָרום איך האָב געפילט, אַז מיר געזעגענען זיך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן...

## אין די נעגל פון מ.וו.ד.

דער אויטאָ איז געשטאַנען אויף אַ צווייטער גאַס. ווען מיר האָבן זיך אריינגעזעצט אינעווייניק, האָט ער אָנגעהויבן פאָרן דורך פאַרשידענע

געסלעך, אַזוי, אַז איך האָב איבערהויפּט פאַרלוירן די אָריענטאַציע וווהין מען פירט מיך. פון דער רעוויזיע, וואָס עס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, זענען מיינע געפילן געוואָרן אָפּגעטעמפּט און דאָס האַרץ פאַרקלעמט. וווּ פירט מען מיך? פאַרוואָס און אויף ווי לאַנג און וואָס וועט ווייטער געשען? די מאַשין האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט אויף דער פראַנקאָ־גאַס נומער 19, נעבן דעם הויז פון דער פאַרוואַלטונג פון דער מזרח־מערבדיקער אייזנבאַן אין קיעוו.

במשך פון 6 יאָר פלעג איך יעדן טאָג פאַרבייגיין דעם טויער פון דעם הויז, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג. בסודי־סודות פלעגט איינער דעם צווייטן דערציילן, אַז אין די קעלערן פון דעם הויז מאַטערן זיך אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער אייזנבאַן. אויך איך האָב געאַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג פון דער אייזנבאַן. די אייזנבאַן האָט אירע שולן, אירע געריכטן און אויך אייגענע טורמעס. נישט איין מאָל פלעג איך זען ווי מען פירט מענטשן מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ, די הענט געהאַלטן אויף הינטן, מיט אויסגעמוטשעטע אויגן און בלאַסע פּנימער. מען האָט זיי געפירט אין די זאַלן פון דעם ליניע־געריכט צו משפּטן. איצט, ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, האָב איך געפילט, אַז אויך מיר וואַרט דער זעלבער גורל. דער מאַיאָר איוואַנאָוו איז געגאַנגען דער ערשטער, נאָך אים — איך, און נאָך מיר — דער קאַפּיטאַן ליסענקאָ און אַזוי דער גאַנצער קאַראַוואַן. זיי האָבן מיך געפירט דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט רויטע, ווייכע טרעטערס, ביי די זייטן צעגרינטע פּאַלמעס און אויף דער וואַנט אַ גרויסער שפּיגל. לענגאויס די קאָרידאָרן — טירן, טירן, טירן, ווי אין אַ האָטעל. אין איינעם פון די דאָזיקע „האָטעל"־צימערן האָט מען מיך אַריינגעפירט. דאָ האָט מען פאַנאַדערגעפּאַקט די זאַכן און זיי איינגעלייגט. און איך האָב ווידעראַמאָל אויף יעדער געפונענער זאַך געמוזט אונטערשרייבן, אַז זי איז די זעלבע זאַך, וואָס מען האָט צוגענומען ביי מיר אין דער היים בעת דער רעוויזיע.

אין אַ מאָמענט דערמאָן איך זיך, אַז איך מוז פּינקטלעך 8 אינדערפרי זיין אין שול צו געבן די ערשטע לעקציע פון אַלגעברע. שרייב איך אונטער שנעל און ווענדע זיך צום קאַפּיטאַן, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר:

— די צייט ווערט שפּעט, חבר. איך מוז זיך צואײַלן, ווײַל איך האָב אין דער שול די ערשטע לעקציע.

דער קאַפּיטאַן קוקט מיך אָן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל און זאָגט געלאַסן:

— ערשטנס, נישט חבר, נאָר בירגער. איר זענט מיר נישט קיין חבר. צווייטנס, ווענדעט מען זיך בײַ אונדז „בירגער אויספאָרשער" און נישט אַנדערש. דריטנס: מוזט איר ענדיקן אונטערשרײַבן. פערטנס: וועלן מיר איצט מאַכן אַן איבערנייס — איר זענט מיד און אויך איך בין מיד. „די אַרבעט איז נישט קיין וואָלף, זי וועט אין וואַלד נישט אַנטלויפן".

ער האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל און באַלד זענען אַרײַנגעקומען צוויי מיליטער־לײַט, צו וועלכע ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט דער זעלבער רואיקייט:

— נעמט דעם בירגער און פירט אים אַראָפּ זיך אויסרוען.

איינער פון די צוויי מיליטערלײַט האָט באַפעלעריש אויסגערופן: „די הענט אַהינטער און פאָרויס!" איינער איז געגאַנגען פאַר מיר, איך — אינמיטן און דער צווייטער מיליטערמאַן הינטער מיר, זיי האָבן געפירט מיך דורך קאָרידאָרן, טרעפּ, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אַן אײַזערנער טיר. פון דער צווייטער זײַט האָט מען געהערט דעם בראַזג פון שליסלען און די שווערע טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ. איך ווער אַראָפּגעפירט אין קעלער. די מיליטערלײַט גיבן מיר איבער צום אויפזעער פון דער אָפּטיילונג, וואָס פירט מיך אַרײַן אין אַ קליין צימערל אָן פענצטער. ער פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און עס קומט אַ באַפעל אין אַ טאָן, נאָך וועלכן עס קאָן נישט זײַן קיין שום דיסקוסיע: „טוט זיך אויס ביז נאַקעט!"

— איך בין נישט קיין אַרעסטאַנט — פּרוּוו איך אויפקלערן, און איך באַקום אַן ענטפער: „איך האָב דאָ מײַנע פאַראָרדענונגען און איר טענהט ווײַניקער".

מיט אַ סך געניטקייט האָט ער דורכגענישטערט יעדן צענטימעטער פון מײַנע קליידער, אויסגעליידיקט די טאַשן, צוגענומען דעם הויזן־רימען, די שלייקעס, דאָס מעסערל, דעם זייגער. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם און נישט אָן פאַרגעניגן מיט א קליין ראַזיר־מעסערל אָפּגעשניטן פון די הויזן

אַלע קנעפּלעך, כדי איך זאָל די הויזן דאַרפן האַלטן מיט די הענט.

— טוט זיך אָן! — זאָגט ער צו מיר. און אַז איך האָב אָרויפגעצויגן די הויזן זענען מיינע הענט שוין געווען פאַרנומען מיט צוהאַלטן זיי און ווען איך האָב געוואָלט אָנטון נאָך אַ שטיקל מלבוש, זענען די הויזן אַרונטערגעפאַלן.

— וואָס האָט איר געטון? — פרעג איך אים, — ווי קאָן איך אַרומגיין און אונטערהאַלטן מיט די הענט די הויזן? צי בין איך אַן אַרעסטאַנט?

— דאָ זענען נאָר אַרעסטאַנטן, קיין פרייע בירגער זענען דאָ נישטאָ. זייט וויסן — האָט ער צוגעגעבן — אַז איר געפינט זיך אין דער אויספאָרשונג־טורמע אלהאי אַ זאַך אין אַ סקלאַד. אַ מעטאַלענעם קנאָפּ קאָן מען אָנשאַרפן, און אויף אַ הויזן־רימען קאָן מען זיך אויפהענגען, און א מעסערל קאָן מען אַראָפּשלינגען. איר מוזט זיך צופּאַסן צו אונדזער רעזשים. פון 6 פרי ביז 10 אין אָוונט טאָרט איר נישט שלאָפן. ביי אונדז איז שוין איצט נאָך פרישטיק. מיטאָג וועט איר באַקומען.

איצט קומט אַ קאָמפּליצירטע מעשה: איך דאַרף אַריבערגיין אין אַן אַרעסטאַנטן־קאַמער און ער באַפעלט מיר איך זאָל האַלטן די הענט פון הינטן. אָבער, אַז איר האַלט די הענט פון הינטן, פאַלן מיר אַראָפּ די הויזן. וויל איך די הויזן אויפהויבן, קאָן איך שוין די הענט נישט האַלטן פון הינטן. און באַלד, ביי מיין ערשטער האַנט־באַוועגונג צו כאַפּן די הויזן, טוט ער ווידער אַ טאַפּ אין טאַש ווי איך וואָלט אין דער מינוט עפּעס אַריינגעלייגט אהין.

## אין אַרעסטאַנטן־קאַמער

אין דער קאַמער, אין וועלכער איך בין אָפּגעשלאָסן געוואָרן, ברענט שוואַך אַן עלעקטריש לעמפּל איבער דער טיר אונטער אַ געדיכטער דראָטנעץ: נאָך דעם ווי איך געוווין זיך צו צו דער האַלב־פינצטערניש, דערזע איך אין קאַמער דריי אייזערנע בעטן מיט בעטגעוואַנט. אויף איינעם פון

די בעטן ליגט א מאַן מיטן פּנים אַראָפּ און כליפּעט. אין דער הויך, נאָנט צום סופיש — אַ פאַרקראַטעוועט פענצטער פאַרשטעלט מיט אַ בלעך. אין אַ ווינקל שטייט אַ מאַסיווע אייזערנע כלי, וואָס דאַרף דינען ווי אַ טואַלעט. די פּאָדלאָגע איז געפאַרבט אויף רויט.

— וואָס קלאָגט איר — פרעג איך דעם מאַן אויפן בעט — וואָס איז געשען מיט אייך? איך זע, אַז איר זענט א ייד.

— און מיט אייך וואָס איז געשען? וואָס פרעגט איר מיר? — ענטפערט ער מיט פראַגן אין אַ בייזן טאָן.

— מיט מיר? — זאָג איך — איך זאָל אַזוי נישט וויסן פון בייז. זיי האָבן געניסטערט אַ גאַנצע נאַכט און גאָרנישט געפונען. די זאַך וועט אויפגעקלערט ווערן ווי אַ טעות.

— אויפגעקלערט ווערן — זאָגט דער מאַן — שוין דעם פערטן טאָג ווי זיי קלערן אויף מיין „דיעלא" איך האָב איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט דריי קינדער, זאָלן לעבן. זיי וויסן אפילו נישט וווּ זייער טאַטנס געביין איז אהינגעקומען. זיי האָבן מיך אַוועקגענומען פון דער אַרבעט.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? פון וואַנען זאָל איך וויסן פאַרוואָס? איך אַרבעט אין אַ דיקטן־פאַבריק. ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס מיט די דאָקטוירים, די שפּיאָנען, האָב איך געזאָגט צו נחומען, מיין שכן ביי דער אַרבעט, אַז עס איז אוממעגלעך צו גלויבן, וואָרום וואָס האָט זיי דען געפעלט, די דאָקטוירים, אין קרעמל? מיינע צרות האָט זיי געפעלט. אַז פרעמיעס האָבן זיי באַקומען, ווילעס האָט מען פאַר זיי געבויט. וואָס־זשע האָט זיי געטויגט צו ווערן שפּיאָנען, האַ? ווי איך בין אַ ייד, ווי עס לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל.

— נאָר דאָס וואַרפן זיי אייך פאָר? — פרעג איך תמימותדיק.

— איך ווייס? עפּעס זאָגן זיי, אַז בעת איך מיט נחומען, מיין שכן, האָבן אויסגעטרונקען צו קופּל ביר אַנטקעגנאיבער אונדזער פאַבריק, זאָל איך האָבן געזאָגט „לשנה הבאה"... און ווייטער ווייסט איר שוין אַליין, ווי איז מיר! וואָס וועט איצט זיין מיט מיינע פּיצעלעך קינדער.

ער האָט ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. כ'האָב דעם ייד געטרייסט:

„אויב דאָס איז אַלץ, מעגט איר זיין רואיק. עס וועט אייך גאָרנישט געשען".

דאָ איז דער ייד אַרויס מיט כעס: „וואָס נאָך ווילט איר, איך זאָל האָבן עמעצן דערהרגעט, חלילה? קיין שפּעקולאַנט בין איך נישט, געהאָרעוועט, געמוטשעט זיך אַ גאַנץ לעבן און אַלץ פאַר די קינדערלעך. און מיין פרוי האָרעוועט ווי אַן אייזל אין אַ שיך פאַבריק. וויי, וויי, וואָס וועט זיין מיט מיינע קינדערלעך?"

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר: „שטילער זאָל דאָרט זיין!"

מיר זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן.

# איך וויל שלאָפן

עס איז מיך באַפאַלן אַ פיזישע און גייסטיקע מידקייט. שווער צו האַלטן דעם קאָפּ. מיין שכן באַמערקט עס און זאָגט צו מיר: „בייטאָג טאָר מען דאָ נישט שלאָפן. און ביינאַכט... ביינאַכט קאָן מען נישט שלאָפן".

איבערן קאָרידאָר דערהערן זיך שווערע האַמעטנע טריט, מיין שכן ווייסט, אַז דאָס באַדייט „פּראָוויערקע" און ער שטעלט זיך באַצייטנס אין אַ מיליטערישער פּאָזיציע נאָענט צו דער טיר. איך טו דאָס זעלבע. די טיר מאַכט זיך אויף און עס קומען אַריין דריי פאַרשוין: דער וואָס האָט מיר פריער אָפּגעשניטן די קנעפּלעך פון די תחתונים, אַ צווייטער מיט אַ פאַרקרימט פּנים און ענלעך צו דער מאַלפּע „טשיטאַ" פון די טאַרזאַן־פילמען און אַ דריטער אַ האַלב־ציווילער און אַ האַלב־מיליטערישער.

„טשיטאַ" האָט זיך גענומען צעוואַרפן די בעטן, געזוכט אונטערן מאַטראַץ, אַוועקגערוקט די טאַבורעטן און דערזעענדיק, אַז איך האַלט די הענט פון פאָרנט האָט ער אַ געשריי געטאָן: „די הענט אַהינטער!"

— זאָל ער — האָט אים באַרואיקט דער עלטערער — ער מוז נעבעך אונטערהאַלטן די תחתונים.

— אַ נייער? — האָט „טשיטאַ" אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז.

אוןביים אַרויסגיין האָט ער זיך געווענדעט מער צו מיין שכן. ווי צו מיר: „אַרויסטראָגן די פּאַראַשע און אויסוואַשן די פּאָדלאָגע!"

מיר האָבן זיך גענומען פאַרבעטן די בעטן. און באַלד האָט זיך דערהערט אַ געשריי דורכן פענצטערל. „די פּאַראַשע!" ביידע, איך און מיין שכן, האָבן געטראָגן די כלי איבער קאָרידאָרן, אויסגערייניקט זי און מיין שכן האָט געבראַכט אַ שיסל מיט קאַלטע וואַסער צו וואַשן דעם דיל.

בעת דער ארבעט האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט און ער האָט ארויס־געקרעכצט: „איך בין קראַנק אויף די לונגען" — האָט ער געזאָגט — איך וועל דאָ לאַנג נישט אָנציען". כ'האָב ביי אים צוגענומען די שמאַטע און אָפּגעוואַשן די פּאָדלאָגע. די אַרבעט איז פילפאַך געווען באַשווערט צוליב דעם, וואָס איך האָב געהאַט פאַרנומען די הענט מיט צוהאַלטן די הויזן. צום סוף האָב איך באַשלאָסן אינגאַנצן פּטור צו ווערן פון די הויזן, אויסגעטאָן זיי און געוואַשן דעם דיל אין די אונטערוועש. די אַרבעט האָט מיך אַביסל ארויסגעצויגן פון דער מידקייט און איך האָב פאַרגעסן סיי אין הונגער און סיי אין מיינע הויזן.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. עס האָט זיך באַוויזן טשיטאַס פּנים.

— בייטאָג טאָר מען נישט שלאָפן! — האָט ער אויסגעשריגן — איר מוזט עס געדענקען! און אויב איר ווילט אַ בוך, קען איך אייך באַזאָרגן.

נאָך א מינוט איז ער צוריקגעקומען און מיר געבראַכט אַ בוך, אין וועלכן עס האָבן געפעלט די טאָוולען און די ערשטע פּאָר זייטלעך.

— אָן מיינע ברילן קען איך דאָס בוך נישט לייענען — זאָג איך אים.

— דאָ קאָן איך גאָרנישט העלפן. די ברילן זענען ביים אויספאָרשער

— האָט „טשיטאַ" געענטפערט. — צו אים קענט איר זיך ווענדן.

דאָס פענצטערל האָט זיך פאַרמאַכט.

כ'האָב זיך מיט דעם בוך אַוועקגעשטעלט אונטערן שוואַכן עלעקטרישן לעמפּל און מיט אָנשטרענגונג באַמיט זיך צו לייענען. עס איז געווען אַ בוך וועגן דעם אומגליקלעכן טויט פון דעם רוסישן שרייבער גריבאָיעדאָוו, וואָס איז אַמאָל געווען קאָנסול אין פּערסיע. דאָס בוך האָט מיך פאַרכאַפּט.

עס האָבן אָבער געפּעלט אַזוי פיל זייטלעך, אַז עס איז שווער געווען אויסצוגעפונען זיך. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָ אין תּפיסה איז אַ שטיקל פּאַפּיר אַ יקר המציאות. עס ווערט צוגעטיילט בלויז איין פּיצל פּאַפּיר אַ טאָג. דאָס רעשט נויטיקע פּאַפּיר נעמט מען פון אָט די ביכער, הגם מען ווערט פאַר דעם שטרענג באַשטראָפט.

איבערן קאָרידאָר הערט זיך אַ רעשיקער קלינג און „טשיטאַ״ שרייט אריין דורכן פענצטערל: „שלאָפן! דאָס אָנטון לייגן גלייך ווי אַ סטרונע!״.

אין אַ מינוט אַרום זענען מיר שוין אין די בעטן און דוכט זיך, אַז איך בין באַלד איינגעשלאָפן, ווי פּלוצים דערהערט זיך אַ האַסטיקער קלאַפּ אין דער טיר, און עמיצער שרייט אריין אין פענצטערל: „אָט דער מיטן נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ „פּ״, אָנטאָן זיך שנעל! צום אויספאָרשער!״.

ווי לאַנג בין איך געשלאָפן? דער קאָפּ איז שווער, די אויגן קלעפּן זיך. איך זע: מיין שכן שלאָפט נאָך נישט. דער הוסט מאַטערט אים. איך ווער געפירט צום אויספאָרשער און מיין באַגלייטער שטערט מיר נישט דאָס מאָל אונטערצוהאַלטן מיט די הענט מיינע הויזן. אין די קאָרידאָרן איז שטיל, ווי אויף אַ בית עולם. עמיצער פאַרשרייבט אין בוך די צייט, ווען מען פירט מיך ארויס צום אויספאָרשער. עס איז איצט 11 אזייגער. הייסט עס, אַז איך בין געשלאָפן ווייניקער פון אַ שעה.

## ביים אויספאָרשער

אריינקומענדיק צום אויספאָרשער, ווייזט מיר אָן דער באַגלייטער אויף אַ שטול, וואָס שטייט ביים סאַמע טיר און ער פאַרלאָזט דאָס צימער. דער אויספאָרשער, קאַפּיטאַן ליסענקאָ, זיצט ביים שרייבטיש אַ צוויי מעטער ווייט פון מיר און איז פאַרטאָן אין שרייבן. ער איז אויסגערוט, דאָס פּנים גלאַט ראַזירט, ער קוקט אפילו נישט אויף מיר. עס קומט אַריין דער מאַיאָר איוואַנאָוו. אויך ער קוקט נישט אין מיין זייט.

— ווען עס קומט אַריין דער נאַטשאַלניק דאַרף מען זיך אויפשטעלן!
— באַפעלט דער אויספאָרשער.

איך שטעל זיך אויף. איך וואונדער זיך הלמאי דער קאַפּיטאַן זיצט ווען עס רעדט צו אים דער מאיאָר. אפילו ווען עס איז שפּעטער אריינגעקומען אַ נאָך העכערער אין דער ראַנג, איז ער געבליבן זיצן. איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, אַז ליסענקאָ איז דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דעריבער איז ער דאָ דער עלצטער.

ביי יעדעס מאָל עפענען זיך פון דער טיר, האָב איך באַקומען א זעץ אין מיין שטול. איך האָב זיך דעריבער אויפגעשטעלט.

— וואָס האַלט איר זיך פון פּאָרנט ? — פרעגט דער אויספאָרשער. — נעמט אַרונטער די הענט פון הינטן.

איך פאָלג זיין באַפעל און די הויזן לאָזן זיך אַראָפּ. עס ברעכט אויס אַ געלעכטער. דאָס בלוט איז מיר געקומען אין פּנים אריין, און איך זאָג : „איר לאַכט, זעט וואָס איר האָט געמאַכט פון אַ סאָוויעטישן לערער במשך פון איין טאָג".

— אַ סאָוויעטישער ! און מען לאַכט ווייטער.

דער אויספאָרשער קלינגט אָן און עס קומט אריין מיין באַגלייטער, וועמען דער אויספאָרשער באַפעלט צונייען בענדלעך צו מיינע הויזן און צוריק מיך אַרויפברענגען.

ווען איך האָב געוואָלט די בענדלעך אליין צונייען, האָט מיר דער באַגלייטער געזאָגט : „מיט אַ נאָדל קען מען זיך אַ קיצל טאָן די בלוט־אָדערן, און דעמאָלט זענען מיר פאַראַנטוואָרטלעך".

אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך שוין ווידער געזעסן אויף דער שטול ביים אויספאָרשער. עס הייבט זיך אָן אַ סדרה פראַגן וועגן נאָמען, עלטער, בילדונג, נאַציאָנאַליטעט און דערנאָך דאָס זעלבע וועגן ווייב און קרובים. „קרובים — זאָג איך — האָב איך נישט. אַלע מיינע ברודער, דריי שוועסטער און מיין מוטער האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט. איך בין געבליבן אַליין".

— שקר ! — שרייט אויס דער אויספאָרשער. — און די שוועסטער אין ישראל ? און די שוועסטער אין בראַזיל ?!"

— ריכטיק, זאָג איך, אָבער דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד האָב איך נישט קיינעם. און די שוועסטער מיינע דאָרט האָב איך שוין נישט געזען 25 יאָר.

— אָבער קאָרעספּאָנדירט מיט זיי האָט איר. איבערהויפּט מיט דער פון ישׂראל.

— ביז דעם יאָר 1948 האָב איך צו איר געשריבן עטלעכע מאָל. דערנאָך האָב איך אויפגעהערט.

— פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט קאָרעספּאָנדירן? ביי אונדז איז קאָרעספּאָנדענץ מיט קיינעם נישט פאַרווערט. אונדזער פּאָסט פירט בריוו אומעטום. יאָ, אייגענע האָט איר ווייניק, דערפאַר האָט איר אַ סך אַנהענגער, חברים און פריינט, נישט אמת? איר וועט מיר אויסרעכענען אַלע אייערע פריינט, וואָס זענען ביי אייך געווען דעם 10־טן יאַנואַר אויף אייער 50־יאָריקן געבורטסטאָג און זילבערנער חתונה.

— איך מיין, אַז דאָס איז ניט נויטיק. דאָס איז דאָך געווען מיין פּריוואַטער ענין — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז זייער וויכטיק. „מיט דעם מיט וועלכן דו פירסט זיך ארום — פון דעם שטעקסטו זיך אָן", זאָגט אַ שפּריכוואָרט. איך וועל אייך בעטן נישט דיסקוטירן מיט מיר, נאָר ענטפערן אויף מיינע פראַגן.

— איך קאָן ענטפערן נאָר וועגן זיך — באַשטיי איך אויף דאָס מייניקע.

— אפשר ווילט איר, קען איך אייך אויסרעכענען אַלע, ביז איינעם, וואָס זענען געווען ביי אייך — זאָגט דער אויספאָרשער און הייבט אָן לייענען אַ רשימה מיט נעמען.

— ווייסט איר דאָך אַליין — זאָג איך צו אים — וואָס־זשע דאַרפט איר איך זאָל זיי אויסרעכענען?

— איך דאַרף איר זאָלט באַשטעטיקן.

נאָך יעדער פראַגע קומט א לענגערער איבערייס. דער אויספאָרשער האָט צייט. עס שמועסט זיך דורך טעלעפאָניש מיט זיינע חברים פון אַנדערע צימערן. איך כאַפּ אויף אַ פאַרדעמפּטן קול אין טעלעפאָן־טרייבל, אַז דער זייגער איז שוין דריי.

— איר גענעצט גאָר פיין — זאַגט ער צו מיר — איר ווילט זיכער שלאָפן. נו, זאָגט, ווער איז געווען ביי אייך אין געבורטסטאָג און דערנאָך וועט איר גיין שלאָפן.

איך שווייג. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יונג מיידל,

וואָס דערלאַנגט דעם אויספאָרשער אַ פּאַפּיר אונטערצושרייבן און זי גייט צוריק ארויס.

— פאַרוואָס האָט איר זיך אויפגעשטעלט? פרעגט דער אויספאָרשער.

— איר האָט דאָך מיר באַפוילן דאָס צו טאָן — ענטפער איך.

— פאַר אַ מענטשן האָב איך אייך געהייסן זיך אויפשטעלן, אָבער נישט פאר א יובקע.

— ביי מיר איז א פרוי פונקט אַזאַ מענטש — זאָג איך שטיל.

— ביי מיר איז זי נאָר אַ יובקע און נישט מער — לאכט ער — רוקט זיך צו נענטער צום טישל און לייענט איבער אייער פּראָטאָקאָל. שרייבט אונטער!

— איך קען נישט לייענען אָן ברילן.

ער נעמט ארויס מיינע ברילן פון שופלאָד און גיט זיי מיר.

— איך וועל בעטן געבן מיר די ברילן אין קאמער אריין, איך זאָל קאָנען לייענען ביכער.

— דאָס איז קעגן געזעץ. גלאָז איז שאַרף.

— פאַרוואָס האָלט איר מיך דאָ? — פרעג איך. — ווער האָט אייך דערלויבט מיך דאָ צו האַלטן?

— וואָס הייסט ווער? דער זאַקאָן, דער פּראָקוראָר.

— אדרבא — ווייזט מיר, אַז עס איז אייך דערלויבט מיך צו האַלטן און פאַרוואָס. איר האָט מיר אפילו נישט געמאָלדן, אַז איך בין אַרעסטירט.

— היינט איז שוין שפּעט — זאָגט ער — שרייבט אונטער און גייט שלאָפן. מאָרגן וועט איר זען די פאַראָרדענונג פון פּראָקוראָר.

א קלונג. מען פירט מיך אַראָפּ אין קעלער. עס ווערט פאַרשריבן די שעה פון מיין צוריקקומען: 4.50. ווי א שיכור פאַל איך אַוועק אויף מיין געלעגער און שלאָף איין.

# איינער אליין

אַ קלאַפּ אין פענצטערל האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איך כאַפּ זיך אַראָפּ פון בעט און דערזע דורכן אָפענעם פענצטערל פון דער טיר א ניי געזיכט: אַ סימפּאַטיש פּנים פון אַ מאַן אין די פערציקער, מיט שמייכלדיקע, בלויע אויגן, מיט ארויסגעשטעלטע ציין, צווישן זיי איינקע גאָלדענע, לאַנגע און בלאָנדע וואָנסעס.

— שוין אויסגעשלאָפן? — פרעגט ער — איך האָב אייך געבראַכט אייערע ציין. נעמט זיי!

ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אז אין אויפרעגעניש ביים אוועקנעמען מיך האָב איך פאַרגעסן מיין ציין־פּראָטעז אין דער היים. הייסט עס, אַז מיין ווייב ווייסט שוין, וווּ איך געפין זיך, אויב זי האָט מיר געבראַכט די ציין. וווּ איז מיין שכן? דאָס בעט זיינס איז נישט פאַרבעט און ער איז נישטאָ. איך בין אזוי שטאַרק געשלאָפן, אז איך האָב גאָרנישט געהערט. נישטאָ שוין, ווייזט אויס, „טשיטאַ" מיטן מאַלפּע־פּנים. דער איצטיקער שומר איז גאָר אַן אנדערער מענטש. עם פאַלט מיר באַלד איין צו רופן אים „דער לשון קודשער". אין אונדזער שטאָט איז אין די צאַרישע צייטן געווען אַ פּאָליציאַנט, זייער ענלעך צו אים. ער פלעגט באַנוצן העברעאישע ווענדונגען „סגור את החנות", „פּאַד חרם", „איך וועל דיר אין תפיסה איינזעצן", האָט מען אים גערופן „דער לשון קודשער".

ווער קלאַפּט אַזוי אין דער פּאָדלאָגע אין קאָרידאָר, ווי מיט אַ האַמער? שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין „לשון קודשער", דער נייער אויפזעער איז אַ מלחמה־אינוואַליד, אויפן פעלנדיקן רעכטן פוס טראָגט ער אַ הילצערנעם פּראָטעז, וואָס ביים גיין איז דער אָפּקלאַפּ ווי פון אַ האַמער.

איך כאַפּ זיך אָנצוטאָן, פאַרבעטן די בעטן. דעם ציין־פּראָטעז האַלט איך נאָך אין מיין האַנט. ער האָט מיר דערמאָנט אין מיין היים, אין מיין פרוי און זון. מיין פרוי, טראַכט איך, איז שוין געוויס געגאַנגען צו דער אַרבעט אין קינדער־גאָרטן, מיין זון איז אוועק זיך לערנען אין דער אַקאַדעמיע. וואָס לעבן זיי איבער? זיי האָבן זיכער געוואַרט אויף מיר אַ גאַנצן טאָג. ווען האָט מיין ווייב געבראַכט דעם פּראָטעז? ווו איז אַהינגעקו־

מען דער שכן? איך דערמאָן זיך אין זיין נעכטיקן הוסטן. פּלוצים פֿאַלט מיר איין אַ פרייליכער געדאַנק: געוויס האָט מען אים פריי געלאָזט. ווי קען מען עס האַלטן אַ קראַנקן מענטשן אין תפיסה אָן שום באַשולדיקונגען?

פלוצים דערהער איך אַ שטאַרקן הוסט, וואָס דערטראָגט זיך פון אַ ווייטן קאַמער. איך הער זיך איין, צי הוסט נישט פון דאָרטן מיין שכן? פאַרוואָס האָט מען אים אַריבערגעפירט און מיך געלאָזן אַליין? מיט וועמען וועל איך ארויסטראָגן די „פּאַראַשע״? איך גיי צו צו דער שווערער אייזערנער כלי און פרווו זי אויפהויבן, האַלטנדיק ביי די זייטן־הענטלעך. זי איז גענוג שווער, כאָטש זי איז כמעט פוסט.

דעם פרישטיק — ברויט מיט אַ שיסעלע זופּ, — האָב איך געעסן אָן אַפּעטיט. איך האָב זיך גענומען פאַרענדיקן מיין בוך. אַך, ווי שרעקלעך די פערסיער האָבן זיך נוקם געווען אין גריבאָיעדאָוון. פאַרוואָס איז דאָס אים געקומען? איך דערמאָן זיך זיין קבר צוזאַמען מיטן קבר פון זיין יונגער פרוי אונטער דעם אייזערנעם טויער אין טיפליס. איך דערמאָן זיך אין זיין פּיעסע „דער צער פון שכל״ אין דער אויפפירונג פון קיעווער רוסישן טעאַטער. אפשר קומט אויך מיין איצטיקער צער פון דעם שכל? — טראַכט איך מיר.

— איר וועט גיין אויף אַ שפּאַציר — רעדט מען אריין אין טיר־פענצטערל — טוט זיך אָן!

איך כאַפּ ארויף אויף זיך מיין פוטער, שטעל אפילו אויף דעם קאָטיקאָווון קאָלנער, טו אָן דעם הוט און גיי.

דורך אַ שמאָל טירעלע פירט מען מיר ארויס אין אַ קליינעם הויף. פון איין זייט זענען פענצטער פאַרהאַקטע מיט גראָבע פאַרזשאַווערטע בלעכן. פון דער צווייטער זייט — אַ וואַנט פון געקאַלכטע שטיינער, די וואַנט איז אַ פיר מעטער הויך. אויבן זע איך אַ שטיקל הימל. איבער דעם אויבערשטן טייל פון די פענצטער, ביים סאַמע דאַך, פונעם פינפטן שטאָק, דאָרט וווּ איך האָב געאַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג זיצן עטלעכע פאַרלעך טייבעלעך, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די געזימסן.

איך גיי פאָרויס, די הענט פון הינטן. די פרישע פראָסטיקע לופט פאַרשלאָגט מיך דעם אָטעם. איך גיי, נישט איך גיי, נאָר איך לויף און

נאָך מיר טריט ביי טריט גייט נאָך דער אויפזעער, דער, וואָס האָט מיר געגעבן דאָס ביכל צו לייענען און וואָס דערלאַנגט אונדז דאָס עסן.

פאַרוואָס לויפט ער מיר נאָך? צי וויל ער זיך אפשר דערוואַרעמען? צי צווינגט מען אים דערצו? די לענג פונעם שפּאַציר־הויף איז נישט מער ווי אַ 8 מעטער, די ברייט אפשר דריי מעטער. במשך פון דעם צוואַנציק־מינוטיקן שפּאַציר באַווייז איך צו מאַכן הונדערטער קרייזן און ער — נאָך מיר.

פלוצים פאַלט מיר איין אַ געדאַנק — אַ געשריי צו טאָן צו מיינע חברים אויבן אין דער הויך, זיי זאָלן דערהערן, אז איך בין דאָ, אַז איך בין אַן אומשולדיקער אַרעסטאַנט, וואָס געניסט פון גאָטס פרישער לופט, אונטער דער שטרענגער השגחה פון אַ „מיטלויפער", גאַנצע צוואַנציק מינוט...

איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן פון שרייען. ס'האָט קיין זין נישט. ערשטנס, וועט דאָס נישט העלפן. צווייטנס, וועט קיינער נישט וואַגן צווייפלען, אַז איך בין אומשולדיק. אַז עמ. ווע. דע אַרעסטירט, ווייסט זי פאַרוואָס... נישט איינמאָל פלעג איך הערן דאָס שפּריכווערטל: „דאָס פרעמדע לעבן איז א פינצטערער וואַלד". ווער האָט געוואַגט צו צווייפלען, אַז די פּראָפעסאָרן פון קרעמל זענען נישט קיין שפּיאָנען? אָדער נישט גלויבן אין דעם, וואָס מען שרייבט אין די צייטונגען, וואָס מ'זאָגט דורכן ראַדיאָ, אָדער מען ווייזט דורכן טעלעוויזאָר. צווייפלען איז פאַרבונדן מיט א גרויסער ריזיקע, מיט אומאנגענעמלעכקייטן...

דער „לשון קודשער" האָט געמאָלדן, אז מיין שפּאַציר איז פאַרענדיקט. איך בין ווידער ביי זיך אין קאמער. ס'איז אַ סך פינצטערער ווי עס איז געווען. דער דרויסן האָט מיר שטאַרק צערודערט. במשך פון אַלע יאָרן האָב איך פריי שפּאַצירט אין די גאסן, געאָטעמט מיט פרייער, פרישער לופט, אַלץ איז געווען אַזוי געוויינלעך און נאַטירלעך. און פלוצים: אָטעמען מיט א דערלויבעניש, זיצן אליין אין אַ פאַרשלאָסענער קאמער...

נאָכן שפּאַציר האָט זיך מיר פאַרוואָלט שלאָפן. זיצנדיק אויפן בענקל האָב איך אויפגעהויבן דאָס בוך העכער פון די אויגן און צוגעדרימלט צו ביסלעך. יעדעס מאָל, ווען דאָס בוך איז מיר ארויסגעפאלן פון די הענט, פלעג איך זיך אויפכאַפּן. דער „לשון קודשער" האָט נישט געשטערט. דערצו

האָט זיין קלאַפּן מיט דעם הילצערנעם פוס מיר מודיע געווען, אַז ער גייט און איך פלעג זיך אויפכאַפּן...

נאָר אין איין זאַך האָב איך זיך געפילט ערגער ווי נעכטן — איך בין געווען איינער אליין. דאָס געפיל פון איינזאַמקייט איז מיר פרעמד. כ׳האָב קיינמאָל נישט געפילט די שרעק פון זיין איינער אליין. איך פלעג אַ קוק טון אויף די דריי בעטן אין צימער און זיך געטרייסט, אז לאַנג וועט נישט דויערן מיין איינזאַמקייט. עמיצער מוז דאָך קומען, אנדערש וואָלטן דאָ קיין בעטן נישט געשטאַנען... דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אייביקייט. דאָס בוך האָב איך פאַרענדיקט. וואָס טוט מען ווייטער? ס׳ווילט זיך נישט טראַכטן און עס טראַכט זיך: צי וועלן גלויבן מיינע שילער אין דעם, וואָס מען וועט זיי זאָגן וועגן מיר? ניין, זיי וועלן נישט גלויבן? קינדער זענען אַ סך אויפריכטיקער, ווי די עלטערע. אויב זיי האָבן ליב א לערער, גלויבן זיי אין אים, נישט אזוי לייכט קען מען צורויבן זייער גלויבן...

## מיכאעלס — דער טרעגער פון לענין־ארדן — א שפּיאָן

נאָכן סיגנאַל צו לייגן זיך שלאָפן האָב איך זיך מער נישט געאיילט צו בעטן דאָס בעט און אויסטאָן זיך. איך האָב זיך צוגעהערט צום ווייטן קלונג פון טעלעפאָן, וואָס וועט מיך רופן צום אויספאָרשער. דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט קלינגען, נאָר מען האָט גערופן אַנדערע. וויפל מאָל מ׳האָט אַ טראַך געטאָן מיט דער אייזערנער טיר פון אינמיטן די טרעפּ, וואָס פירן ארויף צו די אויספאָרשער, האָב איך געוווסט, אַז מען האָט שוין עמיצן ארויפגעפירט. ענדלעך, איז אויך געקומען מיין ריי. געפירט האָט מיך דאָסמאָל דער אויפזעער „דער לשון קודשער". איך בין געגאַנגען פון פאָרנט, נישט איילנדיק זיך, כדי ער זאָל נישט דארפן מיר נאָכלויפן אויף זיין הילצערנעם פוס. איך בין שוין נישט געווען אזוי מיד ווי נעכטן. אין דער פרי בין איך אביסל שפּעטער געשלאָפן און אויך געדרימלט בייטאָג, זיצנדיק מיטן בוך אין דער האנט.

די היינטיקע אויספאָרשונג נאָכט איז געווען געווידמעט די ביכער, וואָס מען האָט ביי מיר צוגענומען.

דער אויספאָרשער לייגט ארויף אויפן טיש די בראָשור פון יידישן אנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט „ברידער — יידן פון דער גאנצער וועלט״, ליסענקאָ מישט איבער די ערשטע עטלעכע זייטלעך און ווייזט אָן מיטן פינגער אויפן פאָרטרעט פון מיכאָעלסן, ווי ער שטייט און רעדט פון דער טריבונע צו די אַמעריקאנער יידן.

— ווער איז דער אויפן בילד, ווייסט איר?

— יאָ, איך ווייס — ענטפער איך — דאָס איז דער אַרטיסט און רעזשיסער, דער טרעגער פון לענין־אָרדן — מיכאָעלס.

— אַן ארטיסט, אַ רעזשיסער, נאָר דאָס ווייסט איר וועגן אים, און אז ער איז א שפּיאָן, דער פאַרבינדלער צווישן דער אַמעריקאנער אגענטור „דזשאָינט״ און די פראָפעסאָרן־שפּיאָנען פון קרעמל, ווייסט איר?

איך שווייג.

— און אַזעלכע ביכער האָט איר אויסבאַהאַלטן און געוויס פאַרשפּרייט צווישן אייערע באַקאַנטע — האָט ער א זאָג געטאָן מיט פאַרוואורף.

איך פאַרטיידיק זיך:

— ס׳האָט זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט צווישן מיינע ביכער. מיין פרוי וואָלט זיכער געווען דאָס ביכל פאַרניכטעט, ווען זי געפינט עס.

אַנערקענט איר, הייסט עס, אַז דאָס ביכל, וואָס איר האָט באַהאַלטן, איז אַן אַנטי־סאָוויעטיש?

— קיין שום אַנטי־סאָוויעטישעס איז אין דעם ביכל נישט פאַראַן — זאָג איך — ס׳שרייבט זיך אין דעם קעגן די פאַשיסטן, קעגן היטלערן און וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאָלפן צום זיג אין דער מלחמה.

— שפּיאָנעןריידן אָפט זיסע, פאַטריאָטישע רייד, כדי צו פאַרמאַסקירן זיך. נו, און די „יידישע ענציקלאָפּעדיע״, די „געשיכטע פון יידן״, פון די פראָפעסאָרן גרעץ און פיליפּזאָן, זענען אויך געשריבן אין פאַטריאָטישן, סאָוויעטישן גייסט?

— ווען די ביכער זענען דערשינען, זענען נאָך קיין סאָוויעטן נישט געווען אויף דער וועלט! — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— יאָ, דאָס איז אמת, אָבער זיי זענען געשריבן אין אַ שטעטלעכן, נאַציאָנאַליסטישן גייסט. ווען און ווו האָט איר זיי באַקומען?

— אין 1946 יאָר איז צו מיר געקומען אַ קריסט מיטן נאָמען, דעם נאָמען האָב איך שוין פאַרגעסן, און פאָרגעלייגט צו קויפן די ביכער. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט זיי צוגענומען אין אַ יידישער שטוב, ווען די נאַצים האָבן די בעלי־בתים אַוועקגעפירט אין באַבי־יאַר. ער האָט זיי אויסבאַהאַלטן אונטער דער ערד די גאַנצע צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. איצט נויטיקט ער זיך אין געלט און וויל זיי פאַרקויפן. איך האָב פאַר די ביכער באַצאָלט אַ סך געלט, דריי טויזנט רובל. איך האָב זיי אַריינגעשטעלט אין אַ ביכער־שראַנק אונטערן גלאָז. זאָלן זיי זיין אַ מצבה נאָך מיינע אומגעקומענע מוטער, ברידער און שוועסטער. כ׳האָב קיינעם נישט געגעבן זיי צו לייענען, מורא האָבנדיק, ס׳זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן איינער פון די בענדער. ביי מיר איז געווען אַ קוויטאַנציע פון דעם, וואָס האָט מיר פאַרקויפט די ביכער. זי דאַרף זיין ביי אייך.

ליסענקאָ האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— אָט, לאָמיר אויפעפענען דעם באַנד מיט דעם אות „ח״ לאָמיר נעמען „חמעלניצקי באָגדאַן״. הערט, וואָס ס׳שרייבט זיך וועגן אונדזער גרויסן אוקראַינישן נאַציאָנאַלן העלד: ער זאָל האָבן אַדורכגעפירט פּאָגראָמען אויף יידן. נישט אַנדערש נאָר איר זענט ביי דער דאָזיקער מיינונג, ווען נישט וואָלט איר אַזעלכע ביכער נישט געהאַלטן בו. איצט וועט איר שוין באַשטעטיקן, אַז איר האָט אויסבאַהאַלטן נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור. און איצט לאָמיר נעמען דעם באַנד מיט דעם אות „צ״ ס׳איז מיר אַזש נישט גוט געוואָרן צו לייענען, אַזוי פיל שרייבט מען דאָרט וועגן ציוניזם. אפילו זייער הימן איז אָפּגעדרוקט אויף לשון־קודש. אדרבא, איבערזעצט אויף רוסיש דעם הימן!

איך האָב איבערגעזעצט כמעט בוכשטעבלעך, וואָרט ביי וואָרט. ער האָט אַלץ פאַרשריבן.

ליסענקאָ קלייבט נחת פון דעם ווי איך באַגראָב זיך.

— אויך די נאָטן פון דער מעלאָדיע זענען פאַראַן. ווי אַזוי זינגט איר דעם הימן? ס׳איז מיר אינטערעסאַנט צו הערן.

איך האָב אויפגעזוכט : פון אָנהויב גאָר שטיל, דערנאָך ביי די ווערטער „עוד לא אבדה תקוותנו" שוין העכער, אַזוי, אַז פון די זייטיקע צימערן זענען אַריינגעקומען עטלעכע מענטשן פאַרוואונדערטע, אָבער קיינער האָט מיר נישט געשטערט צו פאַרענדיקן.

אפילו אין די צייטן, ווען איך בין געווען א יונגער שומר האָב איך אַזוי האַרציק נישט געזונגען. איך האָב נישט געוואָלט אפילו טראַכטן וועגן דעם, אז דאָס געזאַנג פון „התקוה" קען מיר טייער קאָסטן.

פון דעמאָלט אָן פלעגט דער אויספאָרשער ליסענקאָ פאַרענדיקן זיין אויספאָרשונגס־אַרבעט מיט די ווערטער : נו, איצט וועלן מיר אויפזונגען די „התקוה" און גיין שלאָפן !

דער אויספאָרשער האָט שוין באַוויזן אפילו צו באַקומען פון צענטראַלן ליטעראַרישן פאָנד אַ קריטיק איבער דער „יידישער ענציקלאָפּע־דיע" און פון דער „געשיכטע פון יידן". די קריטיק איז געווען געשריבן אין אַ שאַרפן טאָן און שטאַרק טענדענציעז. די ווערטער „שאָוויניזם", „ענגער נאַציאָנאַליזם" האָבן זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. צום שטאַרקסטן איז אָנגעגריפן געוואָרן פראָפ. פיליפזאָן, וואָס האָט נאָך פראָפ. גרעצס טויט פאַרגעזעצט זיין אַרבעט.

נאָכדעם האָט זיך אנגעהויבן א סדרה פון ראַטנפאַרבאַנדישע יידישע שרייבער און זייערע ווערק. בערגעלסאָנס — „ביים דניעפּר". טאַלאַלאַ־יעוווסקיס „ווי א סאָלדאַט", פרץ מאַרקישעס א. אַנד. יידישע ווערק, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די סאָוויעטישע פאַרלאַגן. אַלע ווערק זענען געשטעמפּלט געוואָרן ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, און זייערע שעפער ווי שפּיאָנען און שעדיקער פון דער ראַטן־אָרדענונג.

— פאַרוואָס האָט איר געהאַלטן אַזעלכע ביכער ? — האָט ליסענקאָ געפרעגט.

— איך האָב נישט באַקומען קיין שום פאַראָרדענונג זיי צו פאַרניכטן.

אדרבא, ווייזט מיר, ווו איז געווען פאַרעפנטלעכט אַזאַ פאַראָרדענונג ? — האָב איך זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן — איר האָט געדאַרפט אַליין זיך ווענדן צום „אָבלליט" און אָנפרעגן וועלכע ביכער מען דאַרף פאַרניכטן !

— כ'וואָלט געמוזט דאָרט טאָגן און נעכטיקן, ווייל כמעט יעדן טאָג איז

אָן אַנדער שרייבער טרייף געוואָרן — איז געווען מיין ענטפער.

— האָט איר בכלל נישט באַדאַרפט קויפן קיין ביכער. דערויף זענען פאַראַן ביי אונדז ביבליאָטעקן, וואָס באַקומען די געהעריקע פאַראָרדענונגען. צי באַשטעטיקט איר איצט, אַז איר האָט אויסבאַהאַלטן אַנטי־סאָוויעטישע, נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור און אויך געגעבן זיי צו לייענען אייערע חברים און שכנים ?

— ניין — האָב איך דערווידערט — איך האָב נישט אויסבאַהאַלטן קיין שום ליטעראַטור. די ביכער זענען עפנטלעך געשטאַנען אין ביכער־שאַנק, אונטערן גלאָז, צווייטנס, האָב איך קיינעם נישט געגעבן צו לייענען.

— וואו־זשע, אויב אַזוי, איז אַהינגעקומען דער פינפטער באַנד פון דער „געשיכטע פון יידן" ? וועמען האָט איר אים אָוועקגעגעבן ?

— איך האָב באַלד נישט באַקומען דעם פינפטן באַנד. עס איז וועגן דעם אָנגעמערקט געוואָרן אין דעם קוויט, וואָס דער פאַרקויפער האָט מיר געגעבן.

— דעם פאַרקויפערס גליק, וואָס ער איז נאָך אין 1951 יאָר געשטאָרבן אין שפיטאָל, אַנדערש וואָלט ער גלייך מיט אייך געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. מיר האָבן אים געזוכט.

— ער איז דאָך א קריסט געווען, נישט קיין ייד — האָב איך באַמערקט.

נישט וויכטיק : קריסט, ייד. פאַרן סאָוויעטישן זאקאָן זענען אַלע גלייך.

# איך באקום א נייעם שכן

צוויי טעג בין איך געזעסן איינער אַליין. קיין בוך צום לייענען האָב איך נישט געהאַט. עס האָט ווידער דיזשורירט „טשיטאַ" מיטן מאַלפּע־פּנים. ווייזט אויס, אַז דער אויספאָרשער האָט אים באַפוילן שטרענגער אַכטונג צו געבן איך זאָל, חלילה, נישט דרימלען במשך פונעם טאָג. דורכן פענצטערל האָט מיר „טשיטאַ" באַפוילן זיצן נאָענט צו דער טיר מיטן פּנים

צום פענצטערל. יעדע פופצן מינוט פלעגט ער אָנקלאַפּן אין דער טיר און מיר געגעבן צו וויסן, אַז זיין אויג וואַכט. ביי דער „פּראָווערקע״ האָט ער ווייטער צעוואָרפּן אַלע דריי בעטן און אָפּגערוקט די שאַפּקעלעך פון זייער אָרט. דאָס איז מיר צונויץ געקומען. איך האָב דערווייל געהאַט וואָס צו טאָן מיט דער לאַנגווייליקער צייט. איך האָב זייער שיין און גלייך פאַרבעט די בעטן, די עקן געמאַכט קאַנטיק, דאָס קישעלע אויסגעלעגט, ס׳זאָל אויף דעם קיין קנייטשן נישט זיין. די פּאָדלאָגע האָב איך צוויי מאָל געוואַשן. אויך די „פּאַראַשע״ האָב איך געמוזט איינער אַליין שלעפּן מיטביידע הענט, אָנשפּאַרנדיק זי אין בויך.

אויפן פערטן טאָג האָט דער „לשון קודשער״ אויפגעפּראַלט די טיר און אַריינגעפירט צו מיר א נייעם שכן. דאָס איז געווען א הויכער, דיקלעכער פאַרשוין, מיט א ברייטלעכער יידישער נאָז. אָנשטאָט א מאַנטל האָט ער געטראָגן א דריי־פערטלדיקן וואַטענעם בושלאַט און אונטער אים א פּאָר וואַטענע הויזן און אַ קירצערן פידזשאַק אויך אויף וואַטע. אויף די פיס — גרויסע גראָע וואַלענקעס און אויפן קאָפּ אַ ווינטער־היטל פון פוטער מיט לאַנגע אויערן.

איך בין געווען פאַרוואונדערט: א ייד אין קיעוו מיט אַזאַ אָנטון? ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט: „האָכבערג יעקב״ — הייס איך. און איר?״

ער האָט באַלד אַרונטערגענומען זיין רוקזאַק פון די פּלייצעס און אַרויסגעלייגט אויפן שאַפּקעלע אַלץ, וואָס ער האָט געבראַכט: עטלעכע קישקעס ווורשט, צוקער־קיכעלעך, פּוטער, צוקער און עפּל, צעשניטענע אויף דער העלפט. שפּעטער האָט ער זיך מיט גרויס אַפּעטיט גענומען צו דער אכילה. ער האָט מיך פאַרבעטן מיטצועסן.

איך האָב זיך געפּרוווט אָפּזאָגן:

— איך בין נישט הונגעריק, כ׳האָב אָקאָרשט געפרישטיקט.

— טשעפּוכאַ, ביי אונדז פאַרמשפּטע איז א באַליידיקונג אָפּצוזאָגן, ווען עמיצער פאַרבעט מיטעסן. מאָרגן איז פרייטיק, וועט מסתּם אויך אייער פרוי ברענגען גוטע זאַכן, וועל איך ביי אייך נעמען.

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז מאָרגן, פרייטיק, קען מען אַהער ברענגען פּעקלעך? — בין איך נייגעריק געווען צו וויסן.

— ע... ע... איך בין שוין נישט קיין היינטיקער — זאָגט ער קייענדיק — פריער מיט צוויי מיט א האַלבן יאָר בין איך שוין דאָ געזעסן כמעט גאַנצע פינף מאָנאַטן אין אויספאָרשונגס־טורמע. פון דאַנען בין איך פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר לויט דער סטאַטיי 10־54, די צווייטע טייל. כ׳האָב שוין אַדורכגעמאַכט צוויי און א האַלב יאָר ספּעץ־לאַגער. איך בין שוין אַן אויסגערויכערטע לולקע.

זיינע רייד האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ דריי־גאָרנדיקער יופּע, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט ווייזן, אז ער איז א מענטש, וואָס איז שוין אַדורכ־געגאַנגען דורך פייער, וואַסער און מעשענע רערן. מיינע אויערן זענען נישט געוווינט געווען צו הערן אַזאַ שפּראַך, מיט אַזעלכע קללות. איך האָב אַ ציטער געטאָן — ווי אזוי אַ מענטש, דערצו אַ ייד, קען דערגיין צו אַזאַ נידעריקער מדרגה.

מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. דערביי האָט ער נישט אויפגעהערט צו לויבן די זיסע היימישע קיכעלעך, וואָס זיין ווייב שרה האָט אַליין געבאַקן און געבראַכט אים ערשט נעכטן אין איבערשיקונגס־טורמע. שוין צוויי מיט א האלבן יאָר האָט ער זיין שרהקען און אויך זיינע צוויי טעכטער נישט געזען. ערשט נעכטן, ווען זי איז אַדורכגעגאַנגען, נאָכן איבערגעבן די „פּערעדאַטשע", האָט ער זי דערזען דורך אַ לעכל אין לאָדן. זי, שרה, איז, דוכט זיך אים, אַ סך קלענער און דאַרער געוואָרן. ער האָט איבער־געריסן דאָס עסן און איז אַוועקגעגאַנגען צום פענצטער, איך זאָל נישט זען זיינע טרערן אין די אויגן. איך האָב אויך דערפילט דערביי, ווי עפּעס שטייפס און שפּיציקס האָט זיך מיר געשטעלט אין גאָרגל. שפּעטער האָב איך אים דערציילט וועגן זיך, וועגן מיין ווייב און זון, ווי מען מאַטערט מיר דאָ גאַנצע נעכט און איך ווייס נישט פאַרוואָס און פאַר ווען.

— אַזוי איז אויך ביי מיר געווען — זאָגט ער — מען מוז זיך, ברודער, צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז פון דאַנען גייט מען נאָר אין טורמע און פון דאָרט אין לאַגער. וועגן דער פריי מוז מען פאַרגעסן, ווי א פרוי נאָך דער חתונה אין איר מיידלשקייט...

— איך קען נישט גלויבן, מען זאָל קענען אַן אומשולדיקן מענטשן,

אַן אַ פּאַרוואַס, פּאַרמישפּטן. וואָס, ס׳איז קיין קאָדעקס נישטאָ? לית דין ולית דיין? — האָב איך אויסגעשריען.

— זייט נישט קיין „יאָלד״ — האָט ער געזאָגט פּאַכמעניש — זיי דאַרפן נאָר אַ מענטשן. באַווייזן און באַשולדיקונגען וועלן זיי שוין צוזאַמענשטעלן. זיי זענען מייסטערס דערויף.

— און אייך האָט מען אויך אומזיסט איינגעזעצט? — האָב איך געפרעגט.

— איר זענט נאָך אַ רעקרוט און אייך איז נאָך צו פרי צו וויסן אַ סך זאַכן. אַן אונדזעריקער וועט קיינמאָל נישט אויסגעבן. ער ווייסט, אַז דערפאַר וועט מען אים אין לאַגער מאַכן כיק... אָבער איר זענט נאָך אַ „פרייער״.

— אויסגעבן? אַזאַ באַליידיקונג? איך האָב אים נישט אָפּגעענטפערט.

איך האָב זיך באַמיט וואָס ווייניקער שמועסן מיט אים וועגן זיך. מיר פלעגן מערסטנס שפּילן אין דאָמינאָ. ער האָט אַ סך בעסער פון מיר געשפּילט. נאָר האָט געמוזט געווינען. ווען ס׳האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז איך האָב געווינען, האָט ער מיר געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך האָב פאַלש געשפּילט, אַז איך האָב זיך אונטערגעקוקט אין זיינע שטיינער... שפּעטער האָט ער מיך איבערגעבעטן און מיר האָבן אויפסניי געשפּילט. ביים סאַמע סוף פון שפּיל האָב איך אוממיסטן אונטערגעגעבן אַ שטיין, אָדער געמאַכט אַ פאַלשן גאַנג, כדי ער זאָל געווינען. פאַר מיר איז די שפּיל געווען נאָר אַ צייט־פאַרטרייב, ביי אים — ווי אַ לעבנס־פראַגע.

אַממערסטנס האָב איך ליב געהאַט צו הערן זיינע דערינערונגען פון דער מלחמה. פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, אַלס טאַנקיסט. פון אַ פשוטן סאָלדאַט איז ער דערגאַנגען צו דער ראַנג פון אַן אָפיציר און ווען זיין פּולקאָווניק איז אומגעקומען אין קאַמף הינטער בערלין, האָט ער אפילו איבערגענומען די אָנפירערשאַפט אויף זיין אָרט.

— אוי, האָב איך זיך נוקם געווען אין די דייטשונעס פאַר אונדזערע ברידער! — פלעגט ער זאָגן מיט שטאָלץ — איך פאָר שטענדיק דער ערשטער, אין אָנפירער־טאַנק. מיר דערנענטערן זיך צו בערלין. די וועגן

זענען באַלאַגערט מיט דייטשן, זיי פירן אין וועגעלעך זייער האָב און גוטס. אין יעדנס בליק זע איך שנאה און האַס. פּרווו איך אפילו זיי נישט אויסמיידן. זייערע פאַרצווייפלטע קולות זענען פאַר מיר געווען אַ שיין געזאַנג, אַ מוזיק. קיין רחמנות־געפיל לגבי די דייטשן קען ביי מיר נישט זיין. איך דערמאָן זיך, אַז אַמאָל האָט מען מיר מיט אַ גרופּע זעלנער איבערגעגעבן אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע פאַשיסטן אָפּצופירן צום שטאַב. צום גליק האָבן אייניקע געפּרווט מאַכן ויברח. אדרבא, לויפט, פאַרוואָס נישט? זיי לויפן און מיר שטייען אויף איין אָרט און טראַך, טראַך מיט די אויטאָמאַטן. אַוועקגעלייגט אַלע ביז איינעם. אָ, זיי וועלן שוין מער נישט לויפן...

דערציילן פלעגט ער וועגן דעם מיט ברען. די אויגן זיינע האָבן גע־פינקלט מיט פייער. מיט די הענט פלעגט ער באַוועגן מער ווי שטענדיק. געטראַכט האָב איך דערביי, אַז געוויס זענען אַ סך פון זיינע דערציילונ־גען איבערגעטריבן, אפילו פאַנטאַסטיש. דאָך האָב איך געוואָלט הערן וועגן דעם וואָס מער. איך האָב באַקומען פאַר אים מער דרך־ארץ צוליב זיין העלדישקייט און נקמה־נעמען פון די קינדער־מערדער...

ווען ס׳פלעגט זיך דערנענטערן דער אָונט, האָט ער באַמערקט, ווי איך הויב זיך אָן אויפצורעגן. פלעגט ער פּרווון מיך באַרויקן: „נאָר רואיק מוזטו זיין, זאָל ער, דער אויספאָרשער, זיך דענערווירן. דיין רואיקייט וועט אים אויפרעגן. דער עיקר — זאָלסט נישט דערמאָנען אפילו די נעמען פון דיין פרוי און זון. דערלאָז נישט, מען זאָל זיי אויך אַריינשלעפּן אין קאָן. אַלץ נעם אויף זיך, ווייל דיין גורל איז שוין סיי־ווי געחתמעט, אָבער זיי טשעפּע נישט. איך האָב אויך אַזוי געטאָן. איך האָב קיינעם נישט אַריינגעשלעפּט, האָט מען מיך אַליין פאַרמשפּט. פאַר אַ פאַרברעכן אין אַ קאָלעקטיוו באַקומסטו 25 יאָר, פאַר אַן אינדיווידו־עלן נאָר 10 יאָר. דו זע נאָר צו באַקומען אַ געוויינלעכן פאַרבעסערונגס אַרבעסט־לאַגער, נישט ווי איך. דאָרט באַקומסטו אָפטע בריוו פון דער היים. אין אַ ספּעץ־לאַגער באַקומסטו נאָר צוויי בריוו אַ יאָר. דאָרטן באַקומסטו „זאַטשאָטן", דאָס הייסט צוויי, אפילו דריי טעג פאַר איין טאָג, אויב דו אַרבעטסט אויס עטלעכע נאָרמעס, דאָרט געניסטו פון פאַרשידענע אַמ־

נעסטיעס; אין ספעץ־לאַגער מוזטו שווער אָפּאַרבעטן פון קלונג צום קלונג און נאָך אַ ביסל...

## דאס גאלדענע פישעלע

די נאַכט איז געווען ביי מיר אַן אויסטערלישע. ווען איך בין אַריין אין צימער צום אויספאַרשער, איז שוין דאָרט געזעסן אַ פּולקאָווניק־פּראָקוראָר. אַנטקעגן אויספאַרשער איז געזעסן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 20. ער האָט זיך פאַרקוקט אין אַ זייט און נישט געוואָגט אַ קוק צו טאָן מיר אין פּנים אַריין. איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען, ווו כ׳האָב אים געזען. ס׳האָט מיר געשיינט, אַז ער פלעגט אַמאָל קומען צו מיין שכן אַראָן סאַמאָילאָוויטש גרופּין, זיינעם אַ קרוב.

— צי קענט איר דעם, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר — פרעגט דער אויספאַרשער.

— ניין, איך קען אים נישט פערזענלעך, אָבער ס׳שיינט מיר, אַז כ׳האָב אים אַמאָל באַמערקט, ווען ער איז געקומען צו מיין שכן גרופּין — האָב איך געענטפערט.

— נו, און איר, חבר שטיין, קענט דעם בירגער? — ווענדעט זיך דער אויספאַרשער צום יונגנמאַן.

— אוודאי קען איך אים. איך האָב זיך מיט אים עטלעכע מאָל געטראָפן ביי מיין פעטער — האָט ער געענטפערט מיט נישט קיין זיכערער שטים.

— נו, דערציילט, חבר שטיין, גענויער, אין דער אָנוועזנהייט פון דעם חבר פּולקאָווניק־פּראָקוראָר אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן אים!

דער בחור איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט ווי אַ שילער אין קלאַס און האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אַן אויסגעלערנט מעשהלע. פּונקט ביי פּונקט, ווי פון אַ גראַמאָפאָן־פּליטע:

— איין מאָל זיץ איך אין דרויסן און וואַרט אויפן פעטער. גייט אַדורך אין הויף אַ פרוי מיט אַן אָפענער ברוסט און גיט צו זויגן אַ פּיצל קינד. דער בירגער איז פּונקט אַדורכגעגאַנגען און, דרך אגב, אַ זאָג געטאָן צו מיר: „ זעסט, יינגל, דאָס האָט די ראַטן־מאַכט געמאַכט אַלע פרויען פאַר פּראָסטיטוטקעס״. אַ צווייט מאָל האָב איך געהערט, ווי דער בירגער האָט געזאָגט, אַז אין ישראל פּראַוועון יידן גאָר אַנדערש זייערע ימים־טובים, אין דער צייט ווען ביי אונדז ווייסט מען אפילו נישט, ווען זיי קומען פאָר. איך מיין, אַז וועגן דעם ווייסט ער, ווייל ער הערט געוויס דאָס „קול פון ישראל״. מיין מומע איז אַ רוסישע, אַ לערערין. האָט דער בירגער זיך געקלאָגט פאַר איר, אַז די יידישע קינדער באַעוולט מען אין די אוקראַינישע שולן און מען שטעלט זיי ערגענע מיינונגען. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם עקזאַמען־פּראָטאָקאָל פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווען ער איז געווען אַן אַסיסטענט...

אָט אין דעם טאָן האָט דער יונגערמאַן גערעדט און גערעדט. אין זיין רעדע האָט נאָר געפעלט דער גראַם פון אַ דעקלאַמאַציע, אַזוי קונציק און נישט איבעריק קלוג איז זי צונויפגעשטעלט געוואָרן.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף? — ווענדעט זיך צו מיר מיט אַ נצחון־טאָן דער אויספאָרשער.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָב איך ווי ווייט מעגלעך רואיק גע־ענטפערט — אָפּלייקענען אַזעלכע נאַרישקייטן איז נידעריקער פון מיין כבוד. איר האָט געכאַפּט דאָס גאָלדענע פישעלע און אים באַפוילן אייך צו דינען. אַ דאַנק אים, וואָס ער האָט מיר געעפנט מיינע אויגן, איך זאָל ענדלעך דערזען ווער זיין פעטער איז.

דערביי ווענד איך זיך צום פּראָקוראָר:

— פאַרוואָס האַלט מען מיך דאָ? צי האָט איר געגעבן אייער צושטי־מונג דערויף?

דער פּראָקוראָר: — געוויס וועל איך געבן מיין צושטימונג אייך צו פאַרהאַלטן און משפּטן. זייט רואיק!

— מילא — ענטפער איך מיט געמאַכטער רואיקייט — טוט ווי איר פאַרשטייט. נאָר איך שטעל פעסט. אַז דריי טעג האָט מען מיך געהאַלטן

אַלס אַרעסטאַנט אין טורמע אומגעזעצלעך. וואָס שייך דעם גאָלדענעם פּישעלע, גלויב איך, אַז אויך איר וועט בלייבן ביי דער צעבראָכענער קאָריטע, ווי די אַלטע אין פּושקינס מעשהלע...

דאָס מאָל האָט מיך דער אויספאָרשער לאַנג נישט געהאַלטן און אָפּ־געשיקט צוריק אין קאַמער אַריין. מיין שכן איז געלעגן אַנטקעגנאיבער מיר און נאָך נישט געשלאָפן.

— אַזוי שנעל ביסטו שוין דאָ צוריק? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

— שטעלט זיך פאָר, אַז איך ווייס שוין ווער ס'האָט מיך באַגראָבן — האָב איך אים געענטפערט — מיין שכן גרופּין אַראָן סאַמאָילאָוויטש. אָט האָב איך איצט געהאַט אַן „אָטשנע סטאַווקע" אין דער אַנוועזנהייט פונעם פּראָקוראָר מיט זיין פלימעניק. ער האָט געשיט און געשיט. ער האָט דעקלאַמירט ווי אַן אַרטיסט פון דער בינע זיין מאָנאָלאָג. גלויבט מיר, אַז איך קען אים כמעט נישט.

איך ציטער אַזש פונעם געדאַנק, אַז ער, גרופּין, שפּילט ווייטער די ראָל פון אַ „הויז־פריינט" ביי מיר אין שטוב. איך האָב מורא, ער זאָל אויך מיין ווייב און זון ניט אַריינשלעפּן... ס'איז אים ווייניק, וואָס איך האָב פאַר מיינע ירושה־געלטער פאַר אים אַן אומזיסטע דירה אויסגע־בויט, וויל ער נאָך מיין דירה צונעמען. וואָס טוט מען? ווי אַזוי גיט מען צוויסן מיין ווייב? — האָב איך מיט פאַרצווייפלונג אויסגערופן.

— שאַ, מאַך נישט קיין ליאַרעם! — האָט מיין שכן געפּרוווט מיך באַרואיקן — מיר וועלן באַקלערן. „דער פרימאָרגן איז קלוגער פונעם אָוונט" זאָגט דאָס שפּיכוואָרט. דערווייל שלאָף זיך אויס!

איך בין נאָך לאַנג געלעגן און געטראַכט וועגן זייער „גאָלדן פּי־שעלע". דער אויספאָרשער האָט אַזעלכן געמוזט האָבן, ווייל ווי ס'ווייזט אויס, איז דער פּראָקוראָר נישט מסכים געווען מיך צו פאַרהאַלטן... אָז ער האָט אים נישקשהדיק אויסגעדרעסירט, דער פעטער זיינער..

אינדערפרי האָט מיר מיין שכן געגעבן אַן עצה ווי אַזוי צו וויסן געבן מיין פרוי: — היינט אינדערפרי וועט זי געוויס ברענגען פאַר דיר אַ פּעקל. דו קענסט איר איבערגעבן דיינע ברודיקע וועש. ערגעץ־ווו

קענסטו אָנשרייבן מיטן אַש פון אַ שוועבעלע אַ פּאָר ווערטער און שוין...

איך האָב אים געפאָלגט. אין אַ ווינקל פון אַ טיכעלע האָב איך אָנ־געשריבן מיטן אַש פון אַן אויסגעברענט שוועבעלע „ביף יודאַ״. גרופּי־נען האָט מען גערופן ביי אונדז אין הויף „חיים ביף״. ער אַליין פלעגט זיך אַמאָל פאָרשטעלן מיט אַ כיטרען שמייכל אין די אויגן „חיים ביף״. „יודאַ״ איז אַ שם־דבר, „פּראָוואָקאַטאָר״ בלע״ז. אַזוי אַרום וועט מיין ווייב פאַרשטיין. אומגעריכט האָט מען מיר אין אַ פּאָר מינוט אַרום אי־בערגעגעבן די „פּערעדאַטשע״, אַ פּעקל מיט פּראָדוקטן: ווורשט, צוקער, קיכעלעך און עפּל, איבערגעשניטענע אויף צווייען און ריינע אונטערוועש.

— צי האָט איר ברודיקע וועש איבערצוגעבן? — האָט געפרעגט דער וועכטער, וואָס צעטראָגט אויך דאָס עסן און גייט אויף די שפּאַצירן.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

איך האָב שנעל איבערגעטאָן די ריינע וועש. אין די אונטערהויזן האָב איך אַריינגעלייגט דאָס טיכעלע מיט דער אויפשריפט „ביף יודאַ״ און מיט האַרץ־קלאַפּעניש איבערגעגעבן די וועש. איך האָב אפילו באַלד חרטה געקראָגן אויף מיין אויפטו, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. מיין שכן איז דערביי נישט געווען. אים האָט מען אַרויסגערופן צום אויס־פאָרשער, ס׳איז מערקווירדיק, פאַרוואָס רופט מען אים אינדערפרי און מיך נאָר ביינאַכט?

ער איז צוריקגעקומען ערשט נאָך מיטאָג־צייט. זיין מיטאָג־עסן איז געשטאַנען קאַלט אויפן טיש. ער איז געקומען אַ צערודערטער.

— אַלע האָבן זיי אויפגעכאַפּט ביז איינעם — האָט ער אויסגערופן, פאַרשמעלצנדיק מיט אַ דרייגאָרנדיקער קללה. — אפילו דעם פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ גרויסער און קלוגער מאַן. דער באַפולמעכטיקטער פון האַנדלס־מיניסטעריום זאָל זיך אַזוי מיאוס אַריינ־דרייען. און נאָך אַזאַ קאָנספּיראַציע! יעדער איינער האָט געקענט נאָר דעם, וואָס האָט אים אַריינגעצויגן, אויך נאָר דעם, וואָס ער האָט אַריינ־געצויגן... זיי האָבן אויך מיך אויסגעגעבן. דעריבער האָט מען מיר צו־ריקגעבראַכט פון לאַגער. איצט וועט מען מיר אויפסניי משפּטן צוזאַמען מיט זיי אַלע. ווער האָט געקענט מסרן? איך האָב שוין נישט וואָס אָנ־

צווערן. נאָך ספּעצלאַגער איז גאָרנישט שרעקלעך. אָבער זיי? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב שוין באַוויזן אַריבערצופּעקלען צוועלף משפּחות קיין פּאַלעסטינע דורך איראַן... נאָך איין פאַמיליע און איך וואָלט שוין אויך געווען דאָרטן. — איך בין געווען פאַרוואונדערט וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אַזוי פיל אויסגעשיט וועגן זיך. איך האָב אָנגעהויבן חושד זיין, אַז ער דערציילט עס מיר בכיוון, כדי צו מאַכן מיר אָפנהאַרציקער. איך האָב געשוויגן...*

איך האָב אים מכבד געווען מיט מיינע גוטע מאַכלים. פונדעסטוועגן האָט ער אויך אויפגעגעסן די קאַלטע זופּ און קאַשע.

— אַוועקגעשיקט? — האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן מיט אַ פול מויל.

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דעם טאָג האָט דער אָנפירער פון דער אויספאָרשונג־טורמע מיר אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט. איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אונטן אין קעלער זאָל זיין אַזאַ שיינער אויסגעפּוצטער קאַבינעט. איך האָב זיך געמוזט אויסטאָן פאַר אים, אַזוי ווי מיין מאַמע האָט מיר געהאָט.

ער האָט אויסגעפילט אַ גרויסן אָנקעטע־בויגן. דערנאָך באַטראַכט דעם אויסגעטאַטואירטן מ ג ן ד ו ד אויף מיין לינקער האַנט און גע־פּרוווט נאָכצייכענען אויפן פּאַפּיר דעם מגן דוד. שפּעטער האָט ער באַ־שמירט די שפּיצן פון מיינע פינגער מיט שוואַרצער פאַרב און אָפּגע־דרוקט אין אַ סך עקזעמפּליאַרן מיינע פינגער. דערנאָך האָט ער מיר אַרויסגעפירט אין הויף און מיך אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין עטלעכע פּאָזעס.

— איצט בין איך שוין אַ פאַרטיקער אַרעסטאַנט — האָב איך גע־טראַכט. עס איז נאָך אַ וווּנדער, וואָס זיי שערן מיר נישט אָפּ די האָר פון קאָפּ.

* אין רעזולטאַט פון פּראָצעס האָט מען אים באַפרייט. ער האָט געוואָרפן צו זיך מיין פרוי. פון זיינע שמועסן מיט איר, איז זי איבערצייגט, אַז ער איז געווען אַן אונטערגעשיקטער פּראָוואָקאַטאָר.

# דער דורכפאַל

דעם נאַכט־סעאַנס האָט דער אויספאָרשער געווידמעט די פאָטאָגראַ־פיעס, וואָס ער האָט ביי מיר צוגענומען. אויפן טיש זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע קאָנווערטן מיט אויפשריפטן: פאַמיליע־פאָטאָגראַ־פיעס, פאָטאָגראַפיעס פון חברים, טוריסטן־פאָטאָגראַפיעס און אויף אַ גרויסן קאָנווערט, וואָס איז ספּעציעל אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון פאָרנט, איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע געדרוקטע אותיות: „ש פּ י אָ נ אַ ז ש־פ אָ ט אָ ג ר אַ פ י ע ס״.

דערזעענדיק דעם דאָזיקן אויפשריפט איז מיר קאַלט געוואָרן אין יעדן אבר. הייסט עס, אַז אויך מיר וויל מען מאַכן פאַר אַ שפּיאָן, גלייך מיט די יידישע דאָקטוירים אין מאָסקווע.

און מערקווירדיק, דער אויספאָרשער איז דווקא געווען זייער גוט געשטימט, געשמייכלט און געוויצלט זיך. ער האָט אויסגעפרעגט און פאַרשריבן אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט פּינקטלעך וועגן די פאַמיליע־פאָטאָגראַפיעס. אַממערסטן האָט ער אויסגעפרעגט וועגן מיין שוועסטער, שוואָגער און זייערע קינדער, וואָס זענען אַריבערגעפאָרן פון בראַזיליע קיין י ש ר א ל.

נאָך האַלבער נאַכט איז אַריינגעקומען דער מאַיאָר איוואַנאָוו און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. איך האָב געמיינט, אַז ער איז ספּעציעל אַריינ־געקומען, כדי צו באַטראַכטן ביים ברענגען די „שפּיאָנאַזש־פאָטאָגראַפיעס״. צום סוף האָט גאָר דער אויספאָרשער ליסענקאָ באַהאַלטן אַלע קאָנווערטן אין שופלאָד און פון דאָרט אַרויסגעצויגן... מיין טיכעלע. ס׳איז מיר פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן. זיי האָבן מיך געפּאַקט!

— איר דערקענט דאָס טיכעלע? — האָט דער אויספאָרשער אַ פרעג געטאָן מיט אַ כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן.

איך האָב געשוויגן. בליץ־שנעל האָב איך ביי זיך באַשלאָסן: זאָל זיין וואָס ס׳קען זיין — ערגער קאָן שוין נישט זיין!

— יאָ — זאָג איך — ס׳איז מיין טיכעלע.

— וואָס־זשע האָט איר אָנגעשריבן אויף דעם?

— ב י ף  י ו ד אָ! — ענטפער איך.

— ריכטיק! וואָס באַדייט דאָס?

— מיין אומווירדיקער שכן, שטיינס פעטער, ג ר ו פ י ן  אַ ר אָ ן  ס אַ מ אָ י ל אָ ו י ט ש  רופט זיך „ב י ף״, וואָס „יודאַ״ מיינט — ווייסט איר אַליין. מיין פרוי מוז וויסן, ווער עס איז אונדזער  מ ע ר ד ע ר.

ביי די ווערטער, הויבט זיך אויף דער מאַיאָר איוואַנאָוו, גייט צו נאָענט צו מיר און פאַכנדיק מיט די פויסטן שרייט ער צו מיר אויף דער שפּראַך פון גנבים:

— דו, פאַרדריפּעטער אינטעליגענט!

— פאַר אַזאַ פאַרברעכן קאָנען מיר דיך, הונטישער זון, פאַרשיטן אויף אייביק! דו וועסט שוין דיין ווייב און דיין זון זען, ווי דו זעסט אַ בראָ־דאַווקע אויף דעם באַדאָסטן הינטן דיינעם!

דער גרימצאָרן אין אים וואַקסט. ער רעדט נישט, נאָר גרילצט און רעוועט ווי אַ ווילדע חיה.

— אַ ז אַ  ס אַ ב אָ ט אַ ז ש!

— פאַרוואָס האָסטו אַזאַ געמיינהייט געטאָן?

איך קוק אים גלייך אין פּנים אַריין, ווי נישט מיך מיינט ער און איך שווייג.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט, דו אַזוינער און אַזוינער!? איך שפּיי דיר אין דיין אָוועדיקן מויל און אין דיין צורה אַריין!

— לאַנג וועסטו ביי מיר נישט שוויגן... דו וועסט ביי מיר רעדן... רעדן.

איך בלייב פאַרשטיינערט, קוק אים גלייך אין די אויגן זיינע, וואָס בליצן מיט פייער.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט דעם אָנפירער פון דעם אויספאָר־שונגס־אַמט, דעם מאַיאָר איוואַנאָוו? — פרעגט מיך ליסענקאָ אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן.

— ווי אַזוי קאָן איך ענטפערן, ווען איך פאַרשטיי נישט אַזאַ שפּראַך. איך בין נאָך נישט געווען צווישן גנבים און פאַרשטיי נישט זייער

שפּראַך. איך בין עלטער פונעם מאַיאָר, פּאַרוואָס זידלט ער מיך און וועגדעט זיך צו מיר אויף „דו“?

— ווי אַזוי דען זאָל איך זיך ווענדן צו אַזאַ אויסוואורף? — „גאָספּאָדין“? אָדער „פּאַן“? — וואַרפט אַריין שוין רואיקער דער מאַיאָר.

— זאָל זיין „גאָספּאָדין“, זאָל זיין „פּאַן“‟, אָבער נישט „דו“ — זאָג איך.

— נו, ווען מיר דעם „פּאַן“ אַריינקנאַקן נאָך אַ סטאַטיי, פאַר וועלכער ער וועט באַקומען נאָך פופצן יאָר, פאַר סאַבאָטאַזש פון דער אויספאָרשונגס־אַרבעט. און איצט פאַרשרייב אַלץ און זאָל ער אונטערשרייבן.

דער מאַיאָר איז אַרויס פון צימער מיט אַ פעסטן קלאַפּ אין טיר. די טיר האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין מיר...

„זיי האָבן מיך געפּאַקט!“ — מיט אָט די ווערטער האָב איך אינדערפרי איבערגעגעבן מיין שכן אין קאַמער די בשורה, אַז צווישן די אַרויסגעשיקטע וועש האָבן זיי געפונען דאָס נאָטיצל מיטן אויפשריפט „ביף־יודאַ“.

— עס פאַרדרוסט מיך, הלמאי איך האָב דיר געגעבן אַזאַ נאַרישע עצה. איך פיל זיך שולדיק — האָט מיין שכן מיט אומעט מיר מיטגעפילט.

איך האָב אים געטרייסט:

— איר זענט נישט שולדיק. איר האָט דען געמיינט מיר צו טאָן שלעכטס?

— זיי דראָען מיר מיט אַ צוגאָב־סטאַטיי פאַר סאַבאָטאַזש. זיי גרייטן זיך מיר צו באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש — האָב איך אים ווייטער אינפאָרמירט.

פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט מיין שכן.

— איך האָב געזען אַ קאָנווערט מיט אַן אויפשריפט „שפּיאָנאַזש־פּאַטאָגראַפיעס“. ליסענקאָ האָט דעם קאָנווערט אַרויסגעשטעלט אויפן טיש. ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די פּראָפעסאָרן פון קרעמל זענען געוויס אויך אַזעלכע שפּיאָנען, ווי איך...

מיין שכן איז געוואָרן באַרעדעוודיק:

— דער רוח ווייסט זיי... צווישן אונדזערע יידעלעך קאָן דאָס אויך

טרעפן... דו טראַכט נישט וועגן די פּראָפעסאָרן, טראַכט וועגן זיך. דו מוזט, לויט מיר נאָך, בעטן ביים אויספאָרשער, ער זאָל דיר געבן וועלכע ער וויל שטראָף, אָבער נישט קיין צוגאָב־סטאַטיי. מיט נאָך אַ סטאַטיי צו דיינער, 58־טער, באַקומסטו זיכער אַ פינף־און־צוואַנציקער. און דאָס איז געפערלעך.

— ערגער פון ערגער קאָן שוין נישט זיין! — האָב איך אַרויסגע־זאָגט מיט רעזיגנאַציע.

— לאָמיר בעסער איבערכאַפּן דערווייל פון די גוטע מאכלים, וואָס מיין ווייב האָט מיר נעכטן צוגעשיקט. אַלא אויף ווײַטער, איז גאָט אַ פּאָ־טער, איינעם גיט ער אַ מכה, דעם צווייטן אַ בלאָטער...

# אין קאַרצער

אין אַ פּאָר שעה אַרום עפנט דער נאַטשאַלניק פון דער אויספאָר־שונגס־טורמע דאָס פענצטערל אין טיר און רופט אויס סודותפול:

— דער מיטן נאָמען, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ „פ״! טוט זיך אָן דעם פוטער און קומט מיט מיר. אַלע אַנדערע זאַכן לאָזט איבער.

— דעם פוטער? הייסט עס, אַז נישט צום אויספאָרשער. וווהין־זשע פירט ער מיך?

ביי דער קאַמער נומער 13 שטעלט ער זיך אָפּ...

— ווייסט איר וווהין איך פיר אייך? — פרעגט דער נאַטשאַלניק.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — ענטפער איך מיט אַ פראַגע.

— אין קאַרצער — זאָגט ער סודותפול און פאַרזיכטיק, מען זאָל, חלילה, נישט דערהערן אין די נאָענטע קאַמערן — פאַרוואָס? דאָס ווייסט איר זיכער אַליין. אויף פינף מעת־לעת. יעדן טאָג וועט איר באַקומען דריי הונדערט גראַם ברויט מיט וואַסער; אויפן דריטן טאָג אויך אַ ביסל זופּ.

דער קאַרצער — אַ גאַר קליין קעמערל, ווייס געפאַרבט, אָן פענצטער.

די עלעקטרישע שיין פונעם לעמפּל אונטער אַ געדיכטער נעץ, וואָס הענגט איבער דער טיר, איז אַ סך העלער ווי אין מיין קאַמער, די צעמענטענע פּאָדלאָגע איז באַדעקט מיט פאַרשידענע פאַרבן, ווי צונויפגעגאָסן פון פאַרשידענע שטיקלעך. דאָס גאַנצע מעבל באַשטייט פון אַ טאַבורעט.

ס׳איז געווען סוף פעברואַר. אין דרויסן האָבן געהערשט שטאַרקע פרעסט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל מיטן פּנים צום פענצטערל אין דער טיר. דורכן פענצטערל פלעגט עמעצער אָפּט אַריינקוקן מיט איין אויג. ביי יעדן פּרווו צו דרימלען פלעגט דער עמעצער אָנקלאַפּן אין דער טיר און אפילו דראָען, אַז דער טאָג וועט נישט פאַרעכנט ווערן, אויב איך וועל שלאָפן אינמיטן טאָג. כדי זיך אָנצוואַרעמען און נישט אַנטשלאָפן ווערן פלעג איך פּרווון „אַרומצושפּאַצירן״, אַ טריט פאָרויס, אַ טריט צוריק. איך פלעג זיך אָנקלאַפּן מיט מיין שווערן קאָפּ אין די ווענט. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנג, אומענדלעך לאַנג. ווען וועט שוין ווערן נאַכט? און אפשר איז שוין נאַכט, נאָר איך ווייס נישט דערפון, ווייל איך האָב שוין אָפּגעגעסן פרישטיק, וועל איך היינט שוין מער גאָרנישט באַקומען.

איינגעטוליעט אין מיין פוטער, אויפגעשטעלט דעם קאָטיקאָוון קאָלנער, זיץ איך און קוק זיך איין אין די פאַרשידנפאַרביקע פלעקן אויפן צעמענט פון דער פּאָדלאָגע. און איך זע אַ סך, אַ סך בילדער, וואָס מיין פאַנטאַזיע בילדעט פון זיי. אָט זע איך מיין ווייב, אַן אַלטיטשקע מיט גלעזערנע אויגן, זי קוקט אויף מיר און פּרווט שמייכלען, נאָר דער שמייכל באַקומט זיך נישט. די קנייטשן פון ביידע זייטן מויל גיבן אויס, אַז זי איז טרויעריק, פאַרביטערט...

אָט שטייט פאַר מיר מיין פאַרשטאָרבענער טאַטע, געקליידעט אין ווייסע תכריכים. די באָרד ווי אויסגעקראַכן. ער קוקט אויף מיר מיט פאַרדרוס און זאָגט: — „פאַרוואָס האָסטו נאָך מיר קיין „קדיש״ נישט געזאָגט? פאַר אַלץ ווערט באַצאָלט...״

אָט קומט אָן פון לינקס מיין מאַמע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, סאַמעטן קלייד, אין חופּה־קלייד. ביים סאַמע האַרץ — אַ רויטער בלוטיקער פלעק. אָט אויף דעם אָרט האָבן זי, ווייזט אויס, די דייטשן דערשאָסן...

— מאַמע, מאַמע... — שריי איך אויס, נאָר זי פאַרשווינדט.

אין טיר קלאַפּט מען האַסטיקער ווי פריער.

— איך שלאָף נישט! — שריי איך אַרויס.

— די אויגן פאַרמאַכן טאָר מען נישט — שרייט עמעצער אַריין — ביינאַכט וועט איר שלאָפן!

עס דערהערט זיך ענדלעך דער גאָנג־סיגנאַל צום שלאָפן.

עס עפנט זיך די טיר און מען גיט מיר אַריין אַ הילצערנע דעק, ענלעך צו אַ דעק פון אַ טרומנע פאַר אַ טויטן, אויף גאָר נידעריקע פיסלעך.

— שלאָפן! — באַפעלט מען מיר.

איך וואַרט נישט אויף זייער באַפעל. איך טוליע זיך שטאַרקער איין אין פוטער און פאַל אַנידער אויפן „בעט" און שלאָף באַלד איין.

## צום צווייטן מאל – א שפיאָן

פלוצים פיל איך, ווי מען גיט מיר אַ שטאַרקן שטופּ אין דער פּלייצע. מיט געוואַלד רייס איך אויף די מידע אויגן. פאַר מיר שטייט דער דאַרינקער „טשיטאַ" און שרייט:

— איך קלאַפּ און קלאַפּ — ער פּאַפּט! שטייט אויף! דער אויספאַרשער הערט נישט אויף צו קלינגען, ער רופט אייך אַרויף. דעם פוטער לאָזט איבער דאָ, ער קאָן נאָך באַפוילן אינגאַנצן צונעמען דעם פוטער.

איך גיי מיט וואַקלדיקע טריט, ווי אַ לונאַטיקער. דער האַסטיקער קלאַפּ מיט דער אייזערנער טיר הילכט אָפּ מיר אין מוח ווי אַ קלאַפּ מיט אַ שווערן האַמער...

— נו, ווי פילט איר זיך? — פרעגט דער אויספאַרשער מיט אַן איראָניע־שמייכעלע אויף די ליפּן, ווען איך טרעט אַריבער די שוועל פון זיין צימער.

— איך האָב עס פאַרדינט — ענטפער איך אויף דער פראַגע — אַלץ נעם איך אָן פאַר ליב, אַבי נישט קיין צוגאָב־סטאַטיי.

— דער קאָרצער איז אַ צוגאָב־שטראָף צו דער סטאַטיי — זייט וויסן!

— און אויך דאָ קלערט איר מיר נישט לאָזן שלאָפן? — פרעג איך.

— איך אַרבעט נאָר ביינאַכט. בייטאָג מוז איך שלאָפן. זייט נישט איינגעשפאַרט! ד׳ערציילט וועגן זיך און אייערע גוטע פריינט דעם גאַנצן אמת, וועט איר דעמאָלט זיך אויסשלאָפן — זאָגט דער אויספאָרשער.

— וועגן זיך קאָן איך אַלץ זאָגן, וואָס איר פאַרלאַנגט, אַפילו אונטערשרייבן, אָבער אַנדערע אומשולדיקע צו באַגראָבן, דאָס וועט איר נישט פועלן, — האָב איך עקשנותדיק אָפּגעענטפערט.

— איר וועט ווייכער ווערן... אָט האָט איר פאָטאָגראַפירט לענינגראַד פון אַלע פיר זייטן, נאָט זעט! — ער ווייזט מיר פאַרגרעסערטע קאָפּיעס פון פאָטאָגראַפיעס. איך דערמאָן זיך: אין יאָר 1950 בין איך געווען אינאיינעם מיט מיין זון אין לענינגראַד. מיין זון איז אַרויף אויפן טורעם פון איסאַקאָווער קלויסטער, בעת איך בין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין סאָבאָר, אין מוזיי. ער האָט דאָן פון אויבן פאָטאָגראַפירט לענינגראַד. דערנאָך האָב איך אים פאַרווערט צו מאַכן די פאָטאָגראַפיעס. דער אויספאָרשער האָט אָבער ביי מיר צוגענומען אַלע פאָטאָגראַפיע־לענטעס און איצט געמאַכט פון זיי אַ צימעס.

איך דערמאָן זיך די רייד פון מיין שכן אין קאַמער: „נאָר דאָס ווייב און דעם זון נישט אַריינשלעפן"...

— זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט פאָטאָגראַפירט לענינגראַד פון אַלע זייטן?

— יאָ, איך בין זיך מודה — ענטפער איך שטיל.

— צו וועלכע צוועקן האָט איר געמאַכט די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען? צו שפּיאָנאַזש־צוועקן?

— ניין!

— צוליב וואָס דען?

— גלאַט אַזוי!

— גלאַט אַזוי איז אַ פאַרך! — צעבייזערט ער זיך. — דערציילט דער באָבען, נאָר נישט מיר. פאַר וועלכער מלוכה האָט איר דאָס צוגעגרייט? זייט זיך מודה!...

— פאַר וועלכער איר דאַרפט — זאָג איך מיט אַ רעזיגנאַציע־טאָן.

— זענט איר זיך אויפריכטיק מודה, אַז איר האָט געאַרבעט אַלס שפּיאָן פאַר אַ פרעמדער „ראַזוויעדקע״ ?...

איך ענטפער נישט.

— איר וועט מוזן ענטפערן — איז ער ממשיך — מיט אַ שפּיאָן קאָנען מיר אַנדערש רעדן...

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער אויספאָרשער מיך געמאַטערט און געפּאַדערט, איך זאָל זיך מודה זיין, אַז איך בין אַ שפּיאָן פון אַ פרעמדער מלוכה. צום סוף האָט ער צוגעגעבן :

— זייט זיך מודה, וועט איר גיין שלאָפן און מאָרגן וועט איר קאָנען אַ גאַנצן טאָג שלאָפן... איר זענט זיך מודה ?

דער קאָפּ מיינער איז ווי אָנגעפילט מיט בליי, אין די אויגן שטעכט, ווי מיט נאָדלען.

— איך בין זיך מודה אין אַלץ, וואָס איר ווילט, נאָר מאַטערט מיך נישט אַזוי, לאָזט מיר גיין שלאָפן, מיין מוח שלאָפט שוין סיי ווי סיי...

— נו, גוט... איר קאָנט גיין שלאָפן...

ער האָט אָנגעקלונגען. מיט וואַקלדיקע טריט, ווי אַ שיכור און אַ רעזיגנירטער בין איך אָוועקגעפירט געוואָרן אין קאַלטן קאַרצער. איך בין אַ פאַל געטאָן אויף דעם האַרטן ברעט און איינגעשלאָפן.

צו שטאַרק איז געווען מיין דערשיטערונג און צו שטאַרק איז געווען די קעלט אין קאַרצער איך זאָל קאָנען שלאָפן אַ געזונטן שלאָף. צוליב דעם איך זאָל זיך קאָנען אַביסל אויסשלאָפן, בין איך גרייט געווען אָנערקענען די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונג, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אָבער שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט. איך בין געלעגן ווי אין אַ קאָשמאַר־חלום. איך — אַ שפּיאָן. אָט ווי מיך איצט, איז פריער נישט שווער אָנגעקומען צו מאַכן יעדן דריטן פּוילישן ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם דייטש קיין רוסלאַנד פאַר אַ שפּיאָן. וויפל אַזעלכע „שפּיאָנען״ זענען אומגעקומען, לויט אורטיילן פון געריכט, אָדער אין די ספּעץ־לאַגערן ? אויך איך קען פאַלן אַ קרבן פון אַזאַ אומגעלומפּערטע באַשולדיקונג.

שוין צום צווייטן מאָל באַשולדיקט מען מיך אין ראַטנפאַרבאַנד אין

שפּיאָנאַזש. איך דערמאָן זיך: ס׳איז געווען אין 1942 יאָר. מען האָט מיך פאַרהאַלטן, פאַרפירט אין דער „פאָרווערטער זאָנע״ און פאַרגעוואָרפן שפּיאָנאַזש.

איצט, טראַכט איך מיר, ליגנדיק אין קאַלטן קאַרצער אויפן „טויטן־בעטל״ בין איך שוין אַ שפּיאָן מיט אַ גרויסן סטאַזש, מיכאָעלס — אַ שפּיאָן, ברונאָ יאַשענסקי אַ שפּיאָן (אַ פּוילישער קאָמוניסטישער שרייבער, דער מחבר פון „כ׳פאַרברען פּאַריז״, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד), די פּראָפעסאָרן פון קרעמל — אַ בינטל שפּיאָנען. אויך איך בין אַ שפּיאָן...

איך האָב זיך געפּרווט באַרואיקן און געטראַכט, אַז דעמאָלט, אין דער מלחמה־צייט איז אַזאַ באַשולדיקונג געווען אַ סך געפערלעכער, ווי איצט. איך האָב זיך געפּרווט איינרעדן, אַז פון אַלץ וועט זיך אויך דאָסמאָל אויסלאָזן אַ בוידעם. מען דאַרף זיך בעסער אויסשלאָפן. מיט צופרידנקייט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דער אויספאָרשער האָט מיר צוגעזאָגט צו לאָזן שלאָפן בייטאָג. דאָס האַרץ האָט געגאָגט, דער מוח איז געווען פּוסט, דער קאָפּ איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. ער האָט זיך ווי אַראָפּגעלאָזט אין אַ תהום אַלץ טיפער און טיפער...

גאַנץ פרי האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. מען האָט מיך געפירט אין אָפּטרעט, צוגענומען דאָס „בעטל״ און אַריינגעגעבן דורך דעם פענצטערל אַ כזית האַרט ברויט און אַ שיסעלע וואַסער. איך האָב לאַנג געקייט דאָס ברויט ברעקלעכווייז, עס זאָל קלעקן אויף וואָס לענגער. און דאָרטן, האָב איך געטראַכט, אין קאַמער, ליגן אַזעלכע גוטע, געשמאַקע מאכלים, וואָס מיין ווייב האָט מיר געבראַכט.

בייטאָג האָט מען מיך אַרויפגעפירט צום אויספאָרשער.

אין צימער איז געזעסן אויך דער פּאָלקאָווניק־פּראָקוראָר, וואָס איז בייגעווען ווען דער יונגערמאַן שטיין האָט קעגן מיר עדות געזאָגט.

— נו, — ווענדעט זיך צו מיר דער אויספאָרשער ליסענקאָ, — חזרט איצט איבער דאָס, אין וואָס איר האָט זיך מודה געווען ביינאַכט. צי זענט איר אַ שפּיאָן?

איך האָב געשוויגן.

— פאַרוואָס שווייגט איר? ענטפערט, צי זענט איר אַ שפּיאָן?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט — „צום צווייטן מאָל אַ שפּיאָן".

— פאַר וועלכער מלוכה האָט איר געאַרבעט?

— פאַר... פאַרן ראַטנפאַרבאַנד! — האָב איך געענטפערט.

— איר שפּאַסט! — שרייט ער אויס — איר ציט זיך צוריק,

— הלמאי ציט איר זיך צוריק? איר האָט מיר צוגעזאָגט צו לאָזן שלאָפן בייטאָג.

— זייט זיך מודה, וועט איר גיין שלאָפן, — זאָגט ער מיר צו — פאַר וועלכער מלוכה האָט איר געאַרבעט?

— פאַר וועלכער איר דאַרפט. עס געפעלט אייך נישט פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, זאָל זיין פאַר ענגלאַנד, פאַר אַמעריקע... פאַרביידע צוזאמען.

—איר מוזט דערציילן גענויער וועגן אַלץ. ווער האָט אייך געשיקט? וואָס איז געווען אייער אויפגאַבע? וועלכע ידיעות האָט איר שוין איבערגעגעבן?...

— איך בין נישט געשלאָפן, כ'האָב נישט געגעסן, האָב איך אַלץ פאַרגעסן. דערמאָנט מיר, וועל איך באַשטעטיקן. איר ווייסט זיכער מער פון מיר וועגן מיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

אַ פּאָר שעה האָט געדויערט דער פאַרהער. דער אויספאָרשער איז אַרויס פון די כלים. ער האָט געפילט, אַז ער איז דורכגעפאַלן אין דער אַנוועזנהייט פון דעם פּאָלקאָווניק־פּראָקוראָר.

צום סוף האָט דער פּראָקוראָר מיט אַ ווויליונגערישן שמייכל און גראָב אַ זאָג געטאָן כמעט בזה הלשון:

— איר ווילט פון אַ יינגל מאַכן אַ מיידל? דאָס איז אוממעגלעך.

צו וועמען זיינע ווערטער זענען געווען געווענדעט ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז דער אויספאָרשער האָט אפילו קיין איין וואָרט נישט פּראָטאָקאָלירט...

# מיין זון האָט היטלערן געלויבט...

אויפן דריטן טאָג האָט מען מיר צום מיטאָג אריינגעגעבן דורכן פענצטערל אַ האַלב שיסעלע זופּ, אַ פּאָר האָבער־גרויפּן, וואָס זענען געלעגן אויפן דנאָ פון שיסעלע און אויף זיי אַ פּאָר לעפל הייסע וואַסער. איך בין פון דעם אויך געווען צופרידן, ווייל ס׳האָט מיר אַ ביסל אָנגעוואַרעמט די געדערעם. וואָס שוואַכער איך בין געוואָרן פון נישט עסן און נישט שלאָפן, אַלץ מער האָב איך ווייטיקלעכער אָפּגעפילט דעם פראָסט אין קאַרצער. זיצנדיק איינגעטוליעט אין פוטער, האָב איך געפיבערט פון קעלט. דאָך, מיין זעלבסט־געפיל איז געוואָרן בעסער. איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו מיין פיינלעכער לאַגע. דער אויספאָרשער ליסענקאָ איז דורכגעפאַלן מיט זיין אומגעלומפּערטן באַשולדיקן מיך אין שפּיאָנאַזש.

נאָך איידער מען האָט באַוויזן מיר איבערגעבן מיין „געלעגער”, האָט מען מיר שוין אַרויפגעפירט צום אויספאָרשער. איך בין ווי שטענדיק געזעסן אויף דער שטול ביי דער סאַמער טיר, די הענט אויף הינטן און געוואַרט אויף פראַגן פונעם אויספאָרשער. ער האָט זיך נישט געאיילט, ער האָט געבלעטערט דעם פּראָטאָקאָלן־בוך, אַדורכגעשמועסט זיך מיט זייניקע דורכן טעלעפאָן. מיט אַמאָל האָט ער ווי אויסגעשאָסן:

— אַ פּעדאַגאָג, אויך מיר אַ פּעדאַגאָג! אַז איר קענט אָן אייגענעם זון נישט דערציען, ווי קענט איר זיין אַ פּעדאַגאָג?

ביים דערמאָנען דאָס וואָרט „זון” האָב איך נישט ווילנדיק אַ ציטער געטאָן, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. הייסט עס, אַז ער נעמט זיך שוין צו מיין זון. אָט דאָס, פאַרוואָס כ׳האָב אַמערסטנס מורא געהאַט.

— אייער זון, מאַרקס, האָט געלויבט היטלערן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

פון די ווערטער איז מיר דאָס בלוט אַריין אין פנים אַריין. אין מוח האָט אָפּגעהילכט: דיין איין־און־איינציקער זון איז אין געפאַר. דו מוזט אים ראַטעווען. ווי אַזוי?

— איר זענט אַ ליגנער און אַ נאַרישער דערצו — האָב איך אָנגעהויבן

צו שרייען — מיין זון האָט געלויבט היטלערן. איך בין אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געלעכטער: — היטלער האָט אויסגעקוילעט אַ דריטל פון מיין פאָלק, מיין מוטער, פיר ברידער און דריי שוועסטער געהרגעט און ער — מיין זון — האָט אים געלויבט דערפאַר? ווי קענט איר צוטראַכטן אַזאַ נידערטרעכטיקן שקר אויף מיין קינד?!

איך האָב, ווייזט אויס, צו הויך געשריגן. עס זענען אַריינגעלאָפן די אויספאָרשער פון די שכנותדיקע צימערן.

— וואָס איז געשען?

דער אויספאָרשער איז כלומרשט רואיק געווען. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט באַוויזן מיר אַרויסצוברענגען פון די כלים. ער האָט אויך באַוויזן אַרויסצונעמען פון אייזערנעם קופערט אַ רעוואָלווער און אַוועקגעלייגט אים אופן טיש.

ווי די לאַווע פון אַ ברויזנדיקן ווולקאַן האָט פון מיין אינגעווייד אַרויסגעבראָכן אַ כעס און כ'האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן:

— מערדער, דיר אַרט, וואָס איך בין פון מיין משפחה לעבן געבליבן. ווילסטו אויך מיר און מיין זון אומברענגען!

איינער פון די עלטערע אויספאָרשער, אַ גרייז־גרויער מאַן, הגם ער איז נישט גאָר אַלט געווען, האָט אַרויפגעלייגט פאָטערלעך זיין האַנט אויף מיין אַקסל און געפּרווט מיך באַרואיקן:

— צו וואָס זיך אויפרעגן? עס וועט אַלץ אויפגעקלערט ווערן. איר זענט דאָך אַ לערער, אַן אינטעליגענט. איר דאַרפט קענען זיך באַהערשן.

איך האָב געוואָלט אים ענטפערן, נאָר נישט געקענט. פון אויפרעגונג האָב איך געציטערט, אַ צאָן אויף אַ צאָן האָט נישט געטראָפן.

מען האָט מיך געמוזט אַראָפּפירן צוריק אין קאָמער. אַדורכגייענדיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער פון די קאַמערן אַ שטים, ענלעך צו מיין זונס. אפשר זיצט ער שוין דאָרטן? יאָ, דאָס איז שוין דאָס ערגסטע, אַכצן יאָר און שוין!

מיין אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג זענען געוואָקסן. אַזאַ עקלהאַפטע באַשולדיקונג: „ער האָט געלויבט היטלערן". יאָ, מען וויל אונדז אומברענגען, מיך און מיין זון. פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד?! באָך ווייניק

געליטן? מילא, איך — איך בין שוין איבער די פופציק, אָבער ער, מיין זון? ער איז נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט. ער האָט נאָך נישט געוווּסט פון קיין לעבן. פון קינדווייז אָן נויט און שרעק, נישט געשפּייזט זיך צו דער זעט. שטענדיק אין די רייען נאָך ברויט, קעראָסין, אפילו פּיצלעך טיולקעס... אָבער דאָך געווען פון די בעסטע שילער פונעם ערשטן קלאַס אָן ביזן לעצטן צענטן — נאָר אויסגעצייכנטע מיינונגען באַקומען. ער האָט באַדאַרפט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל, איז ער איינגעגאַנגען צו נעמען אַ זילבערנעם, כדי אַזוי אַרום דערמעגלעכן זעקס אַנדערע חברים, קריסטן, צו באַקומען זילבערנע מעדאַלן. ער האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין קיעווער פּאָליטעכטיקום, האָט מען אים נישט צוגענומען. אָפּגעשלעפּט ביזן לעצטן טאָג און נישט געגעבן אים קיין ענטפער, כדי ער זאָל פאַרשפּעטיקן אַריינצוטרעטן אין אַן אַנדער הויכשול און זיין געצווונגען צו פאַרלאָזן קיעוו און אַריינטרעטן ווו עס וועט זיך נאָר לאָזן. דורך אַ צופאַל און מיט דער הילף פון מיינע באַקאַנטע איז ער אַריינגעטראָטן אין דער דאָרף־ווירטשאַפט־אַקאַדעמיע אויפן עלעקטרישן פאַקולטעט. איצט, האָב איך געקלערט, וועט מען אים זיכער פון דאָרטן אויך דערווייטערן און ווער ווייסט, צי מען וועט אים נישט איינזעצן... ער ליידט זיכער טאָפּלט, ווייל ער ווייסט דעם אמת, אַז יעדע באַשולדיקונג, וואָס מען וואַרפט פאַר זיין טאַטן איז פאַלש, פאַלש! ווייטיקט אים זיכער זיין יונג האַרץ און העלפן קען ער נישט. אויך זי, מיין פרוי מינדעלע, ליידט נישט ווייניקער. זי טראַכט זיכער, אַז עס וואָלט שוין בעסער געווען אומצוקומען אין באַלאַגערטער וואַרשע, צוזאַמען מיט די אַנדערע טויזנטער יידן, בעת היטלערישער באַלאַגערונג פון דער שטאָט.

## א פּרוּוו פון זעלבסטמאָרד

אין מיין ברויזנדיקן מוח דערוועקן זיך שוידערלעכע געדאַנקען, וואָס פּייניקן, פּייניקן... עס קומט מיר אויפן געדאַנק אַ שרעקלעך וואָרט:

„זעלבסטמאָרד". איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אומקומען און שוין. צו וואָס זיך אַזויפיל מאַטערן,וועגן פון אַלע זייטן לויערן אויף דיר און אויף דיין זון פינצטערע געשפּענסטער? זעלבסטמאָרד איז אַן אויסוועג. אָבער, צי איז דען מעגלעך דאָס צו פאַרווירקלעכן, דאָ אין די באַדינגונגען פון קאַרצער?

מיר זענען דאָ איבערגעגעבן געוואָרן ווי אין אַ קאַסטן. מען היט אונדז ווי דאָס אויג אין קאָפּ. יעדער טשוואָק ווערט אַרויסגעריסן. מיט רעפלעקטאָרן זוכט מען אין יעדן ווינקעלע, צי האָט מען נישט באַהאַלטן עפּעס אַזוינס וואָס מען קאָן אָנשאַרפן... אַלעמאָל קוקט מען אויפמערקזאַם אַריין צו דיר דורכן לעכל וואָס איז פאַראַן אין פענצטערל אין טיר. צוליב דעם ברענט דאָ טאָג און נאַכט דאָס עלעקטרישע לעמפּל פון אַ גרויסער קראַפט, זיי זאָלן קענען דיך אָבסערווירן גענוי און אומאויפהערלעך... ווי אַזוי־זשע טוט מען עס? יאָ, איך ווייס שוין. מיין ציין־פּראָטעז האָט צוויי מעטאַלענע האַטשיקעס. מען קאָן זיי אויסגלייכן, אָנשאַרפן און... איבערשניידן זיך די בלוט־אַרטעריעס אויף די הענט. דער געדאַנק באַהערשט מיך אינגאַנצן. איך האַלט שוין דעם ציין־פּראָטעז אין האַנט. ווי שוואַך איך זאָל נישט זיין, האָב איך שוין אויסגעגלייכט דעם מעטאַלענעם האַטשיק פון דער לינקער זייט. איך רייב אים שטיל, שטיל, אין דער צעמענטענער פּאָדלאָגע ער זאָל זיין שאַרף. ער איז שוין שאַרף ווי אַ נאָדל. איצט פּאַלט מיר איין אַ געדאַנק ערגעץ אָנצושרייבן: „איך קום אום אומשולדיק". מיט וואָס שרייבט מען אָן און וווּ? עס געלינגט מיר אַראָפּצודראַפּען ביי דער טיר פון דער האַרטער שטוקאַטורקע אַ פּיצל טינק געמישט מיט צעמענט. מען קאָן דערמיט שרייבן. איך אַרבעט שנעל, פיבערהאַפטיק. איך נעם אַראָפּ פון זיך מיין פוטער. צווישן דעם רויטן פוטער מיט די שוועבצעלעך איןביידע זייטן זענען פאַראַן שוואַרצע פּאַסן פון געוואַנט. אויף זיי שרייב איך אויף מיט אַ ציטערדיקער האַנט אויף רוסיש: איך שטאַרב אַוועק אָן שום שולד...

זייענדיק אויפגערעגט ביז דער לעצטער שטופּע, האָב איך, ווייזט אויס, נישט באַמערקט ווי מען קוקט זיך צו דורכן פענצטערל־לאָך צו אַלעמען, וואָס איך טו. פּלוצעם טוט זיך אָן עפן די טיר. עס קומט אַריין דער גראָבעטשקער דריי־בענדלדיקער: „דער אויספאַרשער רופט אייך צו זיך,

קומט שנעל, שנעלער"״... ער נעמט מיר אָן ביי דער האַנט און שלעפּט מיך... „שנעל!"

מיר איז אַלץ איינס. איך בין שוין גלייכגילטיק צו אַלעמען. דער שאַרפער שפּיץ פון פּראָטעז איז אין מויל, ער שטעכט די באַק, נאָר מיר אַרט נישט. איך גיי. מען פירט מיר אַרויף. דער אויספאָרשער שטייט ביי דער אָפענער טיר ווי ער וואָלט מיך אָפּגעוואַרט. מיט אַ געמאַכטער רואיקייט הייסט ער מיר זיך זעצן אויף מיין געוויינלעכן פּלאַץ. ער דערלאַנגט מיר אין אַ גלאָז אַביסל קאַלט וואַסער.

— איך האָב פאַר אייך אַ גוטן גרוס פון אייער ווייב און זון, זיי זענען געקומען מיך פרעגן, ווען לאָזט מען אייך אַרויס אויף דער פריי. איך האָב זיי באַרואיקט, אַז גאָר אינגיכן, קיין שום געפערלעכעס דראָט אייך נישט. מיר האָבן נאָר נישט צוגענומען אייער ווייבס „פּערעדאַטשע" פאַר אייך.

איך האָב נאָר אַלץ ווייטיקלעכער געפילט דעם שטאָך אין באַק פונעם שאַרפן שפּיץ און געשוויגן. איך האָב געקוקט ערגעץ ווייט אין איין פונקט, ווי ער וואָלט נישט גערעדט צו מיר.

— קיין צוגאָב־פּונקט צו דער באַשולדיקונג וועט איר נישט באַקומען — פּרוווט ליסענקאָ מיך ווייטער באַרואיקן. איך האָב קוים געהערט וואָס ער רעדט צו מיר. איך האָב געפילט, אַז דער קאָפּ ווערט מיר שווערער און שווערער, פאַר די אויגן דרייען זיך שוואַרצע קרייזן און איך גליטש זיך אַראָפּ פון שטול או פאַל ווי אין אָפּגרונט אַראָפּ אַלץ טיפער, טיפער...

די לעצטע נאַכט אין קאַרצער בין איך, ווייזט אויס, גאָר שטאַרק געשלאָפן. דאָס באַוווסטזיין האָט ווי געדרימלט, אין מוח איז געווען פּוסט. די גאַנצע גייסטיקע אָנשטרענגונג און פּסיכישע איבערלעבונג זענען ווי פאַרשוונדן. בלויז דער קערפּער איז מיד געווען, שטאַרק מיד און געפּאַדערט רו. ווי אַזוי איך בין אַראָפּ צוריק אין מיין מקום מנוחה, אין קאַרצער, געדענק איך נישט. כאָטש דאָס באַוווסטזיין קערט זיך בהדרגהדיק אום צוריק און אין זכרון זענען געבליבן רעשטלעך פון אַלעמען, וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען נעכטן. מיין ערשטע רעאַקציע איז געווען, אַ קוק טאָן אויפן פוטער, אויפן אָנגעשריבענעם. עס איז דאָך געווען

אָנגעשריבן: „איך שטאַרב אָן שום שולד...”. די אויפשריפט איז נישט געווען — פאַרשוואונדן. אויך אין באַק שטעכט נישט מער דער שאַרפער האַטשיק. ווו איז אַהינגעקומען מיין צאָן־פּראָטעז? עס אַרט מיר נישט, וואָס איך האָב נישט באַוויזן אויסצופירן מיין פּלאַן פון זעלבסטמאָרד. דער זין איז אויף דער פריי, עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך איך וועל באפרייט ווערן. צו וואָס זיך צואיילן דעם טויט? ער וועט אַליין קומען...

א געפיל פון בושה פאַר פלאַנירן אַ שלעכטן טאַט נעמט מיך אַרום.
צי וואָלט זיי דען געאַרט מיין אומקום?
עס איז מיאוס צו דעזערטירן פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט, פונם לעבן.
אַמאָל איז אַ דורכגעפאַלענער טאַט — אַ זיג, ווי ביי מיר איצט...

# אין באַד אריין

צום לעצטן מאָל האָט מען מיר אַריינגעגעבן דורכן פענצטערל מיין פיצל ברויט. עמעצער האָט געמאַכט אין דער מיט אַן איינשניט און אָנגעשיט מיט זאַלץ. אָך, ווי גוט איז דער טעם פון זאַלץ נאָך 5 טעג טרוקן ברויט אָן אַביסל זאַלץ. איך מיין, אַז דאָס האָט געטאָן דער שומר, דער „לשון קודשער”. ער איז דער איינציקער, וואָס האָט מיטלייד מיט די אַרעסטירטע.

— אין באָד אַריין! — שרייט ער אַריין דורכן פענצטערל — אין באָד...

דאָס פאָרן אין באָד קומט פאָר, ווי אַ מיסטעריע. מען פאָרט אַהין איינמאָל אין 10 טעג מיט דער „שוואַרצער קראַ” — אַ פאַרמאַכטע מאַשין. אין דער זייט זענען פאַראַן ענגע קעמערלעך, ווו איין מענטש קען קוים זיצן. פון אויבן פאַלט אַריין אַ בינטל טאָג־ליכט און ביי יעדן טרייסל קלאַפּט מען זיך אָן אין דער מעטאַלענער וואַנט. קיינער טאָר נישט וויסן וועמען מען פירט אַריין אין קעמערל. אין דער טיף איז פאַראַן אַן אָרט פאַר עטלעכע פערזאָן. אויב זיי זיצן צוזאַמען אין איין קאַמער, מעגן זיי פאָרן אין באַד אַריין צוזאַמען. ביי דער טיר זיצט אַ שומר מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט. דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע זיצט צוזאַמען אין קאַבינע

מיטן שאָפער. אַ גאַנצן טאָג פירט מען די אַרעסטירטע צו 5—6 אין באָד אַריין. דער אויטאָ פאָרט צו הינטן־אַרום צו דער סאַמע טיר און מען לאָזט אַרויס צוערשט די, וואָס זיצן אין דער אַלגעמיינער טייל, די אַנדערע זיצן און וואַרטן, ביז יענע טוען זיך אויס אונטער אַ שטרענגער שמירה און גיבן איבער זייערע שמוציקע מלבושים און וועש אין דער דעזינפעקציע־קאַמער. זיי פירט מען אַריין אין צווייטן וואַרטע־צימער וווּ זיי באַקומען פּיצלעך זייף און זיי וואַרטן, אונטער אַ שמירה, ביז פון דער דוש־באָד וועלן די אויסגעוואַשענע אַרויסגעפירט ווערן אין אַ ווייטערדיקן צימער. דאָרטן ווישן זיי זיך אָרום, באַקומען זייערע וועש און אויסדעזאינפעקצירטע קליידער. במשך פון דער צייט, ווי מיט אַ קאָנווייער, ווערן איינציקווייז אַריינגעפירט די אַנדערע. ווען דער אויטאָ איז שוין אויסגעליידיקט, פירט מען די אויסגעבאָדענע, לויטן סדר, צוריק אין טורמע אַריין. נאָר אין וואַש־צימער מיט די טושן בלייבט מען אָן אַ שמירה. איך פלעג זיך שנעל אָפּוואַשן און צוגיין צו די פענצטער. זיי זענען נישט געווען דורכזיכטיק, דאָך האָט עמעצער אָפּגעקראַצט אַ שטיקל פון דער ווייסער פאַרב און מען האָט געקענט זען עמעצן פון דרויסן. מיך האָבן אינטערעסירט קינדער, סתם קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט, געשלאָגן זיך און געוויינט. מיין בענקשאַפט צו קינדער איז גרויס געווען. קוקנדיק דורכן פענצטערל, האָט האַסטיקער געקלאַפּט דאָס האַרץ און מיינע אויגן האָבן געטרערט.

צוריקקומענדיק אין טורמע, האָט מען יעדן איינעם אַריינגעפירט אין אַ פּוסטן קאַמער, באַפוילן זיך אויסטאָן ביז נאַקעט און באַזוכט פון אַלע זייטן, אפילו אַריינגעקוקט אין יעדער דערעפענונג פון קערפּער. דערנאָך האָט מען אַריינגעלאָזט אין קאַמער. אַריינקומענדיק האָבן אַ שלאָג געטאָן אין נאָז די שאַרפע ריחות פון דער אַדורכגעפירטער דעזאינפעקציע. אויף דער פּאָדלאָגע איז אויסגעגאָסן געוואָרן אַ נאַסע שטינקענדיקע קאַרבאָל־פליסיקייט. דאָס אַלץ מוז מען אָן אויסגעצוואָגענער אויסוואַשן, אויסרוימען. דער קערפּער ווערט דורכגענומען פון די שאַרפע ריחות און במשך פון עטלעכע טעג קענסטו פון זיי נישט פּטור ווערן.

מיך האָט מען נאָכן בודק זיין אַריינגעפירט צוריק אין קאַרצער אַריין.

מיין צייט פון די 5 מעת־לעת האָט זיך ערשט געדאַרפט ענדיקן פאַרנאַכט. מוז איך טאַקע אָפּזיצן מיין פולע צייט.

ערשט פאַרנאַכטצו האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע אליין אַריבערגעפירט פון קאַרצער אין מיין קאַמער. זי איז שוין געווען ריין. מיין חבר איז שוין דאָרט נישט געווען. אין שאַפקעלע זענען נאָך פאַרבליבן געשמאַקע מאכלים, וואָס מיין ווייב האָט נאָך יענע וואָך מיר געבראַכט. אַ הונגעריקער האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו אַלעמען און געפרעסן פאַר גאַנצע 5 טעג. שפּעטער האָט מיר באַנג געטאָן אויף מיין פרעסעריי. איך האָב באַקומען בויך־ווייטיק און איך האָב אָנגעווירן דעם אַפּעטיט צום עסן ביז דער צווייטער "פערעדאַטשע". עטלעכע טעג בין איך געבליבן אינגאַנצן אַליין. במשך פון צוויי נעכט דורכאַנאַנד האָט דער אויספאָרשער מיך אינגאַנצן נישט גערופן צו זיך. איך בין זיך אויסגעשלאָפן פאַר דער גאַנצער צייט. עס איז מיר אָבער זייער שווער געווען צו עסן אָן דעם צייט־פּראָטעז. אויך צוליב דעם בין איך קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן. דאָך בין איך געווען צופרידן, וואָס איך בין לעבן געבליבן. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן דערווייטערן פון זיך יעדן געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד. מען טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג, די האָפענונג אויף פרייהייט, די האָפענונג אויף דערלעבן די גאולה...

## אלעקסאנדער מאטראסאוו

נאָך דעם ווי דער אויספאָרשער ליסענקאָ איז אַדורכגעפאַלן מיט זיין פּרווו מיך צו מאַכן פאַר אַ שפּיאָן, האָט ער געזוכט עפּעס אַזוינס אַנטקעגן מיר, וואָס זאָל אַרויסווייזן, אַז איך בין געווען שולדיק, אַלס דערציער און לערער, ביי מיין אַרבעט אין שול. צו דעם צוועק האָט ער אַלעמאָל גערופן צו זיך אָן אַנדער לערער, מערסטנס קריסטן, און פאָרגעלייגט צו באַשטעטיקן אויף מיר פאַרשידענע אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען. ווי ווי אַזוי פלעגט ער דאָס אַדורכפירן? אַרום 12 ביינאַכט וועקט מען מיך פלוצים אויף פון שלאָף.

— „טו זיך שנעלער אָן און קום! דער אויספאָרשער רופט!"
איך בין האַלב פאַרשלאָפן, קוים, קוים, ווי איך קום צום באַוווסטזיין, נאָר איך לויף. — „שנעלער, שנעלער!" — איילט מען מיך צו. איך קום אַרויף. ווי נאָר מען עפנט די טיר באַמערק איך: די לערערין פון מאַטעמאַטיק אננא איוואַנאָוונאַ זיצט ביים אויספאָרשער נעבן טיש. זי באַמיט זיך אויסצומיידן מיין בליק. איך קום אַריין און רוף אויס: — „אַ גוטן אָוונט אייך!" זי וויל ענטפערן, נאָר דער אויספאָרשער האַקט איבער:
— „דו אומפאַרשעמטער, דו וואגסט נאָך צו זאָגן „א גוטן אָוונט" נאָכדעם ווי דו האָסט אננא איוואַנאָוונאַ אַזוי שטאַרק באַרעדט פאַר מיר און שלעפּסט זי, אַ מאַמע פון 2 קינדער, צו זיך אין טורמע אַריין!
— ווער? איך? — שריי איך אויס.
— איצט מאַכט ער זיך פאַר אַ שעפּעלע, דער אומפאַרשעמטער — שרייט ער אויס. דער וועכטער איז נאָך נישט אַוועק צוריק.
— פירט אים, צום טייוול, אַראָפּ, דעם פּראָוואָקאַטאָר — שרייט ער אויס.
מען פירט מיך שוין צוריק. איך באַמערק נאָר, ווי די לערערין ווערט בלייך, דאָס פּנים פאַרקרימט. צי גלויבט זי אים, דעם אויספאָרשער? צי וועט זי זיך לאָזן פאַרפירן דורך אים?
איך ליג שוין ווידער אויפן געלעגער און קען נישט איינשלאָפן. איך טראַכט: אַננאַ איוואַנאָוונאַ איז אַן אלמנה. איר מאַן איז אומגעקומען אויפן פראָנט. זי אַליין איז אויך פאַרוואונדעט געוועזן. נאָך איצט הינקט זי אונטער אויף איין פוס. זי איז זייער אַ שרעקעוודיקע, האָט מורא מען זאָל זי נישט דערווייטערן פון דער שול, כאָטש זי איז זייער אַ גוטע לערערין. זי איז פאַרבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, אין קיעוו; זי האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן מיט אירע 2 פּיצלעך קינדער. נישט איין מאָל האָט מען זי אַרויסגערופן אין עמ. ווע. דע. און אויסגעפאָרשט זי. אַ גליק, וואָס זי האָט בשעת דער אָקופּאַציע נישט געאַרבעט אַלס לערערין אין אַ שול. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער אויספאָרשער האָט גערופן זי צו זאָגן עדות קעגן מיר.
שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אויספאָרשער האָט גערופן כמעט אַלע לערער, וואָס האָבן מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט. נאָר קיין איינער

פון זיי האָט אויף מיר קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. פאַרקערט, זיי האָבן געזאָגט נאָר גוטס. איינע האָט אפילו געוואָגט צו זאָגן אַזוינס: „מיט זיין אַרעסט, האָט איר דער שול גרויס שאָדן געבראַכט. ער איז דאָך געווען דער אַרויסגעבער פון אונדזער טאָג־צייטונג „סיגנאַל". צוויי מיט אַ האַלבן יאָר האָט ער, צוזאַמען מיט דער קאָמסאָמאָל־רעדאַקציע, אַרויסגעגעבן טאָג־טעגלעך אונדזער וואַנט־צייטונג. מיט געוואַלדיקער עקשנות האָט ער די אַרבעט געטאָן. און די השפעה פון דער צייטונג איז געווען אויף אַלעמען גרויס. ער פלעגט דאָך אַלע לערער צושטעלן מאַטעריאַלן צו די פּיאָנערן־זבאָרן. ביי אונדז אין שול געפינען זיך די דאָזיקע מאַטעריאַלן. עס איז געשען אַ פאַרדריסלעכער טעות" האָט די לערערין געזאָגט. קיינער פון די לערער האָט נישט געוואָלט זאָגן אויף מיר קיין שלעכטס, ווייל אויב יאָ, וועט מען אים פרעגן, הלמאי האָט ער וועגן דעם נישט דערטראָגן ווו מען דאַרף און אפילו צוציען אים צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט לויט דער סטאַטיי 12־54, וואָס קען געבן ביז 10 יאָר טורמע, פאַר „האָסט געוואָלט פאַרשווייגן".

בלויז איינער פון די לערער, דער לערער פון כעמיע, דער פאָרזיצער פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין דער שול, אַ פּאַרטיי־מיטגליד, וואָס איז אויך געווען אַ שטילער מיטאַרבעטער מיט דער עמ. ווע. דע., ער האָט באַשטעטיקט, אַז איך האָב מיינע שילער געזאָגט, אַז דער גרויסער העלד אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו איז גאָר קיין העלד נישט געווען און אומזיסט האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען „„העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

אויך דער סעקרעטאַר פון דער שול־פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע סאַפּאָזשניקאָוו האָט צוגעגעבן, אַז אין העכערן שול־קרייז פאַר זעלבסטבילדונג, נאָך אַ רעפעראַט וועגן סטאַלינס אַרויסטריט אויפן 20־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, זאָל איך, בשעתן לייענען מיין קאָרעפעראַט, האָבן געזאָגט, אַז דער קאָמינטערן איז פאַרמאַכט געוואָרן, כדי צו באַפרידיקן דעם באַגער פון אונדזערע מלחמה־שותפים, אַמעריקע און ענגלאַנד.

ער, דער פירער פון קרייז, האָט מיר אָנגעוויזן מיין טעות. אַז נישט דאָס איז געווען די סיבה פון ליקווידירן דעם קאָמינטערן. איך זאָל אפילו האָבן מודה געווען דעם טעות.

ארום אָט די צוויי פונקטן פון דער באַשולדיקונג קעגן מיר האָט דער אויספאָרשער אַרויסגערופן אַרום 40 עדות, אפילו געשיקט אַ פּאָרשטייער אין שול אַריין, כדי אויסצופאָרשן און באַווירקן מיינע שילער, זיי זאָלן עדות זאָגן קעגן מיר, מען האָט גענישטערט אין אַלע פּראָטאָקאָלן פון די פּעדראַטזיצונגען און גאָרנישט געפונען. וואָס שייך אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון, האָט אפילו איין שילער אָקאָפּאָוו, אַן אַרמענער, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ פּאָלקאָווניק אין דער רויטער אַרמיי און זיין פעטער אפילו אַ מיניסטער, דערציילט דעם גאַנצן אמת.

בשעת דער לערער האָט אויף אַ פּיאָנערן־שעה געפירט אַ שמועס וועגן העלדנטום, האָט ער, אָקאָפּאָוו, געזאָגט, אַז מאַטראָסאָוו האָט זיך אומזיסט און אומגעשט געוואָרפן אויף דער אַמבראַזורע פון שונאס קוילנ־וואַרפער, ווייל זיינע זעלנער האָבן זיך שוין געפונען אין טויטן־פונקט, ווו דאָס שיסן פון קוילנוואַרפער האָט זיי שוין נישט באַדראָט. וועגן דעם האָט ער אונטערגעהערט בעת אַ געשפּרעך צווישן אָפיצירן ביי זיי אין הויז, ווען דער טאַטע האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט. דער לערער ווידער האָט אים אַפילו נישט געלאָזט פאַרענדיקן זיינע רייד און געזאָגט: „אויב דער הויכער סאָוויעט האָט אָנערקענט מאַטראָסאָוון אַלס העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, איז ער זיכער ווערט געווען".

נאָך אַלעמען איז די באַשולדיקונג אַריין אין באַשולדיקונגס־אַקט און געדינט אַלס שווערע באַשולדיקונג קעגן מיר...

דער פאָרזיצער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע איז צווישן אונדז לערער געווען באַוווּסט ווי אַן אַריינגייער אין עמ. ווע. דע. קיינער האָט נישט געוואָלט אים פאַר אַ פאָרזיצער, דאָך איז ער שוין צום צווייטן מאָל אויסגעקליבן געוואָרן, פּשוט דערפאַר, ווייל מער ווי איין קאַנדידאַט איז נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. און ווער וואָלט געוואַגט צו זאָגן אַז מען וויל אים נישט, אויב ערגעץ־ווו, אין די הויכע פענצטער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער דאַרף זיין דער פאָרזיצער.

אפילו זיין טאָכטער, א סטודענטין, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פּראָפעסיע פון מסרן, איבערהויפּט יידן. דעם באַוווּסטן דאָקטאָר־פּראָפעסאָר פון פּעדאַגאָגיק, רעזניק, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין קאָסמאָפּאָליטיזם,

האָט זי געמסרט, אַז ער רעדט צופיל וועגן פעסטאַלאָציו, וועגן פּרעבלען און אויך געמסרט זיין טאָכטער, אַ סטודענטין, אירע אַ חברטע, אַז זי פאַרשפּרייט נאַציאָנאַליסטישע לידער פון פרוגן. אַ באַווייז: אין בוך, וואָס זי האָט ביי איר געבאָרגט, איז געלעגן אַזאַ ליד, אָפּגעדרוקט אויף אַ שרייב־מאַשין. דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער האָט מען געמשפּט און זי האָט באַקומען 7 יאָר טורמע פאַר ציוניסטישע, נאַציאָנאַליסטישע נייגונגען און אין פאַרשפּרייטן נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור.

דער לערער פון כעמיע פלעגט מיר אָפט פרעגן וועגן מיין זון מאַרקס, וואָס איז ביזן 9־טן קלאַס געווען איינער פון זיינע פעיקסטע שילער. איך האָב אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער פאַרטרעט איצט דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמסאָמאָל־אָרגאַניזאַציע אין דער אקאדעמיע. ער איז שטאַרק פאַרנומען סיי מיטן לערנען, סיי מיט דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט. פון דעם איז דערנאָך אַרויסגעקומען אַ פרישע באַשולדיקונג: איך זאָל האָבן געזאָגט אַז די קאָמסאָמאָל־אַרבעט „פרעסט אים אינגאַנצן אויף". אַזוי אַרום, אַז ער האָט נישט קיין צייט צו לערנען זיך. עס איז נישט אַזוי פּשוט, ווייזט אויס, צו זיין אַ מיטאַרבעטער אין עמ. גע. בע. מען מוז אָפט עפּעס צושטעלן. זוכט מען דעריבער פון די „פאַרפוילטע פערד די פאַדקאָוועס". יאָ געזאָגט, נישט געזאָגט — נישט וויכטיק. דו דערטראָג אַ קליייניקייט — וועט שוין פון דעם, ביי אַ געלעגנהייט, ווערן אַ גרויסע באַשולדיקונג.

וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג — כמעט יעדע נאַכט — האָב איך באַמערקט, לויט די מעטאָדן פון דער אויספאָרשונג, אַז די פראַגע פון מיין אַרעסט און סיסטעמאַטישער פאָרשונג האָט אַ שייכות נישט מיט מיר אַליין. וואָס ווייטער ווערן אַריינגעשלעפּט אַלץ נייע נעמען פון יידן, מערסטנס פון מיינע באַקאַנטע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין דער אָנהויב פון אַ גרויסן קנויל, וואָס נישט נאָר ער, ליסענקאָ, פאַרנעמט זיך מיט אים, נאָר אויך אַ סך אַנדערע אויספאָרשער, וואָס אַרבעטן קאָלעקטיוו ביים פאַנאַדערוויקלען דעם קנויל. דעריבער איז ליסענקאָ געגאַנגען אין לעבן, איך זאָל דערציילן און אַריינמישן מיינע חברים און באַקאַנטע, וואָס זענען געווען אויף מיין פופציק־יאָריקן יובילייע און אויף מיין זילבערנער חתונה. ער האָט געמיינט מיך צווינגען, מיטן

מעטאָד פון נישט לאָזן שלאָפן במשך פון עטלעכע מעת־לעתן דורכאַנאַנד, אריינשלעפּן אַ סך אַנדערע אומשולדיקע יידן אין נעץ אַריין.

אלס מוסטער האָט ער פאר מיר געשטעלט די דאָקטאָרין, וואָס האָט באַקומען דעם לענין־אָרדן פאַר צוהעלפן אָרגאַניזירן דעם פּראָצעס קעגן די פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים פון קרעמל. ער האָט מיר אפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז איך קאָן אויך באַפרייט ווערן און אפילו באַקומען אַן אויס־צייכענונג־אָרדן, אויב איך וועל נישט זיין איינגעעקשנט און העלפן דער אויספאָרשונג צו אַנטפּלעקן „אַנטיסאָוויעטישע עלעמענטן".

איך האָב אַזוי אַרום פאַרשטאַנען, אַז די טראַנספּאָרט־עמ.וועדע. אין קיעוו איז מקנא אירע מאָסקווער חברים, וואָס זיי איז געלונגען אויפצורודערן גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד מיט דעם פּראָצעס פון די יידישע פּראָפעסאָרן. פאַרוואָס־זשע זאָל זיי נישט געליגגען צו מאַכן אַן ענלעכן פּראָצעס פון יידישע לערער, אינזשיניערן, אינטעליגענטן אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע?

אָט באלד וועט זיך פאַרענדיקן דער מאָסקווער פּראָצעס און זיי זענען זיכער געווען, אַז קיין איינער פון די באַשולדיקטע פּראָפעסאָרן וועט שוין קיין לעבעדיקער פון דעם פּראָצעס נישט אַרויס, ווייל אַנדערש, צוליב וואָס האָט מען נאָך פאַרן געריכט, פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, געמאַכט אַזאַ טומל איבער גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט? דעמאָלט וועט זיין די בעסטע צייט צו פאַרענדיקן דאָס צוגרייטן דעם צווייטן גרויסן פּראָצעס אין קיעוו און פאַרמשפּטן אַכט און צוואנציק יידן: לערער, אינזשיניערן און סתם אינטעליגענטן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אפילו זעקס מיט פאַרטיי־בילעטן אין דער האַנט און פאַרנעמען פאַראַנט־וואָרטלעכע פּאָסטנס.

במשך פון אַ לענגערער צייט האָט מען זיי דערטראָגן נישט ווייניק מאַטעריאַל אויף יעדן איינעם. דערויף אַרבעטן ביי זיי אַזויפיל אומזיסטיקע מיטאַרבעטער, וואָס קריכן אַריין אין יעדער שטוב, אין יעדער סביבה און דערטראָגן וועגן אַלץ וואָס זיי האָבן געהערט און געזען און אפילו אויך דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געהערט און נישט געזען. זיי איז דערלויבט צו רעדן וואָס זיי ווילן, פירן אַנטיסאָוויעטישע געשפּרעכן, אַבי אַרויסצושלעפּן ביים מיטשמועסער אַ געהעריקע רעאַקציע אויף זייערע רייד. אָט האָסטו,

ברודער־לעב, אַ, פישעלע אויף דער ווענדקע, שלינג עס איין און ווער דערמיט דערשטיקט.

איך דערמאָן זיך ווי איינמאָל איז מיין שכן גרופין אַראָן סאַמאָילאָוויטש אַריין צו מיר אין שטוב מיט אַ פרעמדן מענטשן, אַן אַלטן יידן, אַ געוועזענעם לערער, אַ פענסיאָנער. ער איז אַריין מיט דער צייטונג „וויעטשירני קיעוו״ אין דעם האַנט. „איר זעט״ — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און געשטופּט מיר די צייטונג אין פנים אַריין — „דאַרמאָיעדי״ — אומזיסטע פרעסערס. אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרעסערער גרופע יידישע יוגנטלעכע, אָט די אומזיסטע פרעסערס (אויסגערעכנט זייערע יידישע נעמען) האָבן זיך געלערנט אויפן חשבון פון דער מלוכה און פאַרענדיקט אַלס דאָקטוירים און אינזשיניערן. איצט זיצן זיי ביי דער פּאָלע פון זייערע מאַמעס און ווילן זיך נישט רירן פון קיעוו. זיי ווילן נישט פאָרן אַהין, וווהין מען שיקט זיי אַרבעטן. אַזאַ חוצפה פון אומזיסטע פרעסערס!

„נו ווי געפעלן אייך די אָרטיקע אוקראַינישע אַנטיסעמיטן? נאָר יידן האָבן זיי אויסגעקליבן — פונקט ווי אַלע אַנדערע פאָרן וווהין מען

— „בכלל — רופט זיך אָפּ דער צווייטער, וואָס איז צוזאַמען מיט

שיקט זיי!״

גרופינען אַריינגעקומען — „אַ שוואַרץ־מאהדיק בלעטל דער „וויעטשירני קיעוו״, מערסטנס אַרטיקלען זענען וועגן יידן, שפּעקולאַנטן, וועגן יידן וואָס וואַגן נאָך אַדורכצופירן ברית־מילה ביי זייערע זין, האָבן נאָך חתונה כדת משה וישראל און א. וו. — און ווער איז דער שולדיקער אין דעם, וואָס אַזאַ בלעטל דערשיינט אין קיעוו? ער, כרושטשאָוו — דער סעקרעטאַר פון אוקראַינישן „צעקאַ״.

אין געדאַנק בין איך אפילו מסכים געווען מיט זיי, נאָר איך מוז געדענקען, אַז איך בין אַ לערער און מוז זיין שטאַרק פאַרזיכטיק.

„וואָס־זשע, מען זאָל זיי גלעטן איבערן קעפּעלע, ווען זיי ווילן נישט אויספירן קיין באַפעלן?! זיי האָבן זיך געלערנט אומזיסט, געענדיקט. איצט דאַרף מען זיי ערגעצווו. פאַרוואָס זאָלן זיי נישט פאָרן?״ — פאַרענדיק איך — „און צוליב דעם זענט איר צו מיר אַריינגעקומען? איך גלויב, אַז אונדזער שמועס איז פאַרענדיקט״.

„ניין" — רופט זיך אָפּ גרופּין — „דער ייד איז אַ לערער־פּענסיאָנער. ביי אים קענט איר קויפן דעפּיציט־ביכער, מעטאָדיקעס פון מאַטעמאַטיק, אָט די וואָס איר וועט קיינמאָל נישט באַקומען אין די געוועלבער".

ביי די רייד, נעמט דער ייד אַרויס פון טעקע עטלעכע וויכטיקע פאַר מיר ביכער־מעטאָדיקעס. איך וואָלט זיי זייער נויטיק באַדאַרפט. איך קויף זיי ביי אים, באַצאָלנדיק דריי מאָל מער, ווי דער אָנגעצייכנטער פּרייז איז אויף זיי...

אַ צווייט מאָל איז ער, גרופּין, נאָכאַמאָל אַריינגעקומען אין אָוונט מיט דעם יידן און ווייטער מיט אַ צייטונג, וווּ ס'איז געווען אַ מעלדונג וועגן דעם אַרעסט פון די יידישע פּראָפעסאָרן אין קרעמל. איך האָב שוין די נייעס געוווּסט פון אינדערפרי. איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען אונטער דעם איינדרוק. ביי אונדז אין שול האָט אפילו אַן אוקראַינער, אַ לערער פון ביאָלאָגיע, זיך געשעפּטשעט מיט אַנדערע, נישט־יידישע לערער. במשך פון דער גרויסער פּויזע האָט דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע גערעדט וועגן „בדיטעלנאָסט" — פאַרזיכטיקייט. אַ סימן, אַז אפילו אין קרעמל זענען זיי פאַראַן, די פאַרמאַסקירטע שפּיאָנען און שעדיקער. קיין שום צווייפל אין זייער שולד איז ביי קיינעם נישט געווען. פאַרקערט, מען האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהויב פון אַ גאָר גרויסער אַנטפּלעקונג. דעם נאָמען ייד האָט מען טאָקע נישט אָנגערופן, דאָך האָבן אַלע געוווּסט, וועמען מען מיינט. איינע אַ יידישע לערערין פון געשיכטע, אַ פּאַרטיי־מיטגלידערין, האָט אפילו געפּאָדערט אין איר אַרויסטריט טויט־שטראָף פאַר אַלע...

— צו וואָס קאָן אַזאַ פּראָצעס פון יידישע פּראָפעסאָרן פירן? — האָט זיך אָנגערופן מיט כעס דער עלטערער ייד — צו שוואַרץ־מאַהדיקע פּאָגראָמען איבער יידן!

— יאָ, — האָט גרופּין אים אונטערגעהאַלטן — מען האָט שוין היינט יידן אַרויסגעטריבן פון די „אָטשערעדן" נאָך ברויט און צוקער. דער אוקראַינער דאַרף נאָר אַ ווונק, וועט ער פאַרזעצן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן בשעת דער אָקופּאַציע.

איך האָב געשוויגן און באַמיט זיך וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון די נישט געוווּנטשענע געסט.

וועגן דעם אַלעמען האָט ער, גרופּין, ווי איך האָב זיך צו שפּעט דערוווּסט, איבערגעגעבן אין עמ. ווע. דע., געוויינלעך, נישט ווי ס׳איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. אָט דעם גרופּינען האָבן מיר נישט ליב געהאַט. מיין ווייב האָט אפילו נישט געוואָלט ער זאָל זיין אַן אָפּטער אַריינגייער צו אונדז אין שטוב אַריין. איך בין אָבער צו שוואַך געווען אים צו ווייזן די טיר. ער איז דאָך פּאָרט אַ שכן. ווי אַזוי טרייבט מען אים אַרויס?

## אנעקדאטן

אין דער גאַנצער וועלט האָבן מענטשן ליב צו הערן איבערדערציילן אַנעקדאָטן, וויצן און קאַלאַמבורן. אין ראַטנפאַרבאַנד אין דאָס אַ געפערלעכע זאַך. דאָרט מוזטו גוט אַריינטראַכטן, וועלכן אַנעקדאָט דו מעגסט דערציילן און וועלכן נישט. צי פאַרבאַהאַלט זיך נישט, חלילה, אין אַנעקדאָט, אָדער וויץ, אַזוינס, וואָס קען אָנגענומען ווערן ווי אַ קריטיק פון אַן אָפיציעלער פּערזענלעכקייט, אָדער פון דער לויפנדיקער מלוכה־פּאָליטיק. צי איז נישטאָ אין דער געזעלשאַפט עמעצער, וואָס קאָן דערטראָגן וועגן דערציילטן אַנעקדאָט אַהין, וווּ מען דאַרף און ביי דער געהעריקער געלעגנהייט וועט מען אים געהעריק אַנאַליזירן, כדי אים צו קוואַליפיצירן אַלס אַנטיסאָוויעטישן און אַרויסציען פון דעם די „געהעריקע קאָנסעקווענצן״.

ס׳איז געווען אַ צייט ווען אפילו אַן אַנעקדאָט וועגן פאַראַט צווישן מאַן און ווייב, וועגן אַ דרייעק — מאַן, ווייב און געליבטער, קוראָרט־אַנעקדאָטן און אַנדערע זענען אויך געווען טריף, ווייל זיי חוזקן דאָך אָפּ פון דעם סאָוויעטישן בירגער. איז דאָך זאָשטשענקאָ, דער באַרימטער הומאָריסט, צוליב דעם באַשפּיגן און איזאָלירט געוואָרן. שפּעטער האָט מען שוין ווייניקער געלייגט אַכט אויף ציניש אַנעקדאָטן. נאָר פאַר „פּאָליטישע״ האָט מען זיך געמוזט היטן ווי פאַר פייער.

אַ גאַנצע וואָך, נאַכט נאָך נאַכט, איז ביי מיין אויספאָרשער געגאַנגען די סדרה „אַנעקדאָטן". ליסענקאָ האָט געפאָדערט, איך זאָל באַשטעטיקן, אַז די און די פּערזאָן האָט אין מיין אַנוועזנהייט דערציילט דעם אָדער יענעם אַנעקדאָט. ווען נישט מיין מידקייט פון נישט שלאָפן, ווען נישט דאָס וואָס ליסענקאָ איז מיט יעדער מיין באַשטעטיקונג געווען גרייט צו פאַרשלעפּן אין זיין נעץ נאָך און נאָך אומשולדיקע חברים מיינע, וואָלט איך זיך געוויילט, אויסהערנדיק ווי ער דערציילט אָן אַ שיעור אַנעקדאָטן, וואָס זענען ביי אים פאַרשריבן וואָרט ביי וואָרט. צום ביישפּיל:

— אין אַ פאַבריק איז אַמאָל געקומען דער סעקרעטאַר פון דער ראַיאָן־פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע צו פאַרהערן די אַרבעטער, וואָס לערנען זיך שוין אַ סך יאָרן דעם קורצן קורס פון סטאַלינס געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איינעם נאָכן אַנדערן רופט מען אַריין די אַרבעטער אין קאַבינעט און מען שטעלט זיי פראַגן. פאַר די ענטפערס שטעלט מען זיי אפילו מיינונגען, פונקט ווי שילער.

איינער קומט אַרויס פון קאַבינעט אַ רויטער ווי אַ בוראַק. נו, וויפל? — פרעגן די חברים. אַ „2" האָב איך באַקומען, אַ שלעכטע מיינונג. פאַרוואָס? וואָס האָט מען דיך געפרעגט? מען האָט מיך געפרעגט: ווי לעבט זיך דעם אַרבעטער אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע? וואָס? — האָב איך געענטפערט — גוט, וואָס גוט הייסט. מיט וואָס? — האָט מען מיר געפרעגט. — מיט אַלעמען. — דהיינו? דערויף האָב איך נישט געענטפערט. נו, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי אַזוי לעבט דער אַרבעטער? — אַלע לעבן דאָרט ביטער, שלעכט! — האָב איך געענטפערט. דהיינו? — איך האָב ווייטער נישט געענטפערט. דאָס איז אינגאַנצן? פאַרוואָס־זשע קומט דיר אַ שלעכטע מיינונג? — וווּנדערן זיך די חברים. — איך ווייס? מסתם האָבן זיי מיר נישט געגלויבט.

— דעם אַנעקדאָט האָט דערציילט ביי אייך אין שטוב אין אייער אַנוועזנהייט די שכנה אייערע ר... איר באַשטעטיקט? — האָט געפרעגט ליסענקאָ.

— ניין!

— ניין ? ווי איז דאָס מעגלעך ? אָט ווייס איך, אַז דאָס איז געשען דעם... — און ער רופט אָן גענוי די דאַטע.

איך דערמאָן זיך אין די דריי באַגאַבטע שוועסטער, מיינע שכנות. צוויי פון זיי מוזיק־אָנפירערינס אין עטלעכע קינדער־גערטנער, די דריטע — אַ דאָקטאָרין, וואָס עס פעלט איר די רעכטע האַנט, מיט אַ שיין 5־יאָריק יינגעלע, מאַרעק, און מיט זיי — זייער אַלטע מאַמע. אַלע וווינען צוזאַמען אין איין קליינעם צימער. די עלטסטע פון זיי, אַ מיידל פון אַ יאָר 40, האָט ליב געהאַט, קומענדיק זומער פון קוראָרט, צו דערציילן אין אַן ענגן קרייז, אַנעקדאָטן. צי האָט זי אויך דעם אַנעקדאָט דערציילט, געדענק איך נישט. ווי אַזוי קאָן איך זי אַריינשלעפּן אין דער בלאָטע ? פאַרוואָס ?

נאָך לאַנגע מאַטערנישן דערקלער איך: „יאָ, איך דערמאָן זיך. דעם אנעקדאָט האָב איך אַליין דערציילט״. סיי־ווי בין איך אַ פאַרפאַלענער, זאָל שוין זיין נאָך דער אַנעקדאָט אויף מיין חשבון, האָב איך געטראַכט.

— קיין ראַטנפאַרבאַנד זענען געקומען אַמעריקאַנער און ענגלישע זשורנאַליסטן. זיי האָבן, ווי שטענדיק, געזוכט דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד. אין מאָסקווע האָבן זיי אים וויניקער באַמערקט, זענען זיי אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ. דערזעענדיק אַ לאַנגע ריי פון מענטשן, האָבן זיי א רוף געטאָן איינעם אַ יידן, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי. „וואָס שטייען אַזויפיל מענטשן אין דער ריי ?״ — האָבן זיי אים געפרעגט. „מיר האָבן היינט באַקומען אונדזער לוין, ווילן מיר אים אַריינלייגן אויף אונדזערע אָפּשפּאָר־ביכלעך״.

וועגן דעם יידנס קלוגן ענטפער האָט מען דערטראָגן אין קרעמל. מען האָט אים אַרויסגערופן: „פאַרוואָס האָסטו אַזוי געענטפערט די קאַפּיטאַליסטן ?״ — האָט סטאַלין אים געפרעגט.

„זאָלן זיי נישט שטופּן זייער נאָז, ווו מען דאַרף נישט. ס׳איז נישט זייער טאַטנס עסק, צוליב וואָס מיר שטופּן זיך אין אָטשערעד...״

„ריכטיק״ — האָט אים סטאַלין געענטפערט. — מיט וואָס באַלוינט מען דיך פאַר דיין געטריישאַפט ? אפשר ווילסטו פאָרן קיין ישראל ?״

„איך ?” — האָט זיך דער ייד דערשראָקן. „פאַרוואָס נישט ? אַן אייגן לאַנד. דאָס איז דאָך אונדזער אויפטו פאַר אייך יידן”. „ניין און ניין ! איך דאַרף עס אויף כפרות. שיקט בעסער אַהין אַוועק די אָ.ב.כ.׳ס (אָט די וואָס קעמפן און זעצן איין יידן פאַר ספּעקולאַציע) וועט מיר דאָ אויך גוט זיין !”

— אָט דעם אַנטיסאָוויעטישן אַנעקדאָט האָט דערציילט ביי אייך אין שטוב אייער חבר ש. איך קען אייך אפילו זאָגן געַנוי די דאַטע — זאָגט ליסענקאָ.

— קודם כל וויל איך וויסן, מיט וואָס איז דער אַנעקדאָט אַן אַנטי־סאָוויעטישער. מיר ווייזט אויס פאַרקערט. ער איז פאַר די סאָוויעטן און קעגן די קאַפּיטאַליסטן.

— איר מיינט פאַלש. ווי קומט אונדזער גרויסער פירער אין אַן אַנעקדאָט ? אָט דאָס אַליין איז אַנטיסאָוויעטיש — רופט אויס ליסענקאָ.

איך האָב אויך דעם אַנעקדאָט גענומען אויף זיך. דער אויספאָרשער איז אפילו נישט געווען צופרידן, וואָס אַלץ נעם איך אויף זיך. דאָך...

— אין דער צייט ווען הונדערטער באַוווסטע יידישע פּערזענלעכקייטן זענען געשטעמפּלט געוואָרן אַלס קאָסמאָפּאָליטן, איז געקומען איינער אַ ייד צו סטאַלינען און געפרעגט : וואָס איז אַזוינס „קאָסמאָפּאָליטיזם” ?

„וואָס פרעגסטו מיך ? — האָט סטאַלין געענטפערט — „גיי בעסער און פרעג לאַזאַר מאָיסייעוויטשן, ער וועט דיר זאָגן”.

דער איינגעשפּאַרטער ייד האָט זיך אויך דערשלאָגן צו קאַגאַנאָוויטשן און געשטעלט די זעלבע פראַגע.

„איך ווייס ?” — האָט קאַגאַנאָוויטש געענטפערט — „איר פאָרט אין באַן אָדער אין טראַמוויי, קוקט זיך צו צו די אויפשריפטן, וועט איר שוין אַליין פאַרשטיין”.

און דער ייד איז געפאָרן, געקוקט אויף אַלע זייטן און געלייענט די אויפשריפטן, אַזוי לאַנג ביז ער האָט דערזען די אויפשריפט : „רוק זיך נישט אַרויס פאָרויס !” — איצט ווייס איך שוין וואָס עס מיינט אַזוינס „קאָסמאָפּאָליטיזם”.

— צי אָנערקענט איר זיך אויך צו דעם אַנטיסאָוויעטישן וויץ ? — האָט געפרעגט ליסענקאָ.

— דאָרט ווו דריי, קאָן אויך דער פערטער זיין, — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— אפילו אונדזער גרויסן לענינען האָט איר און אייערע חברים נישט געלאָזט רוען און דערציילט וועגן אים בבא מעשיות, — האָט ליסענקאָ אַרויסגעזאָגט מיט מער ערנסטקייט.

— איך געדענק נישט, ס׳זאָל אַזוינס געשען, — האָב איך געענטפערט.

— טאָ הערט און איר וועט זיך דערמאָנען! — און ער לייענט אַרויס:

— לענין איז אַמאָל קאַיאָר אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ שאָס נישט ווייט פון דעם אָרט. ער איז צוגעלאָפן צו דעם אָרט און דערזען אַ יונגן זעלנער אַ טויטן אויף דער ערד און נעבן אים אַ ברויט. „ווער האָט אים דערשאָסן?” — האָט לענין אַ פרעג געטאָן דעם זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי אַ מחסן. „איך” — האָט יענער מיט שטאָלץ געענטפערט — „ער האָט געגנבעט אַ ברויט, ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן, נו, האָב איך אים, לויטן אוסטאַוו, דערשאָסן”. „מאָלאָדיעץ! דער אוסטאַוו איז הייליק” — האָט לענין אַ זאָג געטאָן — „און ווער ער איז, ווייסטו?” — „אוודאי, דאָס איז סטיאָפּאַ, דער אוטשאָטשיק פון דער טראַקטאָר־בריגאַדע ביי אונדז אין קאָלכאָז”. „דיינעם אַ חבר האָסטו דערשאָסן פאַר אַ ברויט?” „לויטן אוסטאַוו, לויטן זאַקאָן!” „ריכטיק, ריכטיק!” נאָר אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט פון אים, האָט לענין פאָרט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און דעם סאָלדאַט דערשאָסן...

## אנטיסעמיטיזם

אין אוקראַינע, בעת און נאָך דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, האָט זיך צעפלאַקערט דער אַנטיסעמיטיזם און אָפּט אָנגענומען פאַרמען, וואָס האָבן באַדראָט די עקזיסטענץ פון די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן. אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד, אין לאַנד פון לעניניזם, טאָר מען נישט אָנרופן דעם אַנטיסעמיטיזם ביי זיין אמתן נאָמען. דאָס ביסל יידן, וואָס זענען

לעבן געבליבן, זייענדיק ערגעץ ווייט, ווייט אויף דער עוואַקואַציע, אויך די וואָס האָבן זיך נאָך דעם זיג אומגעקערט פון דער מלחמה, מיט פּאַרטיי־ביכלעך, מיט אַ סך אָרדנס און מעדאַלן פאַר העלדישע אויפטוען, זיי האָבן זיך אומגעקערט אין די גרויסע שטעט, וואָס זענען טייל־ווייז געווען פאַרניכטעט, אָבער דאָך נישט פּוסט. אין די הייזער, וואָס זענען שטיין געבליבן, האָבן געוווינט אוקראַינער. זיי האָבן צוגערויבט דאָס יידישע האָב און גוטס, וואָס די אַוועקגעפירטע צו דער שחיטה אין באַבי־יאַר, האָבן איבערגעלאָזט. זיי האָבן זיך גאָרנישט געריכט, אַז ס׳קען נאָך קומען אַ יורש, אַ זון, אַ טאָכטער, אָדער אַנדערע נאָענטע קרובים, וואָס זאָלן פּרעטענדירן אויף זייער דירה, אויף זייער האָב און גוטס. די באַפרייער, די סאָוויעטן, האָבן געמאַכט שוועריקייטן איינצומעלדן זיך אין קיעוו, איבערהויפּט די יידן, וואָס האָבן געוואָלט אָפּנעמען זייערע דירות. עס זענען אַנטשטאַנען קאָנפליקטן, טאָג־טעגלעכע קריגערייען, שטימונגען פון באַנייטע פּאָגראָמען. דער סאָוויעטן־מאַכט אין אוקראַינע מיט ניקיטאַ סערגיעוויטשן כרושטשאָוון בראש איז גרינגער געווען צו שווימען מיטן שטראָם פון שנאה פון מיליאָנען אַנטקעגן אַ קליין רעשטל איבער־געבליבענע יידן. אָבער אָנרופן די קרענק ביים נאָמען האָט מען נישט געטאָרט. „אין ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירט נישט קיין אונטערשיד צווישן פעלקער פון פאַרשידענע נאַציעס. ס׳איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם״.

ווייל מען אַ יידן נישט פאַרשרייבן אין קיעוו. און צי פאַרשרייבט מען דען אַלע נישט־יידן אָן אויסנאָם? דערווייטערט מען אַ יידישן אינזשיניער פון דער אָנפירונג אין „לעניִנסקאַיאַ קוזניִאַ״, טאָרסטו נישט זאָגן אַז דאָס איז געשען, ווייל ער איז אַ ייד. נעמט מען דיין זון נישט אַריין אין קיעווער פּאָליטעכניקום, טאָרסטו נישט פאַרשטיין, אַז דאָס איז געשען, ווייל ער איז אַ ייד.

מערסטנס פון מיינע חברים, וואָס האָבן פיגורירט אין דער רשימה פון די, וואָס האָבן באַדאַרפט צו זיצן צוזאַמען מיט מיר אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אינעם גרויסן פּראָצעס, וואָס דער קיעווער טראַנספּאָרט עמ. גע. בע. האָט צוגעגרייט, זענען טאַקע באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס עקזיסטירט אַנטי־

סעמיטיזם; אַז יידן ווערן באַהאַנדלט אַנדערש ווי אַנדערע בירגער; אַז לגבי יידן זענען פאַראַן אויסנאַם־מאַסמיטלען.

אויף איינעם פון מיינע חברים, מיין ווייבס אַ קרוב, אַ מאַיאָר פון דער מעדיציניִשער דינסט, האָט דער אויספאָרשער געזאָגט, אַז זייענדיק ביי מיר אין שטוב, האָט ער דערציילט, אַז איינעם אַ סאָוויעטישן גענעראַל האָט מען דערווייטערט פון דער אַרמיי, ווייל ער איז אַ ייד.

ס'איז געווען שקר וכזב. דער מאַיאָר האָט גאָר געזאָגט, אַז דער גענעראַל מיט אַ קריסטלעכן נאָמען זאָל האָבן פאַרלייקנט די גאַנצע צייט זיין יידישע אָפּשטאַמונג. ווען מען האָט זיך דערגראַבעלט אין די ארכיוון, אַז ער שטאַמט פון יידן, האָט מען אים פאַרגעוואָרפן, הלמאי ער האָט אין זיינע פערזענלעכע אַנקעטעס פאַרלייקנט זיין אָפּשטאַם. אַ סימן, ער מיינט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד אונטערשיידט מען צווישן באַזונדערע נאַציעס און דאָס איז אַ פאַרברעכן קעגן סטאַלינס קאָנסטיטוציע.

אַ פרוי, אַן אינזשיניער פון דער פאַבריק „לענינסקאַיאַ קוזניא", וואָס האָט פאַרלוירן איר מאַן אין דער מלחמה, אַליין עוואַקואירט זיך צוזאַמען מיט דער פאַבריק אין וויטן סיביר, מיט איר פיצל טעכטערל. נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו, צוזאַמען מיט דער פאַבריק. אַליין אַ פאַרטיי־מיטגלידערין און אַ גוטע אַרבעטערין ביים קאָנטראָלירן די פראָדוקציע און אויך אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין, אויך איר האָט מען באַשולדיקט אין דערציילן וועגן איינעם פון די גרינדער און פירער פון דער פאַבריק, אַ ייד, וואָס מען האָט דערווייטערט פון דער אַרבעט, כלומרשט פאַר פאַרנאַכלעסיקונג פון זיינע פליכטן, אין דער צייט ווען ער איז גאָט די נשמה שולדיק געווען, נישט מער. אפילו אַלס פשוטן אַרבעטער האָט מען אים נישט געלאָזט בלייבן אין פאַבריק. אויף אַלע זיינע אַנקלאַגעס וואָס זענען דערגאַנגען ביזן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט ער באַקומען אַן ענטפער: „מען האָט געהאַנדלט ריכטיק".

צווישן די פאָרגעוואָרפענע „אַנטיסאָוויעטישע" אַנעקדאָטן איז געווען אַזאַ מין: האָזן אַנטלויפן מאַסנווייז דורך דער גרענעץ. איינעם האָט מען געכאַפּט. — פאַרוואָס אַנטלויפט איר? — האָט מען אים געפרעגט. מען זאָגט, אַז מען אַרעסטירט און מען שיסט קעמלען, אַנטלויפן מיר. —

— אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין קעמל! — גיי זיי אַ בריה און דערווייז זיי, אַז דו ביסט נישט קיין קעמל!

צווישן די קאַנדידאַטן אויף דער רשימה איז אויך געווען אַן עלטער מיידל, די פּאַרוואַלטערין פון מעטאַדישן קאַבינעט, אַ פּאַרטיי־מיטגלידערין, וואָס האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט דער פּאַרטייאישער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט, נישט איבערלאָזנדיק פאַר איר אייגן פּריוואַט־לעבן גאָרנישט. ווען זי פלעגט קומען וויזיטירן מיינע לעקציעס אין שול, פלעגט זי קיין איין גוט וואָרט נישט זאָגן אויף מיר, מען זאָל זי, חלילה, נישט חושד זיין אין „סוביעקטיוויטעט", כלומר: אַ ייד זאָגט גוט אויף אַ יידן, אינדערצייט ווען אַנדערע נישט־יידן, פלעגט זי לויבן אין טאָג אַריין. דער אויספאָרשער האָט געפאָדערט, איך זאָל באַשטעטיקן, אַז זי האָט מיר געזאָגט: „איך טראָג אויף מיין האַלדז אַ בייטעלע מיט סם, איך וועל נאָך אַביסל צוואַרטן. אויב די באַציאונג צו די יידן וועט אַזוי ווייטער פאַרערגערט ווערן, וועל איך זיך אָפּסמען".

הייסט עס, אַז זי האָט געהאַלטן, אַז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון דער פּאַרטיי לגבי די יידן איז אַן אַנטיסעמיטישע. איך האָב אויך די באַשולדיקונג אָפּגעלייקנט, כאָטש שפּעטער האָט דער אויספאָרשער געפונען אַנדערע צוויי עדות, וואָס האָבן דאָס באַשטעטיקט.

אַ ברודער פון איינעם פון מיינע חברים, אַ יידישער אינזשיניער, האָט במשך פון אַ סך יאָרן געאַרבעט אין קיעווער געווער־פאַבריק „אַרסענאַל". איך האָב זיך מיט אים געטראָפן נאָר איינמאָל אויף דעם געבורטסטאָג פון מיין חברס זון. מיר האָבן אפילו קיין צוויי ווערטער צווישן זיך נישט פאַרביטן. אויך אויף אים האָט דער אויספאָרשער געפאָדערט, איך זאָל באַשטעטיקן, אַז ער האָט אומעטום דערציילט סודות פון זיין אַרבעט אין „אַרסענאַל" און ווען מען האָט אים דערווייטערט פון דער אַרבעט, האָט ער געזאָגט, אַז נאָר דערפאַר האָט מען אים דערווייטערט, ווייל ער איז אַ ייד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך דערשאָסן.

ס'איז אוממעגלעך איבערצודערציילן די אַלע אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען, וואָס זענען אויסגעזויגן געוואָרן פונעם פינגער. זיי האָבן באַדאַרפט דינען כדי צו ברענגען אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק

יואל פערעל

אַ גרופּע פון 28 יידישע אינטעליגענטן, אינזשיניערן, דאָקטוירים און לערער אויפן געפלאַנטן פּראָצעס אין כרושטשאָווס אוקראַינע.

## אויפן ציוניסטישן פּערדל

איינער אַליין... די צייט שלעפּט זיך ווי סמאָלע. די דאָטעס האָבן זיך מיר צעמישט. נאָר דער טאָג, ווען איך באַקום פון מיין פרוי פרישע מאַכלים און ריינע וועש דערמאָנט מיר, אַז היינט איז פרייטיק. יעדע וואָך ברענגט מיר מיין פרוי עפּעס אַנדערש. אַלץ וואָס ס'באַווייזט זיך פריש אויפן מאַרק — קויפט זי. דעם פרייטיק האָב איך באקומען רויטע, יונגע רעטעכלעך. די רעטעכלעך האָבן מיר דערמאָנט אין אָנהויב פרילינג.

כדי איבערצורייסן מיין אומעט און לאַנגווייל נעם איך זיך ווידער לייענען טשעכאָווס ווערק. איך לייען שוין דעם זעקסטן באַנד, אַ שאָד נאָר, וואָס ס'פעלן אין דער מיט אַ סך איינצלנע בלעטלעך. אַמאָל שפּיל איך מיט זיך אַליין אין דאָמינאָ. איך האָב אויסגעטראַכט אַ נייע שפּיל, מען זאָל קענען שפּילן איינער אַליין.

פּלוצים האָב איך דערהערט פון ערגעץ אַ געוויין פון אַן אַלטן: „אל תשליכנו לעת זקנה״... אַ פרישער קרבן, טראַכט איך. ווער איז ער?

איינמאָל אין צען טעג פירט מען מיך צו דער פריזירערין. אַ פרוי פון אַ יאָר 35 אין אַ ווייסן פאַרטעך, שערט און ראַזירט יעדן באַזונדער. ביי דער טיר שטייט דער שומר, אויך דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע, אַ יונגער לייטענאַנט, זיצט ביי דער זייט. איך כאַפּ אַ בליק אין שיסל, וואָס שטייט אונטערן טיש. לויט דער צאָל פּאַפּירלעך ווייס איך שוין וויפל מענער זי האָט אָפּגעראַזירט. די פרוי מוז זיכער זיין אַ יידישע. זי איז אַזוי האַרציק. מיט אירע פינגער פּרוווט זי צי דאָס פּנים איז גוט אויסגעראַזירט. די פינגער אירע רעדן. זיי טרייסטן דיך און וואַרעמען. ס'איז נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין די שפּראַך פון די פינגער, איבערהויפּט ווען ס'באַגלייט זיי אַ שטילער זיפץ...

לעצטנס איז דער אויספאָרשער געוואָרן אַ סך האָפֿערדיקער. ער האָט, ווייזט אויס, באַקומען אַ פֿרישן קוואַל פֿון באַשולדיקונגען. דאָס נייע פּערדל זיינס איז נאַציאָנאַליזם און ציוניזם.

— „קול ישראל" האָט איר געהערט אין אייער ראַדיאָ? — פֿרעגט ער מיר.

— ניין, איך האָב נישט געהערט.

— אַ ליגן, אָט האָב איך פֿאַקטן, אַז איר האָט יאָ געהערט, אַפֿילו פֿאַרבעטן צו זיך אַ סך געסט, אייערע שכנים, זיי זאָלן אויך הערן.

— יום כפור האָט איר געהערט „כל נדרי" און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. אפילו פֿאַרטייטשט יעדעס וואָרט פֿאַר די צוהערער.

איך דערמאָן זיך, אַז אַראָן סאַמאַילאָוויטש, מיין שכן, איז איינמאָל אַריינגעקומען מיט זיין באַגלייטער, דעם עלטערן יידן, ביינאַכט און געזאָגט: — איר ווייסט, אַז היינט איז יום כפור ביי יידן? היינט גיט מען איבער דורך „קול ישראל" די תפילה „כל נדרי". לאָמיר הערן — האָט געבעטן דער גאַסט.

— מיר פֿעלט עס נישט — האָב איך געענטפֿערט. איך בין נישט קיין רעליגיעזער. איר קענט הערן ביי זיך אין שטוב.

— ביי אונדז איז פֿאַראַן בלויז א ראַדיאָ־פּונקט, קענען מיר הערן דאָס גרייטע, וואָס מען גיט אָן. איר האָט אַ גוטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט...

ווען איך בין צופֿעליק אַריין אין צווייטן צימער, האָב איך דערהערט דאָס קול פֿון אַ חזן, דאָס האָט גרופּין אָנגעשטעלט אויף אַ געוויסער כוואַליע...

איך בין צו און אויסגעשלאָסן: „איך בעט אייך, גייט אייך געזונטערהייט און שטערט מיר נישט זיך גרייטן צו מיין אַרבעט". — האָב איך אים געזאָגט. עמיצער פֿון די צוויי האָט זיכער דערטראָגן וועגן דעם. אָבער ווער?

— איך קען אייך באַווייזן מיט אַן עדות, אַז איר האָט געהערט „קול ישראל" און אַזוי אַרום געפֿירט אייער נאַציאָנאַליסטישע, ציוניסטישע אַגיטאַציע. און דער „מגן דוד", די טאַטואיראָווקע אויף אייער האַנט, באַווייזט, אַז איר זענט אַ ציוניסט. און די ציוניסטישע גרעץ־געשיכטע,

וואָס איר האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן איז אויך אַן עדות קעגן אייך. און אייערע בריוו וואָס איר האָט געשריבן קיין ישראל צו אייער שוועסטער — נאָט באַקענט זיך מיט זיי!

ער נעמט אַרויס פאָטאָקאָפּיעס פון מיינע בריוו.

— און די פּעקלעך מיט זאַכן וואָס איר האָט אין יאָר 1946 באַקומען פון ישראל. אַ פאַרצווייגטע פאַרבינדונג מיט ישראל האָט איר געהאַט!...

איך דערמאָן זיך, אַז ווי נאָר איך בין אין 1944 אָנגעקומען קיין קיעוו, אַ באַרוועסער, אַ נאַקעטער, אַלס דירעקטאָר פון אַ קינדער־היים פאַר יתומים פון אייזנבאַן־אַרבעטער אויף דעם באַטיעווער באַרג, האָב איך פּלוצים באַקומען אַ מעלדונג פון דער הויפּט־פּאָסט, אַז פאַר מיר איז פאַראַן אַ פּעקל מיט מלבושים פון ישראל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי מיין ווייבס אַ קרוב איז געשטאָרבן זיין ווייב, האָט ער געשיקט אַ פּעקל מיט אונטערוועש, זאָקן, אַ צוויי פרויען־קאָסטיומען און אויך אַ קינדעריש מאַנטעלע. איך האָב געמוזט פאַר דעם פּעקל אָפּצאָלן 1200 רובל צאָל. איך האָב זיך אייגנטלעך אָפּגעזאָגט דאָס פּעקל אָפּצונעמען, ווייל כ'האָב קיין געלט נישט געהאַט עס אויסצוקויפן. דאָך האָבן מיינע באַקאַנטע מיר אויסגעבאָרגט דאָס געלט און איך האָב עס אָפּגענומען... אַ גענויע רשימה פון די זאַכן האָט זיך געפונען ביים אויספאָרשער אין יאָר 1953.

און ווי האָט איר געוואָגט, אַ לערער, אַרויסצוטרעטן קעגן אונדזער גרויסן פירערס מיינונג און דווקא באַשטעטיקן, אַז די יידן זענען אַ נאַציע גלייך מיט אַנדערע נאַציעס? דאָס האָט איר גענומען פון אייער „יידישער ענציקלאָפּעדיע”.

— סטאַלין האָט דאָך געזאָגט וועגן דעם, ווען ס'איז קיין יידישע מלוכה נישט געווען. יידן האָבן נישט געהאַט קיין טעריטאָריע, אָבער איצט...

— זייער גוט, וואָס איר באַשטעטיקט די באַשולדיקונג, אַז איר זענט נישט מסכים מיט דער טעאָריע פון אונדזער גרויסן פירער. אפשר וועט איר זיך אויך מודה זיין, אַז איר האָט זיך פאַרגלייכט מיט אונדזער גרויסן פירער?

— איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע.

— איר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז איר האָט ליב אייער ווייב, נישט ווייניקער, ווי סטאַלין האָט ליב זיין ווייב? ס'איז אמת?

— ווער קען מיר שטערן ליב צו האָבן מיין ווייב?

— אָבער פאַרגלייכן זיך מיט אונדזער גרויסן פירער! דאָס איז אַ געמיינהייט.

— איך דערמאָן זיך נישט, איך זאָל האָבן אַזוי זיך אויסגעדריקט.

— איך וועל עס אייך באַווייזן מיט אַן עדות. ער וועט עס אייך זאָגן אין די אויגן.

פלוצים דערמאָן איך זיך אין דעם געוויין, וואָס איך האָב געהערט „אַל תשליכנו לעת זקנה". עס פאַלט מיר איין, אַז דאָס איז דער נייער קוואַל פון אויספאָרשער, דער אַלטער ייד, דער פענסיאָנער...

הגם די אויספאָרשונג האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן אין די נעכט, איז זי געוואָרן קירצער. אָפטמאָל פלעגט דער אויספאָרשער מיך אָפשיקן שלאָפן אין טורמע־קאָמער נאָך פאַר חצות. ער פלעגט אויך איבערהיפּערן אַ פּאָר נעכט. אויך דער סטיל פון פירן די אויספאָרשונג האָט זיך געענדערט. וועגן אַנדערע מיינע חברים האָט ער ווי פאַרגעסן צו רעדן און אויפגעהערט צו פאָדערן זיי צו באַשולדיקן. פאַרוואָס? צי האָט ער, ליסענקאָ, זיך איבערצייגט, אַז איך בין נישט דער פאַסיקער מענטש צו בלבולים און צו באַשטעטיקן אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען אויף חברים און בכלל אויף אַנדערע? צי האָט ער געפונען אַ מער פּאַסיקן קוואַל, וואָס איז גרייט אים צו דינען און טאַנצן פאַר אים מה־יפית? אויף מיר פּערזענלעך פלעגט ער יעדעס מאָל אַרויסרוקן פרישע באַשולדיקונגען פון פּאָליטישן און אפילו נישט־פּאָליטישן כאַראַקטער. און אַלץ פון איין מקור: פון אַלטן פענסיאָנער, וואָס גרופין האָט אים אַ פּאָר מאָל געבראַכט צו מיר אין שטוב און אין זיין אַנוועזנהייט געפירט זיינע פּראָוואָקאַטאָרישע געשפּרעכן. נישט איין מאָל פלעגט דער פּראָוואָקאַטאָר קריטיקירן די סאָוויעטישע פּרעסע. די נאָכמיטאָג־צייטונג „וויעטשירני קיעוו" פלעגט ער באַצייכענען אַלס אַנטיסעמיטיש בלעטל, וואָס העצט צו פּאָגראָמען.

— אין דעם אַלעמען וואַרפט איך פאַר דער עדות ב... צי אנערקענט איר זיך שולדיק אין דעם אויבנדערמאַנטן ?

— איך פאָדער אַ זעאונג מיט דעם עדות, אויג אויף אויג. דאַן וועט איר באַקומען מיין תשובה אויף אייער פראַגע.

— און ווי האָט איר, אַ לערער, אַן אינטעליגענט, געזען, אַז אַ קאַץ זאָל לייענען די לייט־אַרטיקלען פון „פראַוודאַ״ ? דאָס הייסט נישט אָפּגעחוזקט פון דער סאָוויעטישער פרעסע ?

דער אויספאָרשער נעמט אַרויס אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע וואָס שטעלט פאָר אַ גרויסע ווייסע קאַץ אויסגעקערעוועט מיט איר מאָרדע צו דער צייטונג, אויף וועלכער מען זעט נישט קיין שום אותיות, נאָר די צוגעשריבענע אויפשריפט „פראַוודאַ״.

איך דערמאָן זיך, אַז מיין זון אין עלטער פון 13 יאָר האָט פאָטאָ־גראַפירט אונדזער קאַץ, און אַוועקגעשטעלט ווי אַ הינטערגרונט אַ שטיק צייטונגס־פּאַפּיר.

— איר זענט אייך מודה, אַז איר האָט פאָטאָגראַפירט די קאַץ ?

— יאָ, ענטפער איך, אָבער כ׳האָב נישט געמיינט דערביי אָפּצושפּאָטן פון דער פרעסע. דאָס וואָרט „פראַוודאַ״ האָט עמיצער צוגעשריבן אויף דעם פאַרגרעסערטן בילד. אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט מען קיין אותיות נישט געזען. די צייטונג האָט געדינט אַלס פאָן.

אפילו אין מיין טרויעריקער לאַגע בין איך גרייט געווען צו לאַכן פון דעם, ווי אַזוי אַן אויספאָרשער, דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, מאַכט זיך לעכערלעך מיט זיין אופן צו באַווייזן מיין שולד.

— אין דער זעלבער צייט פלעגט איר אויסלויבן אין טאָג אַריין די פוילישע פרעסע, די פוילישע קולטור און בכלל דאָס פוילן פון פאַר דעם יאָר 1939. מיצקעוויטשן האָט איר געשטעלט העכער פון פּושקינען, שיענקעוויטשן העכער פון טאָלסטאָיען. אויף דערויף האָב איך באַוויזן — האָט ליסענקאָ מיט טריומף אַרויסגעזאָגט.

נאָך די גרויסע באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש, אין אָפּלייקענען סטאַלינס טעאָריעס און אַנדערע, זענען שוין די באַשולדיקונגען, וואָס פלעגן זיך מערן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, געווען נישטיק. בפרט, אַז אַלע

זענען געקומען פֿון איין קוואַל, פֿון איין עדות, וואָס דער אויספֿאָרשער האָט אים נישט ווייט פֿון זיך, אין קעלער, וועמענס געוויינען און תּפֿילות איך הער ביי זיך אין קאַמער.

לעצטנס האָט ליסענקאָ געפּרוווט אַרויסרוקן אַנטקעגן מיר באַשולדיקונגען פֿון גאָר נישט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. אין קיעווער אָפּערן־כאָר האָבן געזונגען זינגער פֿון לוצקער פֿילהאַרמאָניע־כאָר. צווישן זיי אויך מיין שוועסטער־קינד. אַ פּאָר טעג פֿאַר דער מלחמה זענען זיי אַרויסגעפֿאָרן מיטן גאַנצן אַנסאַמבל אויף קאָנצערטן. אַדאַנק דעם זענען זיי פֿאַרבליבן לעבן. די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה זענען זיי אַרומגעפֿאָרן אין אַ גרויסן פּולמאַן־וואַגאָן איבער די וויטע שטעט פֿון גרויסן רוסלאַנד און אַדורכגעפֿירט קאָנצערטן. נאָך דער מלחמה האָט מען דעם אַנסאַמבל רעפֿאָרמירט, ווייל סיי דער דיריגענט וויינער און אויך די כאָריסטן זענען געווען מערסטנס יידן. אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אַלס כאָריסטן אין דער קיעווער אָפּערע. איינמאָל האָט מען איינעם פֿון זיי פֿאַרהאַלטן מיט אַ פּעקל זיידענע זאָקן. מען האָט אים אַרעסטירט און געוויינלעך פֿאָרגעלייגט מיטאַרבעטן מיט עמ. גע. בע. אויף צו מסרן די אַנדערע חברים, אַז זיי פֿאַרנעמען זיך מיט שפּעקולאַציע און אויך מיט גאָלד־וואַלוטע. ער האָט זיי, ווייזט אויס, צוגעזאָגט. מען האָט אים דעריבער באַפֿרייט. נאָר גאָר פּלוצים זענען אַלע, חוץ איינעם, זומער־צייט, פֿאַרשוווּנדן. זיי זענען אַוועק קיין לוצק און צוזאַמען מיט די אַנדערע פּוילישע רעפּאַטריאַנטן אַוועק קיין פּוילן. און פֿון פּוילן ווייטער קיין ישׂראל. איך האָב זיי געקענט, אָבער זעלטן ווען איך פֿלעג זיך טרעפֿן מיט זיי.

דער קיעווער פּראָקוראָטור האָט פֿאַרדראָסן, הלמאי אזא חבֿרה יידן האָט זיי געפֿירט אין באָד אריין און אנלאָפּן. האָבן זיי ערשטנס דעם איבער־געבליבענעם חבֿר מיט זיין קיעווער ווייב, וואָס צוליב איר איז ער נישט מיטגעפֿאָרן, איינגעזעצט אויף 10 יאָר און זי, ווייל זי האָט דעם אייגענעם מאַן פֿאַרמסרט, און געזויגן אַ פּיצל קינד, נאָר אויף 3 יאָר.

דער אויספֿאָרשער ליסענקאָ האָט געפּרוווט מיך מאַכן פֿאַר דעם פֿאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער די אַנטלאָפֿענע זאָלן האָבן געהערט. איך זאָל האָבן צוליב דעם געפֿאָרן קיין לוצק, כּדי צו

העלפן זיי אַנטלויפן קיין ישראל, דערביי זאָל איך האָבן מיטגעאַרבעט מיט זיי אין זייערע שפּעקולאַציע־געשעפטן.

קיין שום באַווייזן דערויף האָט ער נישט געהאַט. אַט דער, וואָס האָט באַקומען 10 יאָר אַרבעטסלאַגער, האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן און אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונגען קעגן מיר. איך האָב זיך אויך נישט אָנער־קענט שולדיק אין די אויסגעטראַכטע פאַרווורפן. דאָך האָט דאָס געגעבן דעם אויספאָרשער אַ מעגלעכקייט צוצוקלעפּן צו מיין פּאָליטישער „דיעלאָ" אויך אַ צוגאָב־באַשולדיקונג אין מיטהילף ביי שפּעקולאַציע...

כמעט יעדן פּאָליטישן פלעגט מען צוגעבן נאָך אַ „סטאַטיי" פון נישט־פּאָליטישן כאַראַקטער. אמת, ביים אַרויסטראָגן דעם אורטייל האָט די „סטאַטיי" נישט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל, ווייל סיי־ווי פלעגט מען געבן אָדער 10 אָדער 25 יאָר. דאָך איז גאָר וויכטיק, כדי צו פאַרשט־יין די רייד פון כרושטשאָוון פאַר דער וועלט־פּרעסע, אַז איצט זיצן נישט אין די לאַגערן קיין פּאָליטישע. ס'איז גענוג געווען אַראָפּצוואַרפן די שולד לויט דער פּאָליטישער סטאַטיי, דאָך נישט צו באַפרייען פון לאַגער, ווייל ער האָט אויך אַן אַנדערע, נישט־פּאָליטישע סטאַטיי.

יעדע נאַכט פלעג איך בעטן דעם אויספאָרשער מאַכן א סוף צו מיין איינזאַמקייט. איך האָב זיך שוין אָפּגעוווינט צו רעדן מיט מענטשן. אָפטמאָל באַמערק איך ווי איך רעד צו זיך אַליין.

— אַז איך האָב נישט מיט וועמען אייך צו זעצן! — האָט זיך דער אויספאָרשער ווי פאַרענטפערט פאַר מיר. איך קען אייך אַריינזעצן אַן אוקראַינישן נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט פאַרשפּרייט פלוג־בלעטלעך און גערופן „בעי זשידאָוו", „שלאָג יידן" אָדער גאָר אַ מערדער, וואָס וועט אייך באַליידיקן, אויפפרעסן אַלץ. איר וועט דערנאָך האָבן צו מיר טענות.

איך האָב געבעטן: — זאָל זיין א מערדער, זאָל זיין אַן אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט — איך קען שוין מער נישט זיין אַליין. איך וועל משוגע ווערן!

ווען ס'איז געקומען אין א פּאָר טעג אַרום א קאָמיסיע צו מיר אין קאַמער, ווייזט אויס פון מאָסקווע, און געפרעגט ווי איך פיל זיך, וואָסערע פאַרלאַנגען איך האָב, האָב איך נאָר געבעטן, מען זאָל מיר געבן מיינע

ברילן צו לייענען, עס טוען מיר ווײ די אויגן און איבערפירן מיר אין אַ קאַמער, ווו איך זאָל נישט זיין איינזאַם. עטלעכע טעג האָט מיר דער אויספאָרשער נישט גערופן צו זיך און איך האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָך אַ מענטשן.

זיי האָבן גערעדט מיט מיר אין גאָר א מילדן, אַ מענטשלעכן טאָן. אפילו צוגעזאָגט, אז די אויספאָרשונג מיינע וועט זיך שוין אינגיכן ענדיקן, אינדערצייט ווען ליסענקאָ האָט מיך געסטראַשעט, אַז זי וועט דויערן אַ יאָר...

## פאַרוואָס האָבן געקלונגען די גלאָקן?

דעם זעלבן טאָג ווען די קאָמיסיע האָט מיר באַזוכט אין מיין קאַמער, האָט מען מיר געבראַכט מיינע ברילן און אַריבערגעפירט אין אַן אנדער קאַמער, ווו ס׳זענען שוין געווען צוויי מענער: איינער גאָר א יונגער פון א יאָר 16־17 און דער צווייטער, אַן עלטערער, פון א יאָר 40. איך בין דאָך געווען דער עלצטער. איך בין געווען צופרידן און אויך זיי האָבן נישט געהאַט דאַקעגן, ווען ס׳איז צו זיי געקומען אַ נייער מענטש.

דער יונגער אוקראַינער זאָל דאָס זיין דער נאַציאָנאַליסט, דער יידן־שונא. ער איז אויך א פּאָליטישער. אָבער דער עלטערער איז גאָר א „ביטאָוויק". ער איז געווען דער עלצטער קאַסירער ביי דער זשיטאָמירער אייזנבאַן און ער צוזאַמען מיט נאָך אַ צוואַנציק, ווי ער, אָנגעשטעלטע אויף דער אייזנבאַן, ווערן באַשולדיקט אין פאַרשידענע מיסברויכן מיט מלוכהשע געלטער. דער יינגערער איז כמעט אין איין צייט מיט מיר ארעסטירט געוואָרן, נאָך אין פעברואר; דער צווייטער — ערשט אין חודש אפּריל. אָט פון אים קען איך זיך דערוווסן, וואָס ס׳הערט זיך נייעס אויף דער פריי. איך האָב זיך דערוווּסט, איבעראַשנדיקע נייעס: דעם 6־טן מערץ איז סטאַלין געשטאָרבן. ס׳איז שוין סוף חודש אפּריל און איך האָב גאָרנישט געוווּסט דערפון. איך דערמאָן זיך, אז אין איינעם א זונטיק האָב איך געהערט פאַבריק־סיגנאַלן און גלאָקן קלונגען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס

איז געווען אַ פּרווו־אַלאַרם. ס׳ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אין טאָג פון סטאַלינס לוויה איז דאָס געשען. סטאַלינס נאָענטער פריינט בעריא האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט. אים איז אפילו געלונגען צו אַרעסטירן אין קרעמל אַלע זיינע פריערדיקע חברים. דער מאַרשאַל זשוקאָוו זאָל האָבן באַהערשט די לאַגע מיט זיינע מיליטערישע כוחות. בעריא איז אַרעסטירט און מאַלענקאָוו איז ביי דער מאַכט.

— און די פּראָפעסאָרן פון קרעמל האָט מען שוין פאַרמשפּט ? — האָב איך געפרעגט.

— פאַרמשפּט ? מען האָט זיי נאָך פארן משפט ריינגעוואַשן און אַלעמען באַפרייט.

איך האָב שיער נישט געטאַנצט פון פרייד.

— נו, און די דאָקטאָרין וועט מוזן אומקערן דעם לענין־אָרדן, וואָס זי האָט באַקומען.

— אויף יענער וועלט וועט זי אים אומקערן — האָט דער נייעס־דערציילער געזאָגט — זי איז באַלד ביים ארויספאָרן פון קרעמל, ווו זי האָט דעם אָרדן באַקומען, געהרגעט געוואָרן אין אַ „פאַרקער־קאַטאַסטראָפע״. זי איז ווייזט אויס מער נישט נויטיק געווען...

פאר אזא נייעס איז כדאי געווען צעטיילן דער חברה אַלע געשמאקע זאכן, וואָס זענען נאָך פארבליבן פון דער „פּערעדאַטשע״. צוביסלעך האָב איך אָנגעהויבן צו פארשטיין פונוואנען ס׳איז געקומען די ענדערונג אין דער האנדלונג פון אויספאָרשער לגבי אלע מיינע חברים. ס׳ווייזט אויס, אז דער אייזנבאַן־פּראָקוראטור אין קיעוו איז שוין אריבער דער אַפּעטיט צו אָרגאניזירן דעם גרויסן קיעווער פּראָצעס, נאָכן דורכפאַל פון מאָסקווע.

אַלענפאַלס, זענען מיינע שאַנסן צו ווערן באַפרייט אַ סך שטאַרקער געוואָרן. ס׳איז מיר געוואָרן פריילעכער אויפן הארצן און נאָכן אויפעסן אלץ, וואָס איז מיר פארבליבן, האָבן מיר אַלע דריי אויפגעזונגען, געווײנלעך שטיל, גאָר שטיל אויף דריי שטימען „רעווע טאַי סטאָגנע דניפּר שיראָקי״. (ס׳רושט און קרעכצט דער ברייטער דניפּר) דער יונגער אַפּאַנאַס האָט זייער שיין געזונגען. אפילו ווען מען האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר, האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו זינגען.

ווער איז ער אפאנאס, דער יונגער, שיינער בחור? פארוואָס קלייבט מען זיך אים צו משפטן? ער זעט אויס גאָר סימפּאַטיש, פּשוט, דאָרפיש און צו מיר באציט ער זיך ווי צו אַ טאטן. ער רופט מיך אויף „פּאַפּאַשא". ער איז געווען אַ שילער אין דער אייזנבאַן־שול אין קיעוו. זיין פאָטער איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה. די מאמע מיט זיינע צוויי שוועסטער ארבעטן אין א קאָלכאָז. זיי לעבן נישט גוט, נאָר קיין ברירה האָבן זיי נישט. די עלטערע שוועסטער וואָלט שוין באדארפט חתונה האָבן, זענען אין דאָרף קיין חתנים נישטאָ. ס׳איז נאָך דער מלחמה.

ביי זיי אין שול, אין איין צימער מיט אים, האָט געוווינט אַ בחור, זיין חבר מיטיא. ער פלעגט שרייבן לידער אויף אוקראַיניש אין דער „וואנט־צייטונג", געוויינלעך וועגן סטאַלינען, וועגן שעווטשענקאָן. איינמאָל האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד וועגן קאָלכאָז, וווּ זיינע עלטערן ארבעטן, ווי זיי ארבעטן שווער און באקומען וויניק ברויט; ווי אזוי די מאַשינען און טראַקטאָרן־סטאַנציע נעמט אַראָפּ פאַר דער מלוכה די סמעטענע און פאַר די קאָלכאָזניקעס בלייבט גאָרנישט; געוויינלעך זענען אין אלעמען שולדיק די יידן, וואָס פארנעמען די העכסטע פּאָסטנס אין דער מדינה און כאָטש היטלער האָט ניט וויניק פון זיי אומגעבראַכט, דאָך מערן זיי זיך, ווי קראָפּיווע...

אָט דאָס דאָזיקע ליד אין גראַמען האָט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים איבערגעשריבן אין 14 עקזעמפּלאַרן, יעדער צו צוויי. ווען זיי זענען ביינאַכט געגאַנגען אין קיעווער אָפּערעטן־טעאַטער, געוויינלעך אָן בילעטן, ווייל זיי פלעגן בייטאָג העלפן אויפרוימען דעם זאל און אויפשטעלן די נייע דעקאָראַציעס, האָבן זיי אונטערגעוואָרפן אין איין אָוונט זיבן אַזעלכע פלוגבלעטלעך. די פלוגבלעטלעך זענען געפונען געוואָרן דורך דער רוימער־רין נאָך דער פאָרשטעלונג און זי האָט זיי איבערגעגעבן דעם דירעקטאָר פון טעאַטער און ער — אין עמ.וו.דע. (אינערן מיניסטעריום).

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זיי געגעבן א שריפטלעכע ארבעט און לויט יעדנס האַנטשריפט האָט מען אויסגעפונען די שרייבער. אַלע זיבן זענען אַרעסטירט געוואָרן און אויף זיי וואַרט אַ געמיינזאַמער פּאָליטישער פּראָצעס. יעדן איינעם דראָט נישט ווייניקער פון 7—10 יאָר. אָט דאָס, וואָס

דער דריטער, דער קאסירער, זיצט דאָ אין דער אויספאָרשונגס־טורמע פאר פּאָליטישע, איז א נייעס. ס׳ווייזט אויס, אז די צאָל „פּאָליטישע פארברעכער״ האָט זיך נאָך סטאַלינס טויט פארקלענערט. און אויסהאלטן אַזאַ גרויסן אַפּאַראַט פון פּראָקוראָרן, אויספאָרשער און שומרים מוז מען. זענען זיי, ווייזט אויס, מסכים ארייננצונעמען אויך אייזנבאַנער, וואָס ווערן באשולדיקט אין נישט פּאָליטישע פארברעכנס.

# אין ערשטן מאי

אין דער נייער קאמער האָב איך שוין ווייניקער געלייענט, כאָטש כ׳האָב שוין געהאט מיינע ברילן. איך האָב צוגעטראכט א נייע שפּיל און א גאנצן טאָג זענען מיר אלע ווי קינדער געקראָכן אויף אלע פיר און געשפּילט. אויף איין געלעגער האָבן מיר אויסגעשטעלט א ריי קלעצלעך פון דאָמינאָ. דאָס זענען געווען זעלנער. פאַר זיי — אָפיצירן, פאר די אָפיצירן — 3 הויכע אָפיצירן. אַ זעלנער איז איין פונקט, אַן אָפיציר — 3 פונקטן און דער הויכער אָפיציר — 5 פונקטן.

פון סאמע פאָרנט שטייט איין קלעצל — די פעסטונג. מיט אַ קייקל געמאכט פון ברויט — שנעלט מען איינער נאָכן צווייטן. ווער עס וואַרפט אום די פעסטונג — איז זיין ריי די ערשטע. ער שיסט כל זמן ער טרעפט. דערנאָך א צווייטער. ווען אלע שטיינער ליגן שוין, באַרעכנט מען וויפל יעדער האָט פונקטן. ווער ס׳האָט אממערסטן — דער איז דער זיגער. דאָס ברויט־קייקל פלעגט אָפט ארונטערפאלן אונטער די בעטן, זענען מיר געקראָכן אויף אלע פיר עס ארויסצובאקומען. מיר זענען געווען אין באוועגונג — דאָס האָט אונדז דערמונטערט.

איך האָב פונקט געלייענט „צוויי קאַפּיטאַנען״ פון קאַווערינען. איך האָב דעם בחור דערציילט דעם אינהאלט פון בוך וועגן דער שיינער ליבע, וואָס איז באַשריבן אין בוך.

— ליבע ? איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן וואָס דאָס איז — האָט דער

יונגער בחור געזאָגט — ביי אונדז אין דאָרף זונגט מען נאָר לידער וועגן ליבע, אָבער ליבע איז נישט פאראן. ס'קומט דער זונטיק, פאָרן מיר אהיים. די מיידלעך בענקען שוין נאָך אונדז. אין אָוונט שפּאַצירן א ריי מיידלעך און נאָך זיי א ריי יינגלעך. געוויינלעך, מיידלעך זענען פאראן א סך מער ווי יינגלעך. אזוי שפּאַצירן מיר ארויס פון דאָרף. פּאַמעלעך שאפן זיך פּאָרלעך: א מיידל מיט א יינגל, אָדער צוויי מיידלעך, ווען ס'ווערט פינצטער, צעקריכט מען זיך אין אַלע זייטן. יעדער סטויג היי איז פארנור־מען... איז דאָס ליבע? און יעדער וואָך מיט אן אנדערער, ס'זאָל קיין פארדרוס נישט זיין.

ווען איך האָב אים דערציילט וועגן זיך, וועגן אונדזער ליבע פון די יונגע יאָרן, וועגן דער קרבנות־גרייטקייט פון איינעם פארן אנדערן אין די ערגסטע מלחמה־יאָרן, פלעגן זיך דעם בחור שטעלן טרערן אין די אויגן.

— פאפּאַשאַ! — פלעגט ער זאָגן — ס'איז אזוי שיין, שענער ווי אין די ביכער. איך בין אייך מקנא. איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז ווען מען וועט מיך באפרייען, וועל איך אויך ליב האָבן נאָר איינע, נישט פון אונדזער דאָרף, דאָרט זענען אלע מיידלעך הולטאַיקעס, איך וועל שוין געפינען א מיידל, וואָס וועט ווערט זיין מיין ליבע...

עס האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי. ערב יום־טוב. מען האָט אונדז געפירט אין באָד אַריין. דאָס מאָל זענען מיר געפאָרן אַלע דריי צוזאַמען אין דער גרעסערער קאַמער פון אויטאָ. אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צום ערשטן מאָל נאָך מיין אַרעסט צו זען קיעוו, די גאַסן, דורך וועלכע מיר זענען דורכגעפאָרן. ביים אַרויספאָרן פון דער טורמע האָב איך דערזען מיין ווייב, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער און געוואָרט מען זאָל ביי איר צונעמען איר "פּערעדאַטשע" פאַר מיר. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, די אויגן זענען פייכט געוואָרן. כאָטש נאָר איין אויגנבליק האָב איך זי געזען, דאָך האָב איך באַמערקט אין איר אַ גרויסע ענדערונג. אירע בלאָנדע האָר זענען אַ סך העלער געוואָרן, זעען אויס ווי גרוי. זי זעט אויס אַסך עלטער, ווי פריער, פונקט ווי עס זאָל האָבן שוין אַריבער יאָרן נאָך אונדזער גרויסן אומגליק. די גאַסן זענען געווען ערב יום־טובדיק. אויף די טראָטואַרן האָבן שפּאַצירט מאַסן מענטשן.

איך האָב אפילו באַמערקט עטלעכע „אַטשערעדן״ — רייען פון מענטשן ביי די מאַגאַזינען. עס האָט מיר געעגבערט אין מוח אַ געדאַנק: צי וועל איך נאָך אַמאָל אויך שפּאַצירן אויף די דאָזיקע קיעווער גאַסן אינאיינעם מיט מיין ווייב און זון? קיעוו איז אַ שיינע שטאָט, פול מיט גרינס,ביימער — צעצווייגטע־טאָפּאָלן באַפּוצן ביידע זייטן פון שאָסיי.

די גאַסן זענען ברייטע. אויף די באַוועגלעכע ברייטע גאַסן ציען זיך שנורנווייז טראָלייבוסן, אויטאָבוסן און מאַשינען, אויף די הינטערגאַסן — טראַמווייען. ערשט איצט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דורך וועלכע גאַסן און אין וועלכער באָד מען פירט אונדז. דאָס מאָל האָבן נאָך מער שומרים געהיט אונדזער יעדן טראָט, נישט דערלאָזט מיר זאָלן זיך דערוויסן וווער עס געפינט זיך אין די זייטיקע קעמערלעך פון אויטאָ. עס האָט זיך געפילט אַ פיבערהאַפטיקייט, פונקט ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז מיר, די עטלעכע באַשולדיקטע אין פּאָליטישע פאַרברעכנס, וואָלטן געווען בכוח צו צעשטערן דעם גרויסן יום־טוב.

אין אונדזער אָפּוועזנהייט האָט מען מער ווי שטענדיק געבישטערט מיט אַ פּראָזשעקטאָר אין יעדן ווינקעלע. ווען מיר זענען אַריינגעקומען נאָך אַ לענגערער פּערזענלעכער אונטערזוכונג אין דער פינצטערער קאַמער, האָט אַלץ אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די בעטן צעוואָרפן, די שאַפּקעלעך נישט אויפן אָרט און אויף דער געפּאַרבטער פּאָדלאָגע איז געווען אָנגעגאָסן אַ נאַסע שטינקנדיקע דעזינפעקציע־פליסיקייט. דאָס מאָל האָבן מיר אַלע דריי צוזאַמען גאָר שנעל אויסגעוואַשן אַלץ אַרום, פאַרבעט די בעטן און געבראַכט אַלץ אין אַן אָרדענונג.

ביינאַכט, ווען מען האָט מיך ווידער אַרויסגעשלעפּט צו דעם אויס־פאָרשער, בין איך שוין געווען כמעט גלייכגילטיק צו אַלעמען וואָס איז פאָרגעקומען. איך האָב זיך אפילו נישט איינגעהאַלטן און פאָרגעוואָרפן דעם אויספאָרשער, הלמאי איך האָב זיך דערוווסט וועגן סטאַלינס טויט ערשט מיט צוויי חדשים שפּעטער. אַלע, זאָגט מען, האָבן געטראָגן שוואַרצע טרויער־בענדער, פאַרוואָס האָט ער, ליסענקאָ, נישט געטראָגן?

— פּאָליטישע — האָט ער געענטפערט — טאָרן נישט וויסן וועגן אונדזער גרויסן אומגליק. זיי קאָנען זיך נאָך פרייען.

אין די פריערדיקע אויספאָרשונגס־נעכט פלעגט ער יעדעס מאָל ברענגען אַ פרישע באַשולדיקונג, וועלכע איך האָב געוויינלעך נישט אנערקענט. און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס קאָן באַווייזן אויף מיר באַראַך. דער נאָמען איז מיר געווען פרעמד. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער עלטערער ייד, דער פענסיאָנער, וואָס זיצט זיכער אונטן אין טורמע.

איצט האָט דער אויספאָרשער געוואָלט איך זאָל אויף דעם יידן „שיטן". ער האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען „רעליגיעזער פאַנאַטיקער", „פאַר־בלענדטער ציוניסט" און ספעקולאַנט. דאָך האָט ער אויף זיינע רייד, וואָס ער אַליין האָט אים דיקטירט, 58 זייטן, געבויט די באַשולדיקונגען קעגן מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער, באַראַך, איז אויך אַ קרבן פון דעם מיאוסן מסור און פראָוואָקאַטאָר גרופין.

עס איז נישט כדאי געווען צו שיטן נאָך זאַלץ אויף די ווונדן פון דעם אַלטן, אויסגעדינטן לערער, וואָס איז כמעט אינגאַנצן בלינד געווען... מילא, ער איז שוואַך, לאָזט ער זיך פאַרפירן. מען האָט אים זיכער איינ־גערעדט, אַז איך האָב צוגעהאָלפן, מען זאָל אים איינזעצן אין טורמע; אַז מען וועט אים באַפרייען, ווען ער וועט מיך פאַרשיטן. און ער איז געגאַנגען אויף דעם פאַלשן וועג. ניין, איך וועל אים נישט נאָכטאָן. צענד־ליקער באַשולדיקונגען האָט דער אויספאָרשער אַרויסגערוקט קעגן באַראַכן. אייניקע פון זיי זענען געווען ריכטיקע. זיי האָבן געשטאַמט פון איין מקור, פון גרופינס מסירות. איך האָב אָבער אַלץ אָפגעלייקנט, נישט וועלנדיק מען זאָל אים משפטן צוזאַמען מיט מיר, ווייל דאַן איז די שטראָף אַ האַרבערע. איינס האָב איך יאָ אויף באַראַכן דערציילט, אַז ער זאָל האָבן אָפּגעלייקנט, אַז די פראָפעסאָרן פון קרעמל זענען שולדיק, נאָר אַז דאָס איז זיכער אַן אַנטיסעמיטיש שטיקל אַרבעט.

— אָט איז ער זיך אַליין מודה אין דעם, אַז ער האָט אייך דערציילט, אַז די סאָוויעטן האָבן זיך געווענדעט צום אייניקל פון קאַרל מאַרקס און אים געפרעגט, צי האָט ער נישט דאַקעגן מען זאָל די ביינער פון זיין פאַר־שטאָרבענעם גרויסן זיידן אַריבערפירן קיין ראטנפאַרבאַנד. דערויף זאָל ער האָבן געענטפערט: „ניין, איך בין נישט מסכים, אַז מיין זיידנס ביינער זאָלן זיך געפינען אין אַזאַ באַרבאַריש לאַנד".

## יואל פערעל

איך האָב דאָס אָפּגעלייקנט:

— איך מיין, אַז ער, באַראַך, איז נישט ביים קלאָרן זינען, אויב ער טראַכט אויס אַזעלכע אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען אויף זיך און אויף אַנדערע.

— און אַז כרושטשאָוו, מאַלענקאָוו און אַנדערע מיניסטאָרן זענען אַנטיסעמיטן, אין דעם איז ער זיך מודה, אַז ער האָט געזאָגט, אַז אונדזער גרויסער פירער איז גרייט געווען נאָכן באַפרייען אוקראַינע, אַרויסצוטרייבן מיליאָנען אוקראַינער פון אוקראַינע. דאָס זאָל ער האָבן צו אייך געזאָגט.

— א ליגן! גיט מיר אַ מעגלעכקייט זיך צו זען מיט אים, וועל איך אים דערווייזן, אַז ער זאָגט בלויז ליגנס, אויף זיך און אויף מיר.

לויט אַלע רייד פון אויספאָרשער האָב איך געזען, אַז ער, באַראַך, איז באַדראָט, נישט ווייניקער פון מיר.

צומאָרגנס איז געווען דער ערשטער מאַי. די שטימונג ביי אונדז אַלע דריי איז געווען אַ דערשלאָגענע. אינדערפרי האָט מען אונדז אריינגעגעבן, ווי אויף צו להכעיס, שווארץ אלטגעבאַקן ברויט מיט שיטערער זופּ. דורכן פענצטערל האָט דער גראָבעטשקער עלטערער סערזשאַנט אריינגעשריען:

— גרייט אייך צום שפּאַציר אויף צען מינוט. — מיינע קאַמער־חברים האָבן זיך אָנגעטאָן, איך נישט. ווען ער האָט געעפנט די טיר, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, איך — נישט.

— פאַרוואָס גייט איר נישט? — פרעגט ער מיר.

— מאַכט חוזק פון וועמען איר ווילט, נאָר נישט פון מיר — האָב איך אָפּגעענטפערט. — 10 מינוט שפּאַצירן. איך נויטיק זיך נישט אין אַזאַ שפּאַציר דעם ערשטן מאַי.

ער האָט פאַרמאַכט די טיר און אַוועק. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער ווידער געעפנט די טיר און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיס שמייכעלע, פאַר־זשמורענדיק דערביי זיינע קליינע אייגעלעך.

— איך האָב זיך געוויצלט. צען מינוט פאַר יעדן קאָפּ. דאָס הייסט גאַנצע 30 מינוט שפּאַציר. קומט!

ער איז געווען פאַרפּוצט אין זיינע יום־טובדיקע מלבושים, מיט אַ גאַנצער ריי אָרדנס אויף דער ברוסט. אפילו אויך מיטן לענין־אָרדן, וואָס

ער האָט, ווייזט אויס, באַקומען פאַר זיין 30־יאָריקער טרייער דינסט אין טורמע.

דער שפּאַציר איז געווען אַן אויסטערלישער. פון דער ווייטנס האָב איך געהערט די מאַרשן־מוזיק פון אָרקעסטערס. מענטשן איילן זיך צום גרויסן פּאַראַד, אויף קרעשטשאַטיק. אַלע פרייען זיך, נאָר מיין ווייב און זון, אפילו אייניקע פון מיינע חברים קלאָגן היינט. ווי אַ געפּענטעטע חיה לויף איך אַרום אין די דלת אמות פון אָפּגעצוימטן, אַספאַלטירטן הויף, וואָס איז ארומגערינגלט מיט הויכע מויערן. אין מוח הילכן אָפּ די מוזיק־קלאַנגען ווי קלעפּ. איך דערמאָן זיך אין מיין פּרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד און איך באַדויער צום ערשטן מאָל, הלמאי עס איז מיר נישט געלונגען. אָט דאָרט שפּאַצירן זיי, מיינע הונדערטער שילער און שילערינס, זינגען יום־טובדיקע לידער, די פּנימער שיינען פון פרייד און קיין איינער פון זיי געדענקט אפילו נישט זייער לערער, און קיין איינער פון זיי טראַכט נישט, אַז דאָ נישט ווייט לויפט ארום ווי אין שגעון זייער לערער.

## אויג אויף אויג

אין איינעם פון די פּאַרמיטאָג־שעהן, אינמיטן פון מיין צוואַנציק־מינוטיקן שפּאַציר אויפן טורמע־הייפל, ווען דער אויפזעער האָט מיר דערלויבט צו שטיין אַ פּאָר מינוט און וואַרעמען זיך אויף דער זומערדיקער הייסער זון, האָט מען מיך פּלוצים אַ רוף געטאָן:

— רייסט איבער דעם שפּאַציר, מען רופט אייך ארויף!...

עס איז מיר אַ שאָד געווען איבערצורייסן דאָס וואַרעמען זיך אַ ביסל אויף דער זון. פון דער צווייטער זייט, בין איך געווען גאָר נייגעריק צו וויסן, פאַרוואָס מען רופט מיך ארויף גראָד פאַרמיטאָג. אפשר איז פאַראַן עפּעס נייעס.

מען האָט מיך ארויפגעפירט נישט ווי געוויינלעך צום אויספאָרשערס קאַבינעט, נאָר מיט צוויי שטאָקן העכער, איבער לאַנגע קאָרידאָרן, ביז אין

אַ גרויסן קאַבינעט מיט פיר פענצטער. דער סופיט אין דעם צימער איז אַ סך נידעריקער ווי אויף די ערשטע שטאָקן. אין צימער — אַ שרייבטיש און צו אים צוגעשטעלט נאָך צוויי שרייבטישן. אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַן אייזערנע שאַפע. ביי דער רעכטער זייט — צוויי שטולן מיט אַ מרחק צווישן זיי פון 2 מעטער. אין קאַבינעט איז געזעסן מיין אויספאָרשער ליסענקאָ און נאָך צוויי אַנדערע מענער: איינער איז געווען דער פולקאָווניק־פּראָקוראָר, אָט דער וואָס איך זע אים שוין צום דריטן מאָל.

מיין אויספאָרשער האָט זיך מיט מיר שוין עטלעכע נעכט נישט געטראָפן. דאָס מאָל האָט ער מיך אויפגענומען גאָר ווילעריש:

— אָ, ווי איר זענט אָפּגעברענט, ווי אויף אַ קוראָרט!

דער צווייטער, אַ פּאָדפּולקאָווניק מיטן נאָמען נאַזאַראָוו האָט זיך דערביי צעלאַכט:

— עס דערמאָנט מיר אַן אַנעקדאָט: אין באַן וואָס איז געגאַנגען פון סאָטשי־קוראָרט, איז געפאָרן אַ דאַמע, אינגאַנצן שוואַרץ פון דער זון. נאָר די נאָז איז געווען אַ סך העלער פון איר פנים. ווי קומט עס, וווּנדערט זיך איר שכן, אַ גרוזין, וואָס די נאָז איז ווייס און דאָס פנים שוואַרץ?

„מיין נאָז איז געווען פאַרשטעלט און נישט געגאָסן פון דער זון" — האָט געענטפערט די דאַמע קאָקעטיש. „אַזוי גאָר?" האָט געענטפערט דער גרוזין. „עס זענען פאַראַן ביי מענער אייניקע טיילן פון קערפּער, וואָס זעען כמעט קיינמאָל נישט די זון, דאָך... דאָך... זענען זיי שטענדיק שוואַרץ..."

אַלע דריי מענער האָבן זיך צעלאַכט פון דעם וויץ.

זעענדיק אַז זיין וויץ איז געפעלן, האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק דערציילט נאָך אַ וויץ וועגן אַ יידן, וואָס האָט „אונטערגעשמירט" די פּראָפעסאָרן אין אוניווערסיטעט און זיין זון איז אַדורך.

— און אייער זון איז מסתם אויך אַזוי אַרום געוואָרן אַ סטודענט, האַ?

— האָט ער זיך געווענדעט צו מיר.

— אויב איר האַלט, אַז סאָוויעטישע פּראָפעסאָרן לאָזן זיך איבערקויפן, פאַרוואָס זאָלן דאָס נישט טאָן די, וואָס האָבן געלט? איך מיין אָבער, אַז עס איז נישט אַזוי. מיין זון האָט פונעם ערשטן קלאַס אָן ביזן ענדיקן באַקומען

נאָר „פינפער" — און ביי דער מאַטורע — אַ מעדאַל. אים האָט מען צוגענומען אָן שום עקזאַמענס. אויך איצט לערנט ער זיך אויך נאָר אויף „פינפער".

— און מיין זון, כאָטש דער טאַטע זיינער איז אַ געוועזענער שאַכטיאָר, איצט אַ פּאָדפּאָלקאָווניק, איז געבליבן אין דרויסן. אים האָט מען נישט אַריינגענומען אין פּאָליטעכניקום, — האָט אַרויסגעזאָגט נאַזאַרענקאָ מיט פאַרדרוס.

פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און מען האָט אַריינגעבראַכט דעם אלטן לערער־פּענסיאָנער, אָט דעם שפּלדיקן מוסר, וואָס האָט באַוויזן אונטערשרייבן באַשולדיקונגען אויף מיר, אויף גאַנצע 58 בויגן. איך האָב אים גאָרנישט דערקענט: אַ פּנימל פון אַן אָפּגעפּליקט עופעלע, דער קאָפּ אָפּגעגאָלט, די ברילן פאַרנעמען אַ דריטל פון דעם פּנים. אַליין קליין, דאַר, איינגעהויקערט און קוים ווי ער שלעפּט זיינע פיס. אים האָט מען אַוועקגעזעצט אויף דער צווייטער שטול און באַפוילן אונדז נישט צו קוקן איינער אויפן צווייטן, פונקט ווי איך וואָלט אים געקענט היפּנאָטיזירן און באַווירקן...

— איר פ. קענט אָט דעם בירגער? — ווענדעט זיך דער אויספאָרשער צו מיר מיט א פראגע.

— כמעט ווי איך דערקען אים נישט. איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געזען, ווען ער איז אין אָוונט אַריינגעקומען צוזאַמען מיט מיין שכן גרופּין צו מיר אין שטוב. ווי אַזוי זיין נאָמען איז — ווייס איך נישט. ער האָט זיך מיר נישט פאָרגעשטעלט ביים באַקענען זיך.

— און איר, בירגער באַראַך, קענט דעם בירגער פ.?

— אוודאי קען איך אים — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שוואַך־פּישטשענדיק קול — מען רופט אים פ.

— וואָס קענט איר זאָגן וועגן אים, דעם בירגער פ.? — פרעגט אים ליסענקאָ.

אַ קורצע פּויזע. ער שטעלט זיך אויף פון דער שטול, צעשפּרייט ביידע הענט און הויבט אָן צו דעקלאַמירן מיט אַ געקינצלטער שטים:

— לאָמיר זיך אַנטוואָפּענען! מיר האָבן שטאַרק געזינדיקט אַנטקעגן

דער סאָוויעטן־מאַכט און קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אומזיסט האָבן מיר זיי, די בעסטע מענטשן פון אונדזער לאַנד, באַרעדט און חושד געווען אין אַנטיסעמיטיזם. אין דעם ברונעם, פון וועלכן מיר האָבן געטרונקען, האָבן מיר געשפּיגן. אַלץ, וואָס מען וואַרפט אונדז פאָר, איז אמת. מיר מוזן זיך מודה זיין אין דעם. מיר האָבן טאַקע דערציילט אַנטיסאָוויעטישע אַנעקדאָטן אויף אונדזער גרויסן פירער. מיר האָבן פאַרשפּיגן די סאָוויעטישע פּרעסע. דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז אַריין אין אונדזער בלוט. מיר בענקען נאָך אַלץ נאָכן אַלטן אָפּגעלעבטן תנ״ך, נאָך די יידישע יום־טובים און מנהגים און עס ציט אונדז אַן אקסל קיין פּאַלעסטינע...

ער האָט גערעדט און גערעדט מיט געפּוצטע שיינע ווערטער וועגן דעם אַלעמען וואָס איך האָב שוין במשך פון די לעצטע וואָכן געהערט פון מיין אויספאָרשער ליסענקאָ. מען האָט עס אים געוויס אָנגעשריבן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם און ער האָט עס אויסגעלערנט ווי אַ דעקלאַמאַציע. די גאַנצע צייט פון זיין פייערדיקער רעדע האָב איך געשוויגן. עס האָט אפילו אַרויסגערופן ביי מיר אַ געלעכטער, נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן און נישט געלאַכט.

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן? איך גלויב, אַז איר, פּ., וועט נישט פּרווון אפילו דאָס אַלץ אָפּלייקענען.

— אַ פּרעכטיקע רעדע האָט ער געהאַלטן. אַ שאָד נאָר וואָס דאָס ליד איז אָן גראַמען. נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו מיר? דער צאַר פלעגט אויך זאָגן: „מי־ניקאָלאַי דער צווייטער״, מיר־ניקאָלאַי. אויך די פליג, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם אַקסל פון פויער אין קרילאָווס משל האָט אויך געטענהט: „מיר האָבן געאַקערט״... קיין איין באַשולדיקונג, וואָס ער וואַרפט פאָר אין נאָמען פון „מיר״, אַנערקען איך נישט. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב יאָ געהערט פון אים איז, אַז ער האָט געצווייפלט אין דער שולד פון די פּראָפעסאָרן פון קרעמל, וועלכע מען האָט פאַרגעוואָרפן שפּיאָנאַזש און אַנדערע פאַרברעכנס.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף באַראַכן. ער איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. איך האָב געפילט צו אים אַן עקל פאַר זיין נאָכגעבערישער נישטיקייט און דאָך רחמנות געהאַט אויף אים...

# צוריק אין קאַמער

צוריקקערנדיק זיך אין קאַמער, האָב איך שוין נישט געטראָפן מיינע חברים. עס ווייזט אויס, אַז די אויספאָרשער זענען נישט געווען צופרידן פון מיר און פון מיין האַלטונגביים שטעלן מיך אויג אויף אויג מיט באַראַכן. אַלס שטראָף האָבן זיי מיך געלאָזט אין קאַמער אַליין. דאָך איז מיין שטימונג געווען אַן אַנדערע, ווי פריער. איך האָב באַמערקט, אַז דער אויספאָרשער איז שוין נישט אַזוי זיכער ביי זיך, ווי פריער. איך האָב געפילט, אַז די שפּיל גייט צום סוף. וואָס זאָל נישט געשען, אָבי איך זאָל וואָס גיכער פטור ווערן פון דער אויספאָרשונגס־טורמע און וואָס שנעלער געשטעלט ווערן פאַרן געריכט.

מיט דער הילף פון מיין אויסגעטראַכטער טרעף־שפּיל האָב איך אָנגעהויבן צו טרעפן, ווען וועט פאַרענדיקט ווערן מיין „דיעלאָ". דער אויספאָרשער שרעקט מיך, אַז נישט וויניקער פון אַ יאָר וועט עס דויערן. איך זע אָבער, אַז עס קאָן אַזוי נישט זיין. ער האָט שוין אויסגעשעפּט אַלץ. במשך פונעם גאַנצן טאָג בין איך געזעסן און געשפּילט מיט זיך אַליין. אַלע מאָל האָב איך פאַרטראַכט אַן אַנדער דאַטע און פאַרשפּילט. ענדלעך בין איך צוגעקומען צום 10־טן מאי און דריי מאָל דורכאַנאַנד געוווּנען. הייסט עס, אַז דעם 10־טן מאַי „מוז" זיך מיין אויספאָרשונג פאַרענדיקן...

דער צענטער. דאָס איז די וויכטיקסטע דאַטע אין מיין לעבן. דעם 10־טן בין איך געבוירן געוואָרן, דעם 10־טן האָט מען מיך אַרעסטירט, מ'צן באַשולדיקט מיך אין דער 10־54 סטאַטיי. יאָ, עס וועט זיך פאַרענדיקן דעם 10־טן מאַי, ד.ה. אין אַ פּאָר טעג אַרום. דער טורמע־נאַטשאַלניק, אַ יונגער קרעפּטיקער מאַן, אַ לייטענאַנט, האָט מיר געבראַכט 3 נייע ביכער פון אַ שטאַט־ביבליאָטעק, ווייל די ביכער פון דער טורמע־ביבליאָטעק האָב איך שוין אַלע איבערגעלייענט. די ברילן מיינע האָב איך, לייען איך טאָקע אָן אויפהער. אפילו די פאַרוועטע ביכער, וואָס אויף דער פריי קאָן מען זיי נישט באַקומען, האָב איך באַקומען פון דער טורמע־ביבליאָטעק. לעוו

ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָיס פילאָזאָפיש בוך וועגן רעליגיע, וועגן קריס־טנטום, וועגן זיין אני מאמין, וועגן קונסט און אַ סך קלענערע דערציילונגען, מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט — אַלץ האָב איך געלייענט.

מיט אומגעדולד האָב איך געציילט די טעג און געוואַרט אויפן 10־טן מאַי. דער אויספאָרשער האָט מיך אינגאַנצן געלאָזט צורו און נישט גערופן צו זיך.

ענדלעך איז געקומען דער 10־טער מאַי. א גאַנצן טאָג בין איך אומרואיק געווען און געוואַרט, מען זאָל מיך רופן צום אויספאָרשער. איך האָב אַזוי נישט געוואָלט, אַז מיין שפיל זאָל מיך פאַרפירן... ביי יעדן קלונג פון טעלעפאָן פלעג איך א ציטער טאָן: אפשר רופט מען מיך...

ווי גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען מען האָט מיך אין דעם אָוונט גערופן און אַרויפגעפירט צום אויספאָרשער. אַריינקומענדיק אין זיין קאַבינעט, האָב איך דערזען אַן ענדערונג: אין דער זייט איז געשטאַנען א טישל מיט א שטול.

— נו — ווענדעט זיך צו מיר ליסענקאָ מיט אַ שמייכל — ווילט איר, הייסט עס, אַז די אויספאָרשונג זאָל זיך ציען און ציען. ס׳איז היינט דער 10־טער מאַי און ס׳איז נאָך אַלץ שווער פאָרויסצוזאָגן ווען ס׳וועט זיין דער סוף.

— איך קען אייך פאָרויסזאָגן ווען ס׳וועט זיין דער סוף פון דער אויספאָרשונג: היינט דעם 10־טן מאַי וועט זיין דער סוף. איך האָב עטלעכע מאָל געפרוווט אויף מיין דאָמינאָ־שפיל צו טרעפן. און אַלעמאָל איז אויסגעפאַלן דער 10־טער מאַי — האָב איך מיט טריאומף אַרויסגעזאָגט.

— ס׳וואָלט אפשר מעגלעך געווען, ווען איר וואָלט נישט געווען אַזוי האַרט און פאַרשטאַנען די געשאַפענע לאַגע. איר האָט עטלעכע מאָל געבעטן איך זאָל אייך געבן אַ מעגלעכקייט אַליין צו שרייבן אייערע דערקלערונגען. איך וועל אייך געבן אַזאַ מעגלעכקייט. נאַט אייך פאַפיר און אַ פעדער און שרייבט אַליין. נאָר דעם אמת. און פרווט נישט אָפלייקענען דאָס, וואָס איר האָט פריער מיט אייער האַנט געחתמעט. דערמיט וועלן מיר פאַרענדיקן די אויספאָרשונג. מסכים?

ער האָט מיר געגעבן פּאַפּיר, איינצלנע בויגנס און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט שרייבן. איך האָב געשריבן אַ סך, אַ סך. במשך אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געשריבן. ס'איז געווען אי אַן אויטאָביאָ־גראַפיע, אי אַ וידוי, איך האָב גאָרנישט באַדאַרפט טראַכטן, די האַנט האָט שנעל געשריבן ווי אַן אויטאָמאַט. עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דער געדאַנק יאָגט זיך נאָך דער האַנט. צוואָס דאָס טראַכטן, ווען דאָס האַרץ, דאָס געפיל, זענען איבערפולט. איך האָב געשריבן:

— איך בין געבוירן זעבוירן 1903. ביי פשוטע, האָרעפּאַשנע עלטערן, וואָס האָבן געלעבט צופרידן און אָנגעקוואָלן פון זייערע 14 קינדער. איך בין געווען דער ניינטער. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך זיך געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער פּריוואַטער שול פון מורן. אָפיציעל איז דאָס אויך געווען אַ חדר, פּאַקטיש האָבן מיר דאָרט מיט גרויס אינטערעס געלערנט די רוסישע שפּראַך, מאַטעמאַטיק, היסטאָריע, געאָגראַפיע און אַלץ וואָס מען האָט געלערנט אין אַנדערע אמתע שולן און מיר האָבן אפילו מער געקענט פון זיי. אין עלטער פון 13 יאָר בין איך שוין געווען אַ „פּריקאַזשטשיק" ביי גיטל־געלע לעווינסאָן אין געוועלב. ווען מיין געוועזענער לערער פון תנ״ך ליפשטיין, האָט אויסגעפּועלט ביי מיין מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן לערנען אין דער ישיבה, האָב איך מיט פלייס געלערנט תנ״ך און גמרא. נאָך דעם יאָר 1917, נאָך דער רעוואָלוציע, האָב איך געלערנט צוזאַמען מיט חברים, אַליין און אָפּגעגעבן עקסטערנע עקזאַמענס פאַר 3, דערנאָך פאַר 4 קלאַסן אין דער רוסישער גימנאַזיע. דעם פינפטן און זעקסטן קלאַס געלערנט אין דער גימנאַזיע. ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען לוצק אין 1920 יאָר, בין איך געווען אַ סקויט, אין „השומר הצעיר". פון דאַן אָן שטאַמט דער „מגן דוד", וואָס איז אויסגעטאַטואירט אויף מיין לינקער האַנט. געענדיקט האָב איך די פּויליש־העברעאישע גימנאַזיע. פונעם 1925 יאָר ביז 1932 יאָר זיך געלערנט אין דעם פרייען פּוילישן אוניווערסיטעט „ווּשעכניצא" און פאַרענדיקט. פונעם 1925 יאָר האָב איך געאַרבעט אַלס לערער אין „צי־ש־אָ"־שולן, אין דער דיקשטיין־גימנאַזיע און אויף אָוונט־שולן פאַר אַרבעטער. אין 1928 יאָר האָב איך חתונה געהאַט. נאָכן פאַרענדיקן מיין לערנען, האָב איך נישט

געקענט זיך איינאָרדענען, ווייל יידן פלעגן נישט אָנגענומען ווערן אויף מלוכה־פּאָסטנס. בין איך אַריינגעטרעטן אין אָטוואָצק אַרבעטן אַלס לערער און דערציער פון דעפעקטיווע קינדער. דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, אין דעם ערשטן טאָג פון דער פּויליש־דייטשער מלחמה, האָבן די פאַשיסטן אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס אויף אונדזער קינדער־אַנשטאַלט „צענטאָס" אין אָטוואָצק. צענדליקער קרבנות זענען געפאַלן, ביי מיר אין שטוב זענען פאַרברענט געוואָרן 3 קינדער. מיין 4־יעריקן זון האָב איך באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן פונעם צווייטן שטאָק, אַליין אַראָפּגעשפּרונגען — מיר זענען לעבן געבליבן. מיין פרוי איז אָבער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. אין אַ האָפענונגסלאָזן צושטאַנד איז זי פאַרבליבן אין וואַרשעווער שפּיטאָל, זי איז געווען דער ערשטער קרבן פון דער מלחמה. איך מיטן קינד אויף די הענט בין אַנטלאָפן. עלף מעת־לעתן געוואַנדערט, ביז מיר זענען ענדלעך דעם 15־טן סעפּטעמבער אָנגעקומען קיין לוצק צו מיין מוטער, ברידער און שוועסטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט לוצק און אַזוי אַרום געראַטעוועט אונדז פון אַ זיכערן טויט. צוזאַמען מיט מיינע חברים אָקס, קיבריק, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון פּוילישן לאַגער קאַרטוז־בערעזע, האָבן מיר אָנגעהויבן מיט גרויס קוראַזש בויען דאָס נייע סאָוויעטישע לעבן. מיינע ברידער זענען געוואָרן אויס סוחרים, שנעל ליקווידירט זייערע געשעפטן און געשאַפן די ערשטע שניידער־קאָאָפּעראַ־טיוון אין לוצק, ווו ס'זענען געוואָרן באַשעפטיקט, אַלס גלייכע שותפים, צענדליקער שניידערס און שניידערינס. איך בין צוערשט געווען דער באַפולמעכטיקטער צו באַזאָרגן די טויזנטער אַנטלאָפענע פון פּוילן, יידן און פּאָליאַקן, מיט וווינונגען, שפּייז און דערנאָך אויך מיט אַרבעט.

שפּעטער, ווער די פּראַגע פון די אַנטלאָפענע איז געלייזט געוואָרן, בין איך אַריבער אַרבעטן ביים גרינדן און באַזאָרגן נייע קינדער־היימען פּאַר יתומים אין גאַנץ וואָלין. מיט גרויס פרייד האָבן מיר אויפגענומען מיין געראַטעוועטע פרוי, וואָס איז דאָך, נאָך אַ פּאָר חדשים, אַריבער דעם טייך בוג און זיך דערשלאָגן צו אונדז. זי האָט באַקומען אַרבעט אַלס לערערין אין די ערשטע קלאַסן. נאָכן ענדיקן דאָס שול־יאָר, איז זי אַוועקגעפאָרן קיין קרים צו היילן דעם קראַנקן פוס. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער

צווייטער מלחמה (צווישן דייטשלאַנד און סאָוויעטן־פאַרבאַנד), אונטער אַ האָגל פון היטלערישע באָמבעס, בין איך מיט מיין 6־יעריקן זון אַנטלאָפן. אין קיעוו האָב איך איבערגענומען די רעשטלעך אַנטלאָפענע קינדער פון קאָוולער און טשאַרטאָריסקער קינדער־היימען און געפירט זיי קיין כאַרקאָוו, דערנאָך קיין סאַראַטאָוו. איך האָב זיי דאָרט איינגעאָרדנט און איך, צוזאַמען מיט מיין געפונענער פרוי, זענען אַריבער אַרבעטן אין אַ קינדער־היים פאַר שווערע קינדער אין סאַראַטאָווער גובערניע, אין דאָרף באַראַדאַיעווקע. אין יענער צייט האָבן די פאַשיסטן אָנגעגריפן מאָסקווע און איך מיט אַ קליינער גרופּע לערער, האָבן אַריבערגעצויגן אַרום 500 קינדער פון מאָסקווע און איינגעאָרדנט זיי אין צענדליקער הייזער, וואָס די רוסישע דייטשן האָבן פאַרלאָזט. מיר האָבן אויך צוגעגרייט הונדערטער פּעסער פון געזויערטע טאָמאַטן, אוגערקעס און קרויט פאַר די ניי־אָרגאַניזירטע קאָלכאָזן, וואָס זענען אָנגעקומען פון אוקראַינע. זומער־צייט האָב איך געאַרבעט אין אַ טראַקטאָר־בריגאַדע. ווען מען האָט מיר דעם 4־טן אויגוסט 1942 מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און אַוועקגעשיקט קיין קויבישעוו צו אַרבעטן אויף דער אייזנבאַן ביים בויען נייע וועגן, האָב איך געאַרבעט אַלס פּשוטער בוי־אַרבעטער, דערנאָך אַלס געהילף פון פּראָראַב. דאָרט איז מיר געלונגען אפילו צו אַנטפּלעקן אַ שעדיקער, אַ ציגיינער, אַ שפּיאָן, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ בריגאַדיר פון 600 מאָביליזירטע אַרבעטער און געפירט צווישן זיי אַ צעלייגערישע, שעדיקערישע אַרבעט.

אין 1944 יאָר האָט מען אונדז געשיקט אין דעם באַפרייטן קיעוו, וווּ איך האָב אַ סך אויפגעטאָן ביים בויען די ערשטע קינדערהיים פאַר קינדער פון די אומגעקומענע אייזנבאַן־אַרבעטער. דערנאָך האָט מען מיר אַריבער־געפירט אין דער צווייטער שול אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק, וווּ איך האָב געטריי געאַרבעט ביזן טאָג פון מיין אַרעסט. קיינער פון מיינע מיטאַרבעטער וועט אויף מיר קיין שלעכטס וואָרט נישט זאָגן. איך האָב געאַרבעט טריי, נישט נאָר אַלס לערער, נאָר אויך אַלס אַרויסגעבער במשך צוויי מיט אַ האַלב יאָר פון אַ טאָג־טעגלעכע וואַנט־צייטונג „סיגנאַל". די צייטונג האָט געהאָלפן אַקטיוויזירן צענדליקער מיטאַרבעטער פון קאָמסאָמאָל און באַווירקן די גאַנצע שול.

אין 1946 יאָר האָט מען מיר דערמעגלעכט אין לוצק אָפּצונעמען די איבערגעבליבענע ירושה נאָך מיין מוטער, 3 שוועסטער און 4 ברידער, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדערס. איך האָב פּאַר מיין געלט אויפגעשטעלט אַ חורבה, אין הויף פון דער דריטער שול אויף סטאַלינקע און געגעבן אַ מעגלעכקייט 2 משפחות לערער צו באַקומען אומזיסטע דירות. איינער פון זיי, גרופּין אַראָן סאַמאַילאָוויטש, האָט מיר פיין אָפּגעצאָלט פאַר דער טובה, וואָס איך האָב אים געטאָן. ווי איך זע, איז ער געווען דער ערשטער מוסר, וואָס האָט, מיט זיינע אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען, מיר דערפירט צו מיין איצטיקער אומגליקלעכער לאַגע. פאַרוואָס? אפשר האָט ער זיך געוואָלט ריינוואַשן פון דעם, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער פאַרטיי, אויך זיין פלימעניק שטיין, האָט ער אַריינגעצויגן אין זיין מיאוסער שפּיל. אַלע קענען אים אין שטאָט פאַר אַ שיכור, פאַר אַ סקאַנדאַליסט, פאַר כוליגאַנישער אויפפירונג האָט מען אים דאָך אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט פון דער 7־טער שול.

איך וויל גלויבן, אַז דער אמת וועט זיגן. איך בין נישט שולדיק!

אַ שאָד, וואָס אים, גרופּינען, איז געלונגען צו פּראָוואָצירן אַזאַ צעבראָכענעם מענטשן ווי באַראַכן. ער איז כמעט בלינד. אויך זיין ווייב איז כמעט בלינד. זיי ביידע האַלט אויף ביים לעבן זייער איינציקער זון, וואָס לערנט מעדיצין. אויף אים לייגן זיי זייער גאַנצע האָפענונג. איצט פאַרשטיי איך, הלמאי ער האָט אים אַריינגעשלעפּט צו מיר אין שטוב אַריין. ער האָט געוואָלט, אַז באראך זאָל אים דינען ווי אַ געווער, כדי צו שיסן אין מיר...

אַ מידער, אָן אויסגעשעפּטער האָב איך פאַרטאָג פאַרענדיקט מיין שרייבן. אַ צענדליק בויגנס פּאַפּיר האָב איך אויסגעשריבן. דער אויספאָרשער האָט זיי ביי מיר צוגענומען, פריער געהייסן אונטערשרייבן יעדעס זייטל און געשיקט מיר שלאָפן.

— מאָרגן — האָט ער געזאָגט — וועט איר זיך באַקענען מיט אייער גאַנצער „דיעלאָ“ און איר וועט אונטערשרייבן די „דוווכסאָטקע“. דערמיט וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזער אַרבעט.

## די „דוווכסאַטקע"

נישט אין דער ערשטער, נישט אין דער צווייטער, ערשט אין דער דריטער נאַכט האָב איך אונטערגעשריבן אַ באַזונדער פּאַפּירל, אַז איך האָב זיך באַקענט מיט דעם גאַנצן אויספאָרשונגס־מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן וועגן מיר אין דער צייט פונעם 10־טן פעברואַר 1953 יאָר ביזן 10־טן מאַי 1953 יאָר. אַזוי איז מחייב די 200 סטאַטיי פון פּראָצעדור־קאָדעקס, דעריבער רופט מען עס: „אונטערשרייבן די דוווכסאָטקע".

במשך פון אַ 20 שעה האָב איך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט געלייענט די 563 זייטן. אַ סך פון זיי אין כתב־יד, אַ סך אין מאַשין־שריפט. די מערהייט זייטלעך זענען געווען אונטערגעשריבן מיט מיין חתימה, דאָך איז דער אינהאַלט מיר כמעט געווען פרעמד. די פאָרם אַ געפּוצטע מיט אַ סך אויסדרוקן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט באַנוצט. עס איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. דער אויספאָרשער פלעגט שטעלן פראַגן. איך פלעג אויף זיי ענטפערן. אויב מיין ענטפער איז נישט געווען אין גייסט פון זיין פאַרלאַנג, פלעגט ער אַזוי לאַנג ברייען און מאַטערן, דראָען און פאָרלייגן פשרות, בין עס איז מיר נמאס געוואָרן דער גאַנצער עסק און סוף כל סוף כמעט מסכים געווען מיט אים. אַזוי האָט געדויערט אַ שעה און צוויי, ערשט דערנאָך פלעגט ער מיט זיין האַנט פאַרשרייבן, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט, ווי עס האָט אים געלוינט. איך פלעג זיצן מיד און גלייכגילטיק. דער מוח איז געווען פּוסט און אויס־געשעפּט. דאַן פלעגט ער מיר געבן איבערלייענען. איך פלעג כלומרשט לייענען, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן און שנעל געחתמעט, כדי פּטור צו ווערן פון דער אַזוי געראָפּענער איינזייטיקער אויספאָרשונג און גיין כאָטש אַ שעה־צוויי שלאָפן. נאָך אַ פּאָר מעת־לעתן נישט שלאָפן ווערט דיר שוין אַלץ איינס, דו ווערסט גלייכגילטיק צו אַלעמען, וואָס קומט פאָר אַרום דיר און דו ביסט נישט בכוח צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס מאָרגן וועט געשען, דו ביסט פאַרנומען מיט איין געדאַנק: שלאָפן.

דעריבער האָב איך איצט, ווי צום ערשטן מאָל, געלייענט די אויס־פאָרשונגס־מאַטעריאַלן, זייערע רעכטלעכע פאָרמולירונגען, זיך צוגעקוקט צו מיין אייגענער חתימה אונטער זיי און זיי זענען כמעט געוועזן פאַר מיר פרעמד. איצט איז שוין שפּעט זיך אָפּצוזאָגן פון זיי. דער אויספאָרשער ליסענקאָ האָט מיר דערלויבט צו מאַכן פאַר זיך נאָטיצן און איך האָב געשריבן און געשריבן, כדי ביי די געריכט־פאַרהאַנדלונגען צו באַווייזן די נישט קאָנסעקווענטקייט און אפילו דעם אַבסורד פון אייניקע באַשולדיקונגען.

אַממערסטנס האָבן מיר אינטערעסירט די באַווייזן, וואָס האָבן אויף מיר געגעבן אַרום 50 עדות, צווישן זיי אַ סך לערער, מיינע מיטאַרבעטער, 6 שילער פון מיין קלאַס, אין וועלכן איך בין געווען דער קלאַסן־דערציער, מיינע שכנים און פון אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען מיר כמעט אינגאַנצן פרעמד געווען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די מסירות פון די פאַרבאָרגענע מיטאַרבעטער, ווי אַראָן סאַמאַילאָוויטש גרופּין, פון דעם קאַפּיטאַן פון דער אייזנבאַן, דעם פּאַרטיי־מאַן אַווערבוך, אָט די ביידע וואָס פלעגן צו אָפט זיך דערלויבן צו באַנוצן אַנטי־סאָוויעטישע אָדער נאַציאָנאַליסטישע רייד — וועגן זיי איז אין דעם בוך קיין וואָרט נישט דערמאָנט געווען. פאַר זייערע מסירות און מאַטעריאַלן איז זיכער אַ צווייטער בוך פאַראַן, נאָר פאַרן אייגענעם געברויך.

דערפאַר זענען געווען 58 זייטן פון באַראַכס, דעם אַלטן לערער־פענסיאָנערס, באַשולדיקונגען קעגן מיר. לויטן סטיל פון פאַרשרייבן זיין עדות־זאָגן דורך דעם אויספאָרשער פּאָדפּולקאָווניק נאַזאַראָוו, דעם געוועזענעם שאַכטיאָר, וואָס נאָר זיין פּאַרטיי־בילעט האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויספאָרשער און אַ פּאָדפּולקאָווניק, לויט די אומגעלומפּערטע גראַמאַטיקאַלישע גרייזן, וואָס ער האָט דערביי געמאַכט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיטן אַלטן בלינדן פענסיאָנער האָבן זיי ווייניק וואָס צו טאָן. זיין אויפגאַבע האָט זיך באַגרענעצט בלויז צום אונטערשרייבן יעדעס זייטל.

איך האָב געטראַכט וועגן דער פאַרשווענדערישקייט פון כוחות אין ראַטנפאַרבאַנד. וויפיל אַרבעטס־שעהן האָט מען צוגערויבט ביי מענטשן, וויפיל פּראָקוראָרן, אויספאָרשער, טורמע־אַרבעטער, וואָס באַקומען

גאַר גרויסע געהאַלטן, פאַרנעמען זיך מיט צונויפשטעלן אַזאַ גרויסע „דיעלאָ" וועגן איין מענטשן אַ געטרייען, אַרבעטסזאַמען בירגער, כדי צו מאַכן פון ווייס שוואַרץ און כדי אים, אַן אומשולדיקן, און איך בין זיכער, אַז אויך זיי זענען איבערצייגט אין זיין אומשולדיקייט, — צו פאַרמשפטן. וועט זיי געלינגען אים אַריינצוהאַקן 25 יאָר, וועלן אַ סך פון זיי באַקומען גרויסע פרעמיעס. און אפילו ווען נאָר 10 יאָר, וועלן זיי אויך פרעמיעס באַקומען, חוץ זייער געהאַלט. זיי צעברעקלען זיך אַזוי אַרום אויף פּיצלעך, ברעקלעך, יאָגן זיך נאָך קליינע פּישעלעך.

און ער אַליין, ליסענקאָ, דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, צי איז דען שווער צו באַמערקן, ווּוהין ער ציט מיט זיין „אומדערמידלעכער" אַרבעט אין די נעכט? צופעליק כאַפּן זיך ביי אים אַרויס, זייענדיק אונטער פיר אויגן מיטן באַשולדיקטן, אַנטיסעמיטישע, נאַציאָנאַליסטישע נאָטקעס. ווי למשל: — יאָ, צופיל יידן זענען פאַרבליבן אין קיעוו. צופיל יידישע סטודענטן לערנען זיך אין אונדזערע אוקראַאינישע אוניווערסיטעטן. איך וואָלט זיי אַלעמען קיין ביראָבידזשאַן פאַרטריבן...

דאָס אומגליק איז, וואָס אַלץ ווערט אָפּגעטאָן שטיל, אָן שום קאָנטראָל. פונעם ערשטשן טאָג אָן האָסטו נישט דעם קלענסטן קאָנטאַקט מיט קיינעם. ווּעמען דער אויספאָרשער וויל — רופט ער אַלס עדות. אפילו קיין איינעם פון די, וואָס דו בעטסט אַרויסרופן, רופט ער נישט. פאַרקערט, מיטן אָנרופן וועלכן עס איז נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס קען דיר גוט און קען וועגן דיר עדות זאָגן — באַדראָסטו דעם חבר דיינעם, ער ווערט שוין אַ קאַנדידאַט צו זעצן זיך נעבן דיר אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

במשך פון דער אויספאָרשונג, קענסטו זיך מיט קיינעם נישט זען: נישט מיט דיין ווייב, נישט מיט דיין זון, קיין אַדוואָקאַט וועט זיך נישט איינשטעלן פאַדערן אַ זעאונג מיט זיין קליענט, כאָטש ער באַקומט דערפאַר זיין באַלוינונג.

ביים באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די אומבאַהאָלפנקייט פון די אַלע, וואָס דער אויספאָרשער רופט אַרויס אַלס עדות. זיי ציטערן צו זאָגן עפּעס שלעכטס אויפן באַשולדיקטן, ווייל דאַן וועט מען זיי צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, הלמאי זיי האָבן פריער

געשוויגן און נישט דערטראָגן דער פּראָקוראָטאָר. פאַר דעם אַליין קען מען, לויט דער סטאַטיי 12—54, (אויף אוקראַינע) באַקומען ביז 10 יאָר טורמע. בלייבט זיי איבער צו שווייגן און אונטערשרייבן אַלץ, וואָס מען הייסט זיי.

נאָר די שילער, וואָס זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין לערער־צימער און די לערערין האָט פּראָטאָקאָלירט, זיי האָבן דעם אמת געזאָגט. זיי האָבן געגלויבט זייער לערער און אָפּגעוואָרפן די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען, אַז זייער לערער איז אַ פיינט פון זייער פאָטערלאַנד. איינער האָט אַפילו געוואָגט צו זאָגן, אַז „דער גאַנצער קלאַס בענקט נאָך אים. אַ שאַד, וואָס מיר האָבן מער נישט אין שול קיין טאָג־צייטונג"...

לייענענדיק די דאָזיקע קינדער־דערקלערונגען האָב איך דערפילט אַן ענגשאַפט אין האַלדז, און אין די אויגן האָבן מיר זיך געשטעלט טרערן. אפילו די איינציקע איבערגעבליבענע ביים לעבן, מיין שוועסטערקינד מ. און זיין שוועסטער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גהינום־לעבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט דער אויספאָרשער געצווונגען פאַלש עדות צו זאָגן אויף מיר. עס איז אים אָבער נישט געלונגען. דערפאַר אָבער איז מיין שוועסטערקינדס מאַן, אַ בולגאַר, וואָס האָט געהאָלפן מיין שוועסטערקינד, איצט זיין ווייב, צו בלייבן לעבן — ער האָט גאַנץ פיין געשיט אויף מיר און אונטערגעשריבן אַלץ, וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט.

דריי נעכט בין איך געזעסן, געלייענט, שטודירט און פאַרשריבן באַמערקונגען. דער אויספאָרשער איז שיעור נישט אַרויס פון די כלים, ער האָט געפאָדערט וואָס שנעלער פאַרענדיקן. איך האָב אָבער מיינס געטאָן. נאָכן אונטערשרייבן האָט ער ביי מיר צוגענומען מיינע באַמערקונגען, געשריבענע מיט קליינע אותיות אויף אַ סך זייטלעך פּאַפּיר און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי איבערשיקן אין טאָג פון געריכט צום פאָרזיצער פון געריכט. ער וועט זיי מיר זיכער איבערגעבן. איך האָב אפילו נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם, אַז ער וועט עס טאָן, נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן ? אַ סך פון די געשריבענע באַמערקונגען האָב איך פאַרהאַלטן אין מיין זכרון. צי וועט עס מיר העלפן ?...

אויך מיין ווייב האָט ער, ליסענקאָ, געמאַטערט, זי זאָל זיך אָפּזאָגן

פון מיר. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר ווי אַ פאַרעטער נישט נאָר פון פאָטערלאַנד, נאָר אויך אַלס איר מאַן. ביי איר האָט ער געוואָלט אַרויסבאַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז דעם „מגן־דוד" אויף מיין האַנט האָב איך זיך געמאַכט אין די סאָוויעטישע צייטן, נישט ווי זי האָט באַשטעטיקט, אַז נאָך פאַרן יאָר 1920, אין דער צייט, ווען איך בין נאָך קיין 17 יאָר נישט אַלט געווען. ער האָט אויך געוואָלט, אַז זי זאָל אונטערהאַלטן די באַשולדיקונג, אַז איך האָב געפירט קיין לוצק גאָלדענע צאַרישע פינפערלעך און געווען אַזוי אַרום אַ שותף פון די לוצקער כאַריסטן, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין ישראל. אויך זי, מיין פרוי האָט ער באַשולדיקט און געדראָט צו אַרעסטירן דערפאַר, וואָס זי האָט געזונגען אויף אַ חתונה דאָס פאָלקס־לידל „גייט אַ גוי אין שענקל אַריין", אין וועלכער דער ייד ווערט געשטעלט העכער פונעם גוי, דעם שיכור. איך בין געווען צופרידן, לייענענדיק דעם פראָטאָקאָל, וואָס מיין פרוי האָט געענטפערט שטאָלץ, אָן פחד און נישט געלאָזט זיך אַראָפפירן פונעם דרך הישר...

צווייטער טייל:

# אין סאָוועטישן געריכט

## דער באַשולדיקונגס־אַקט

שבת, נאָכמיטאָג־צייט, האָט דער אָנפירער פון דער אויספאָרשונגס־טורמע מיר אַרייַנגעבראַכט אין קאַמער דעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 בויגן פאפיר, אָפּגעדרוקט אויף אַ שרייב־מאַשין.

— דאָ האָט איר אייער באַשולדיקונגס־אַקט. איר קענט זיך באַקאַנען מיט אים במשך פון אַ שעה און מיר אומקערן.

— איין שעה איז פאַר מיר ווייניק. איך מוז אים געניי דורכשטודירן, כדי איך זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן — האָב איך געבעטן — לאָזט מיר אים איבער איבערן אַרויסגיי־טאָג, איבער זונטיק. מאָנטיק פרי וועל איך אים אומקערן.

דער אָנפירער, אַ יונגער, שיינער יונג, אַ דעמאָביליזירטער פון דער אַרמיי, נאָך דעם ווי ער האָט געקעמפט קעגן די דייטשן די גאַנצע מלחמה און דערגרייכט ביז אַ לייטענאַנט. אַהיימקומענדיק צו זיין ווייב און 2 קינדער, האָט ער נישט געקענט באַקומען קיין אַרבעט, איז ער דעריבער, קעגן זיין ווילן, געוואָרן אַן אָנפירער פון דער קעלער־טורמע. די אַרבעט איז אים נישט געווען צום האַרצן. איך דערמאָן זיך, ווען ער מיט נאָך עטלעכע זיינע געהילפן האָבן אויף כוח אָנגעטאָן איינעם דאָס „משוגעים־העמדל״, ווייל יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ביינאַכט צום אויספאָרשער, האָב איך געהערט, ווי ער האָט זיך ביי יענעם געבעטן: „שטער אונדז נישט אויסצופירן אונדזער פליכט! די אויספאָרשונג רופט — מוזן מיר דיך צושטעלן״... איצט איז ער אויך איינגעגאַנגען איבערלאָזן ביז מאָנטיק פרי דעם באַשולדיקונגס־אַקט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס איך האָב באַוויזן אים גוט אויסשטודירן און אויסלערנען אים כמעט אויף אויסנווייניק:

„דער באשולדיקטער פ., זייענדיק נאַציאָנאַליסטיש און אַנטיסאָוויעטיש געשיטמט האָט במשך פון 1950 ביז 1953 יאָר געפירט צווישן זיין היימישער סביבה א נאַציאָנאַליסטישע, ציוניסטישע און אַנטיסאָוויעטישע אַגיטאַציע, ער האָט פאַר זיי געפּרעדיקט זיינע פיינטלעכע מיינונגען וועגן דער סאָוויעטן־מאַכט און בכלל צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. (נאָך יעדער באַשולדיקונג ווערן אָנגעגעבן אַ ריי נומערן פון זייטלעך פון דער „דיעלאָ", וואָס זאָלן כלומרשט דאָס באַשטעטיקן).

במשך פון דעם אָנגעוויזענעם פעריאָד פלעגט ער, פ., פירן סיסטעמאַטיש אַן אַנטיסאָוויעטישע, אַ ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע, צווישן אַנדערן פלעגט ער דערציילן אַנטיסאָוויעטישע, נאַציאָנאַליסטישע אַנעקדאָטן, וואָס פלעגן דערנידעריקן דעם כבוד פון איינעם פון די גרעסטע פירער פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער רעגירונג און אויך פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער.

ער האָט אָפּגעלייקנט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דער סאָוויעטישער רעגירונג לגבי דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, האַלטנדיק, אַז די יידן ווערן דיסקרימינירט אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אין זייער קולטור־אַרבעט, אין זייערע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע באַדערפעניש, אַז לגבי יידן ווערט אָנגעווענדעט פּראָצענט־נאָרמע ביים צונעמען זיי אין די הויכשולן, מלוכהשע פּאָסטנס א. א. (אויך דאָ ווערן אָנגעגעבן אַ סך נומערן פון זייטלעך).

ער, פ., האָט באַשפּיגן די סאָוויעטישע פּרעסע, איבערהויפּט דעם „וויעטשירני קיעוו", האַלטנדיק, אַז בכיוון גיבן זיי אַן נאָר יידישע נעמען פון בירגער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ספּעקולאַציע, פון יידישע אַבסאָלווענטן, וואָס ווילן נישט פאָרן נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, וווהין מען שיקט זיי; זיי זאָלן האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל אויפצורייצן די נישט־יידישע בירגער אַנטקעגן דער יידישער באַפעלקערונג. (זע די פאָטאָגראַפּיע פון דער ווייסער קאַץ, וואָס „לייענט" דעם לייט־אַרטיקל אין דער „פּראַוודאָ").

ער, פ., האָט באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב אַנטיסאָוויעטישע און נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור, ווי די יידישע ענציקלאָפּעדיע און פּראָפעסאָר גרעצס און פיליפּסאָנס „געשיכטע פון יידן" און אויך אַ ריי ווערק פון די

אַנטי־סאָוויעטישע שרייבער: בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, טאַלאַלאַיעווסקי א. אַ. וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער יוסטיץ. נישט נאָר ער האָט די ביכער אַליין געלייענט, נאָר אויך פאַרשפּרייט צווישן זיינע באַקאַנטע. חוץ די אויבנדערמאָנטע באַשולדיקונגען, וואָס טראָגן אַ פּאָליטישן אַנטיסאָוויעטיש־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, האָט ער, פּ., מיטגעהאָלפן אַריבערפירן פאַר באַוווסטע ספּעקולאַנטן פון קיעוו קיין לוצק אַ פּעקל, וואָס האָט אַנטהאַלטן זיידענע זאָקן און אויך גאָלדענע פינפערלעך פון די צאַרישע צייטן. דאַרום ווערט ער באַשולדיקט לויט דער סטאַטיי 10־54, די צווייטע טייל און 127 סטאַטיי פון דעם אוקראַיִנישן מלוכה־קאָדעקס...

דאָס איז מער ווייניקער דער אינהאַלט פונעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס איך האָב באַקומען. איך בין אַרומגעגאַנגען איבערן קאַמער, געלייענט און געלייענט און געחזרט אים אויף אויסווייניק. איך בין געווען זיכער, אַז אויך דעם באַשולדיקונגס־אַקט האָט צונויפגעשטעלט דער אויספאָרשער ליסענקאָ. אין אים חזרן זיך איבער זיינע פאָרמולירונגען אין די אויס־פאָרשונגס־מאַטעריאַלן, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנומלט באַקאַנט אַזוי געַנוי. דער פּראָקוראָר וועט באַקומען אַלץ גרייט. ער דאַרף אפילו נישט באַקענען זיך מיט דער „דיעלאָ". בפרט אין דעם פאַל, ווען צונויפגעשטעלט האָט אים דער אויספאָרשער ליסענקאָ, וואָס איז אויך דער סעקרעטאַר פון זיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

איך האָב געטראַכט אַז מיך וועט מען משפּטן איינעם אַליין אפילו נישט מיט באַראַכן צוזאַמען. פאַרוואָס? ווייל זיי זענען זיכער, אַז ער וועט אין מיין אָנוועזנהייט זיך צוזאַמענברעכן און אפשר אָפּלייקענען זיינע באַשולדיקונגען קעגן מיר. ביי דער „אָטשנע סטאַווקע" האָט ער זיך איבערצייגט, אַז איך וויל אים קיין שלעכטס נישט טאָן, אַז ער אַליין האָט זיך געלאָזט אַזוי מיאוס פאַרפירן און, נישט ווילנדיק, מיר, אַן אומשולדיקן מענטשן געבראַכט אַזויפיל שאָדן.

אַז מיין ווייב וועט פאַר אירע לעצטע גראָשנס, אפילו פאַרן געלט, וואָס זי וועט באָרגן ביי חברים, נעמען אַ גוטן אַדוואָקאַט, בין איך געווען זיכער. צי וועט מען אים צולאָזן צו מיר פאַרן געריכט? איך טראַכט וועגן דעם,

אַז אין דער געשיכטע פון געריכט־וועזן איז קיינמאָל אַזעלכעס נישט פאָרגעקומען. ווי קאָן מען אַ מענטשן פאַרטיידיקן, ווען דו קענסט אים אפילו נישט, ווען דו האָסט אים אפילו פון דער ווייטנס קיינמאָל נישט געזען? אויב אַזוי, צו וואָס טויג בכלל אַ פאַרטיידיקער? איך מוז צוויסן געבן, אַז איך דאַרף נישט קיין פאַרטיידיקער: אַז איך בין בכוח זיך אַליין צו פאַרטיידיקן. אַ שאָד דאָס בידנע געלט פון מיין ווייב.

און פאַרוואָס גיט מען מיר נישט קיין זעאונגען מיט מיין ווייב און זון? שוין דריי חדשים האָב איך זיי נישט געזען. איך האָב געלייענט אַ סך ביכער וועגן געריכטן אין די צאַרישע צייטן, קעגן רעוואָלוציאָנערן, קעגן טעראָריסטן. יעדער איינער פלעג זיך קענען זען מיט זיינע אייגענע.

טאָג נאָך טאָג האָב איך זיך געגרייט צום יום־הדין. צייט האָב איך געהאַט גענוג. דער אויספאָרשער האָט מיך נאָר איינמאָל אַרויסגערופן בייטאָג און געמאָלדן, אַז מיין ווייב וויל נעמען אַ פאַרטיידיקער פון אַדוואָקאַטן־ביוראָ. זי וויל נישט, אַז מיך זאָל פאַרטיידיקן אַ געריכטס־אַדוואָקאַט. איך האָב אים געמאָלדן, אַז איך וועל צולאָזן אַן אַדוואָקאַט צו דער פאַרטיידיקונג נאָר אין פאַל ווען ער וועט זיך טרעפן מיט מיר פאַרן משפט. אַנדערש וויל איך זיך אַליין פאַרטיידיקן. דערביי האָב איך דעם אויספאָרשער דערמאָנט אין זיין צוזאָג, מיר אומצוקערן מיינע שריפטלעכע באַמערקונגען.

ליסענקאָ האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן:

— איך מיין אויך, אַז עס איז איבעריק אויסצוגעבן געלט אויף אַן אַדוואָקאַט, בפרט ווען אייער פרוי אַרבעט נישט. אייך דראָט בכלל נישט קיין גרויסע שטראָף. לויטן שטראָף־קאָדעקס איז דער מינימום שטראָף פאַר אייערע פאַרברעכנס 6 חדשים. פיר זענט איר שוין אָפּגעזעסן, וועט אייך בלייבן סך הכל אַ פּאָר חדשים.

— איר מאַכט חוזק פון מיר — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ פאָרוואורף — צוליב 6 חדשים זאָלט איר און אַ סך אַנדערע האָבן געאַרבעט גאַנצע דריי חדשים, גאַנצע נעכט. ס׳איז פשוט אוממעגלעך אַזאַ זאַך.

— ס׳איז געוועגדט אין אייך, ווי איר וועט זיך האַלטן אויפן פּראָצעס. אייך וועט משפטן דאָס קיעווער קרייז־געריכט, נישט דאָס אייזנבאַן־געריכט.

וועט איר אויפרייצן די ריכטער מיט אייער שלעכטער אויפפירונג, מיט וועלן אָפּלייקענען דאָס, וואָס איר האָט אונטערגעחתמעט, וועט איר זיכער אַ סך מער באַקומען. נאָר איך גלויב אַז אייער אינטעליגענץ און טאַקט, וואָס איר באַזיצט, וועט אייך אָפּהאַלטן פון אַזעלכע פאַלשע שריט.

— ווען וועט פאָרקומען דער פּראָצעס ? — האָב איך געפרעגט.

— איך מיין, אַז דעם 10־טן יוני — האָט ליסענקאָ געענטפערט.

דערביי האָט ער דרך אגב צוגעגעבן אַ פראַגע :

— דעם קאַפּיטאַן פון אונדזער מ.ג.ב., ז., קענט איר געוויס. ווען איר האָט געאַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג, פלעגט ער ביי אייך באַקומען הונדערטער העפטן און לערן־ביכער.

— יאָ, איך דערמאָן זיך. ער פלעגט באַקומען העפטן און ביכער פאַר אייערע מיטאַרבעטער. דערביי האָט ער מיר תמיד געבראַכט אַ פאָדערונג, וואָס איז געווען וויזירט דורך מיין נאַטשאַלניק, מיט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן.

— ס׳איז אמת, אַז ער האָט אייך קיין איין גראָשן נישט באַצאָלט ?

— ס׳איז נישט אמת. ער פלעגט שטענדיק באַצאָלן לויטן נאָמינאַלן פּרייז.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ער איז אויך אַ ייד און ס׳איז אַוודאי געקומען די צייט אים אויך צו נעמען אין דער אַרבעט, כדי פון אים פּטור צו ווערן...

מיט דעם איז אונדזער שמועס, דער לעצטער שמועס מיט ליסענקאָן, געווען פאַרענדיקט.

אַראָפּקומענדיק צוריק אין טורמע אַריין, האָב איך געטראַכט וועגן דער דאַטע, דעם 10־טן. אויך דאָס געריכט וועט פאָרקומען דעם 10־טן יוני. דער טאָג איז אַן אומגליקלעכער פאַר מיר : דעם 10־טן בין איך געבוירן געוואָרן, דעם 10־טן האָט מען מיך אַרעסטירט, דעם 10־טן האָט מען פאַרענדיקט די אויספאָרשונג, דעם 10־טן וועט מען מיך משפטן... ער, ליסענקאָ, טרייסט מיך, אַז דער אורטייל וועט זיין אַ גרינגער. נאָר 6 חדשים. ער איז אַ כיטרער פוקס, דער אויספאָרשער. אין דער געשיכטע פון דעם סאָוויעטישן יוסטיץ־וועזן, האָט נאָך קיין איינער נישט באַקומען

פאַר אַזעלכע צוויי פּאַראַגראַפן, ווי 10־54 און 127 — נאָר זעקס חדשים. ער האָט זיכער אַ ציל דערביי, מיך איינצושטילן, איך זאָל נישט אַרויסטרעטן אַנטקעגן זיינע פאַלשע באַשולדיקונגען.

וואָס נאָענטער עס איז געוואָרן דער 10־טער יוני, אַלץ מער האָב איך געוואַרט אויף אַ זעאונג מיט מיין אַדוואָקאַט. ערשטנס, וועל איך פון אים אָפּנעמען אַ גרוס פון מיין ווייב און זון. צווייטנס, וועל איך זיך דערוויסן צי איז אַפשר פאַראַן אַן אַמנעסטיע נאָך סטאַלינס טויט. דריטנס, וועל איך דורך אים באַקומען מיינע שריפטלעכע באַמערקונגען. פערטנס...

איך האָב אַזויפיל אים צו זאָגן כדי באַווייזן מיין אומשולד.

מיינע הויזן האָב איך אויסגעפּרעסט, אַרונטערלייגנדיק זיי אונטערן שענגיק און זיצנדיק אויף זיי היפּשע שעהן, אפילו דעם קראַוואַט אויס־געפּרעסט. די שיך האָבן געגלאַנצט. איך גלויב, אַז פאַרן פירן צום משפט וועט מען מיך אָפּראַזירן. קיין האָר אויפן קאָפּ האָב איך נישט.

ליידער, זענען אַלע מיינע דערוואַרטונגען און האָפענונגען געווען אומזיסט. דעם 10־טן יוני בין איך פון גאַנץ פרי אָן געווען פאַרפּוצט אין מיין שוואַרצן אַנצוג מיטן טונקעלן קראַוואַט. אָן אומרואיקער האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק איבער מיין איינזאַמער קאַמער, ביז ענדלעך מען האָט מיר גערופן...

פאַרשפּאַרט אין אַ זייטיקן קעמערל אין „שוואַרצן קראָ" האָט מען מיך געפירט איבער די קיעווער גאַסן. ווען איך בין אַרויס פון מיין קעמערל, האָב איך דערזען אָן אַ שיעור טורמע־זעלנער מיט ביקסן אין די הענט. זיי זענען געשטאַנען אויף די טרעפּ, נישט אַרויסגעלאָזט און נישט אַריינגעלאָזט קיינעם, מען זאָל חלילה מיך נישט זען. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מען פירט משפטן דעם דיסעלדאָרפער מערדער, נישט אַ רואיקן לערער, וואָס האָט שוין דערצויגן אַ סך טויזנטער שילער און איז גאָט די נשמה שולדיק...

# דער משפט

פון דער „שוואַרצער קראַ״ האָט מען מיך, אונטער אַ זייער שטרענגער וואַך, אַרויפגעפירט אויפן דריטן שטאָק, גלייך אין געריכט־זאַל. דער זאַל איז געווען נישט קיין גרויסער. אין דער הויך איז געשטאַנען אַ לענגערער טיש מיט אַ רויטן טישטעך באַדעקט. דריי פּשוטע פאָטעלן פאַר די ריכטער און איינער אין דער רעכטער זייט פאַרן סעקרעטאַר. נידעריקער פאַרן טיש זענען געשטאַנען 2 קלענערע טישלעך, אין ביידע זייטן מיט צוויי שטולן. איינער פאַרן פּראָקוראָר, אין דער לינקער זייט, איינער פאַרן פאַרטיידיקער אין דער רעכטער. פאַר מיר, דעם באַשולדיקטן, איז געשטאַנען אַ פּשוטער שטול אין דער מיט. רעכטס אין דער זייט פון דעם פאַרטיידיקער, איז געשטאַנען אַ לענגערע באַנק פאַר די עדות. לינקס, צו דער טיר, זענען געזעסן: דער נאַטשאַלניק פון דער אויספאָרשונגס־טורמע מיט 2 פון זיינע געהילפן. באַלד ווי מען האָט מיך אַריינגעפירט, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ נידעריקער מאַן מיט אַ יידישן אויסזען, אָנגעטאָן אין אַ העלן אַנצוג און צו מיר אַ זאָג־געטאָן: „איך בין אייער אַדוואָקאַט בערנהאָלצעוו, אייער ווייב האָט מיך איינגעלאַדן אייך צו פאַרטיידיקן״״.

איך האָב אַ בייזן קוק געטאָן אויף אים און גאָרנישט געענטפערט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלונג. די ריכטער זענען אַריינגעקומען און נאָך זיי די סעקרעטאַרין. אַלע האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער. דער הויפּט־ריכטער, אַ מאַן פון אַ יאָר 50, אַ פול פּנים, מיט גלייכגילטיקע אויגן, אַ הויכער, האָט גערעדט נישט הויך. דאָך האָט מען אים גוט געהערט אין דער שטילקייט פון אַרום. ער האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּידזשאַק און אויפגעהאָנגען אויף דער שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גראָבן בוך, מיין „דיעלאָ״.

אין דער רעכטער זייט האָט זיך אָוועקגעזעצט דער ביי־ריכטער, אַן אוקראַאינער קאַליניטשענקאָ, אַן אָנגעשטעלטער פון אַ מלוכה־אינסטיטוציע, וואָס איז ספּעציעל צום משפּט באַפרייט געוואָרן פון זיין סטאַבילער אַרבעט. לינקס איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט אָנגעשמינקטע ליפּן אויף רויט, אָנגעטאָן אין אַ זומערדיק, העל קליידל. די ראָל פון די ביידע איז נישט

מער ווי צו דינען אַלס דעקאָראַציע. פון צייט צו צייט ווענדעט זיך צו זיי דער הויפּט־ריכטער און זיי שאָקלען צו מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. אויסטערליש האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן דער פּראָקוראָר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע הויזן, אין אַ ווייס ספּאָרט־העמדל מיט קורצע אַרבל. אויסגעזען האָט ער נישט מער ווי אַ 25־יאָריקער בחור. זיין אויסזען און ספּאָרט־אָנטון האָט אַבסאָלוט נישט געפּאַסט פאַר אַ מענטשן, וואָס דאַרף באַשולדיקן אַ פּאָליטישן פאַרברעכער. אויף זיין טיש זענען געלעגן נאָר די פיר זייטן, אויף וועלכע ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט מיט מאַשין־שריפט דער באַשולדיקונגס־אַקט.

די געריכט־פאַרהאַנדלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

דער הויפּט־ריכטער האָט געמאָלדן דעם צוזאַמענשטעל פון געריכט און געפרעגט, צי איך בין מסכים, אַז זיי זאָלן מיך משפּטן.

— איך בין מסכים, נאָר איך וויל בעטן צו דערוויטערן פונעם געריכט מיין פאַרטיידיקער, איך וויל זיך אַליין פאַרטיידיקן.

דער פאַרטיידיקער בערנהאָלצעוו איז געוואָרן איבעראַשט פון דער דאָזיקער דערקלערונג.

— סטייטש — פרעגט ער — אייער ווייב האָט באַצאָלט, איך זאָל אייך פאַרטיידיקן, פאַרוואָס זאָגט איר זיך אָפּ?

— איך קען נישט פאַרשטיין — האָב איך געענטפערט אויף דער פראַגע, ווענדנדיק זיך מער צום פאָרזיצער פון געריכט, ווי צו אים — ווי אַזוי קען אַן אַדוואָקאַט זיך אונטערנעמען צו פאַרטיידיקן, ווען ער קען אפילו נישט דעם מענטש, וואָס דאַרף ווערן געמשפּט. ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק זיך צו זען מיט אים פאַרן פּראָצעס.

— וואָס הייסט? — האָט זיך ווי פאַרענטפערט בערנגאָלצעוו — איך האָב דורכשטודירט די גאַנצע „דיעלאָ״ אייערע און קען אייך פאַרטיידיקן.

— איר זענט זיכער, אַז די „דיעלאָ״ איז אַ ריכטיקע, נישט קיין פאַלשע? און איר קלערט אויף דער דאָזיקער „דיעלאָ״ בויען אייער פאַרטיידיקונג? אַזאַ פאַרטיידיקונג קען מיר נאָר שאַטן ברענגען, נישט העלפן. ניין, איך וויל זיך אַליין פאַרטיידיקן! — האָב איך איבערגעחזרט.

איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אויב מען דערוויטערט דעם פּאַרטיידיקער, מוז מען אויך דעם באַשולדיקער באַזייטיקן.

דער פּאַרזיצער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיינע ביי־זיצער, וועלכע האָבן צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— איך מיין — האָט ער זיך אָפּגערופן — אַז מען דאַרף נישט באַזייטיקן אייער פּאַרטיידיקער. מיר וועלן נאָר איבעררייסן די געריכטס־פאַרהאַנד־לונגען, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט אייך צונויפצורעדן זיך מיט אייער פּאַרטיידיקער. מיר וועלן אייך געבן אַ פערטל שעה צייט. זענט איר מסכים דערויף?

— אַ פערטל שעה? וואָס וועל איך באַווייזן אין אַזאַ קורצער צייט, איך בעט דעם הויכן געריכט מיר צו געבן אַ שעה צייט.

— דאָס איז צופיל. מילא זאָל זיין 20 מינוט. ער גיט אַ קלונג.

אַלע דריי ריכטער הייבן זיך אויף פון זייערע ערטער און גייען אַרויס. איך און נאָך מיר דער פּאַרטיידיקער גייען אויך אַרויס אין פּאָדערהויז. אונדז רינגלען אַרום דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע און זיינע געהילפן. אויך ביי דער אַרויסגאַנג־טיר שטעלן זיך אַוועק שומרים.

איך אייל זיך עפּעס צו זאָגן דעם פּאַרטיידיקער. עס באַקומט זיך נישט. איך ווייס נישט פון וואָס אָנהויבן. עס באַקומען זיך ביי מיר נאָר איינציקע ווערטער, וועלכע איך קען בשום אופן נישט פאַרבינדן אין איין לאָגישן זאַץ.

— די עדות, שטיין און באַראַך, זענען פאַלשע, זיי האָט אינספּירירט מיין שכן דער פּראָוואָקאַטאָר, אַראָן סאַמאָילאָוויטש.

— איך בין אומשולדיק. דאָס אַלץ וואָס איז אַפילו אונטערגעחתמעט מיט מיין האַנט איז אַ רעזולטאַט פון צענדליקער שלאָפלאָזע נעכט, פון האַלטן מיך אין אַן איינזאַמער קאַמער.

— די טעג האָט מיר דער אויספאָרשער ליסענקאָ גערופן צו זיך און באַרואיקט, אַז מיין שטראָף קען זיין נאָר ביז 6 חדשים. איך האָב באַמערקט אַ שמייכל אויף דעם פּאַרטיידיקערס פּנים.

— איך האָף, אַז מען וועט אייך באַפרייען — האָט ער אַרויסגעזאָגט, זעענדיק מיין אויפרעגונג און וועלנדיק מיך באַרואיקן.

— מיט קיין ספּעקולאַציעס האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען.

איך בין אַ לערער. די באַשולדיקונג וועגן פּעקל מיט גאָלדענע מטבעות, וואָס איך האָב כלומרשט אַריבערגעפירט, איז נישט קיין ריכטיקע.

מער האָב איך נישט באַוויזן אים צו זאָגן. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע האָט באַפוילן צו פאַרענדיקן און אַריינגיין צוריק אין זאַל.

— נו, איצט זענט איר שוין באַפרידיקט? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער, ווען מיר זענען אַריין אין זאַל.

— איך האָב גאָר ווייניק באַוויזן דעם פאַרטיידיקער צו זאָגן. פאַרפאַלן, זאָל זיין אַזוי! איך וויל נאָר בעטן דעם הויכן געריכט מיר געבן מיינע באַמערקונגען, וואָס איך האָב געמאַכט אויף 8 בייגעלעך פּאַפּיר פאַרן אונטערשרייבן די „דוווכסאָטקע”, דער אויספאָרשער האָט זיי ביי מיר צוגענומען און צוגעזאָגט זיי אומצוקערן מיר אין טאָג פון משפט. זיי מוז איך האָבן, כדי זיך צו פאַרטיידיקן.

דער פאָרזיצער האָט אָנגעהויבן בלעטערן די „דיעלאָ” ווי ער וואָלט געזוכט צווישן די בלעטער און נישט געפונען.

— מעגלעך, אַז זיי זענען אַרויסגעפאַלן, אָדער דער אויספאָרשער האָט פאַרגעסן זיי צוצושיקן. איך מיין, אַז איר וועט זיך באַגיין אָן זיי...

דער פאָרזיצער האָט אָנגעהויבן צו שטעלן מיר פראַגן וועגן מיין פערזענלעכקייט, נעמען פון די עלטערן, אָרט פון אַרבעט און אַנדערע שאַבלאָנע פראַגן אין געריכט. דערנאָך האָט ער גאָר שנעל און שטיל איבערגעלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט. איינציקווייז האָט מען אַריינ־ געפירט די עדות, געוואָרנט זיי זאָלן זאָגן אמת. דער ערשטער איז געווען שטיין, גרופּינס פלימעניק. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט ווי אַ דעקלאַמאַציע דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט צו דער ערשטער „אָטשנע סטאַווקע” מיינער. דער פאָרזיצער האָט אים אפילו נישט געלאָזט פאַרענדיקן, נאָר געפרעגט: צי האַלט איר אונטער דאָס, וואָס איר האָט עדות געזאָגט אין דער אויספאָרשונג.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

— צי האָט איר פראַגן — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט דעם פּראָקוראָר.

— ניין, האָט ער געענטפערט.

— און איר ? — האָט ער זיך געווענדעט צום פּאַרטייִדיקער.

— פון ווען אָן און ווי אַזוי קענט איר דעם בירגער פ. — האָט געפרעגט בערנגאַלצעוו.

דער עדות שטיין האָט שוין געהאַלטן, אַז זיין מיסיע איז פאַרענדיקט. די פראַגע האָט אים איבעראַשט.

— פערזענלעך האָב איך דעם בירגער נישט געקענט. איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געטראָפן ביי מיין פעטער גרופּין. דאָרט האָב איך געהערט זיינע אַנטי־סאָוויעטישע רייד.

— איר האָט געזאָגט, אַז דער בירגער פ. פלעגט הערן אין זיין ראַדיאָ „קול ישראל״. פון וואַנען ווייסט איר דאָס ?

— ער האָט איינמאָל געזאָגט, אַז אין ישראל פּראַווען יידן זייער פריילעך די יידישע ימים טובים, האָב אַיך פאַרשטאַנען, אַז ער הערט געוויס „בי. בי. סי.״ אָדער „קול ישראל״.

— און איר אַליין הערט אַמאָל „קול ישראל״ ?

דער פּאָרזיצער האָט אַ קלונג געטאָן.

— איר קענט אויף דער פראַגע נישט ענטפערן, בירגער שטיין.

איך האָב אויך אים געשטעלט פראַגן :

— ווו זענט איר געווען אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע ?

דער פּאָרזיצער האָט פאַרכאַפּט, נאָך איידער ער האָט געענטפערט :

— ער איז נאָך דאַן אַ קינד געווען. ס׳האָט נישט קיין שייכות צו אייער דיעלאָ.

— איך מיין, אַז מיט זיין פאַלשן עדות זאָגן קעגן מיר, וויל ער זיך ריינוואַשן דערפון, וואָס ער האָט זיך געלערנט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אין אַ דייטשער שול.

— שטיין איז רויט געוואָרן. אין די אויגן האָט זיך באַוויזן שרעק.

דער פּאָרזיצער האָט אָבער נישט געלאָזט מער אים שטעלן פראַגן און שנעל אַרויסגעשיקט פון זאַל.

דער יינגערער ברודער שטיין האָט געשטאַמלט און קוים אַרויסגערעדט :

— דעם בירגער פ׳ס זון, מאַרקס, האָט מיר געזאָגט, אַז היטלער וואָלט

זיכער נישט פאַרשפּילט די מלחמה, ווען ער וואָלט נישט אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד און נישט אומגעבראַכט די יידן.

— אין דער אויספאָרשונג האָט איר געזאָגט, אַז מיין זון האָט געלויבט היטלערן! — האָב איך אויסגעשריען.

דער פאָרזיצער האָט אויף מיר אָנגעשריגן און פאַרווערט צו שטעלן פראַגן.

ווען מען האָט אַריינגעפירט באַראַכן, האָט דער וועכטער געמוזט אים צופירן צום עדות־פּולפּיט. אַליין האָט ער נישט געזען וווהין צו גיין. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.

דער פאָרזיצער האָט אים געשטעלט נאָר איין פראַגע: „צי האָלט איר אונטער אייערע באַשולדיקונגען קעגן בירגער פ. וואָס איר האָט געגעבן אין דער אויספאָרשונג?"

צוערשט האָט ער געשוויגן. נאָר ווען דער פאָרזיצער האָט איבערגעחזרט די פראַגע, האָט ער שוואַך געענטפערט:

— יאָ.

איך האָב געמיינט, אַז מיין פאַרטיידיקער וועט פּרוּוון אָפּשלאָגן באַראַכס באַשולדיקונגען, אָנגעשריבענע אויף 58 זייטן. ליידער, האָט ער דאָס נישט געטאָן. איך האָב אים געוואָלט שטעלן פראַגן, נאָר דער פאָרזיצער האָט מיך באַגרענעצט נאָר מיט צוויי פראַגן.

— צי מיינט איר ערנסט, אַז איך בין שולדיק אין דעם אַלעמען, וואָס איר וואַרפט מיר פאָר אויף גאַנצע 58 זייטן?

באַראַך האָט געשוויגן.

— צי וואָלט איר, אַן עלטערער קראַנקער מענטש, אַ געוועזענער לערער, נישט בעסער געטאָן, ווען איר זאָגט דעם גאַנצן אמת? — האָב איך אַ זאָג געטאָן אין אַ גאָר מילדן טאָן.

באַראַך האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט אויפן קול. מ׳האָט אים אַרויסגעפירט פון זאַל.

מ׳האָט אַריינגעפירט נאָך אַן עדות, דעם לערער פון גימנאַסטיק, וואָס האָט געלערנט אין דער דריטער מיידל־שול, וווּ איך האָב געוווינט. ער איז אַ יונגער בחור, אַ דעמאָביליזירטער פון דער אַרמיי. קיין בילדונג האָט

ער נישט, ער האָט נאָר אַדורכגעמאַכט אַ קורס פאַר לערער פון גימנאַסטיק. אין צייט פון דער מלחמה איז ער, ווייזט אויס, געווען אַ פליער, פלעגט ער דעריבער נישט אַראָפּלאָזן זיין בליק פון די עראָפּלאַנען, וואָס פלעגן אַדורכפליען. זיין עדות־זאָגן האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן געלעכטער.

— דער בירגער פּ. גלויבט נישט, אַז אין אַמעריקע איז מעגלעך אַ קאָמוניסטישע איבערקערעניש, איך מיין, אַז אַזוי ווי מען האָט ביי אונדז דערצויגן הונדערטער טויזנטער ביים בויען דעם בעלאָמאָר־קאַנאַל און קאַלימאַ, אַזוי וואָלטן מיר געקענט אויך די אַמעריקאַנער איבערדערציען... דער בירגער פּ. האָט ביז גאָר געהאַלטן פון דער פּוילישער קולטור, פון די יידישע שולן, וואָס זענען געווען אין פּוילן...

דער פאָרזיצער האָט זיך באַמיט פון דעם עדות וואָס גיכער פּטור צו ווערן. איך האָב אויך נישט געוואָלט אים פרעגן קיין פראַגן.

אַנדערש איז געווען, ווען עס האָט עדות געזאָגט סאַפּאָזשניקאָוו, אונדזער פּעדאַגאָגישער געהילף פון דירעקטאָר און דער סעקרעטאַר פון דער גרונטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אָט דעם וויכטיקן, ערנסטן עדות האָבן מיר, מיין פּאַרטיידיקער און איך, געוואָלט שטעלן אַ סך פראַגן. אין זיין עדות זאָגן ביים אויספאָרשער האָט ער אויף מיר קיין שום שלעכטס נישט געזאָגט, חוץ דעם אַז איך האָב אין מיין קאָרעפּעראַט וועגן סטאַלינס אַרויסטריט אויפן 20־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געזאָגט, אַז מען האָט ליקווידירט דעם קאָמינטערן, כדי צו באַפרידיקן אונדזערע פאַרבינדעטע אין דער מלחמה.

דער פאָרזיצער פון געריכט האָט אָבער פאַרכאַפּט און געשטעלט דער ערשטער די באַנאַלע פראַגע, וועלכע ער האָט געפרעגט כמעט אַלע עדות:

— צי באַשטעטיקט איר אייערע באַווייזן, וואָס איר האָט געגעבן ביים אויספאָרשער?

דער עדות האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ". דער פּראָקוראָר האָט, ווי געוויינלעך, זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן פראַגן. בכלל איז זיין האַלטונג אויפן פּראָצעס געווען אַן אויסטערלישע. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ס'איז אים לחלוטין פרעמד די „דיעלאָ". ער האָט זיך

געלאַנגווייליקט און געוואָלט וואָס גיכער זיך באַפרייען פון זיין ראָל, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

— ווי האָט זיך דער בירגער פּ. אויפגעפירט אין אייער פּעדאַגאָגיש׳ן קאָלעקטיוו ?

— ער איז געווען איינער פון די אַקטיוויסטע מיטגלידער. כמעט אויף יעדער פּעדאַגאָגישער זיצונג פלעגט ער אַרויסטרעטן דער ערשטער. ער האָט מיט זיין אַרויסטרעטן דערמוטיקט אַנדערע לערער זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן. קיין שום קאָנפליקטן מיט די חברים־לערער האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. דעם 10־טן יאַנואַר היינטיקס יאָר האָבן מיר אַלע לערער אויפגעהויבן אַ גלעזל ווייַן לכבוד זיין 50־יאָריקן יובילײ, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם טאָג.

דער פּאַרטיידיקער :

— צי מיינט איר, אַז דער בירגער פּ. האָט בייזוויליק זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דעם, אַז דעם קאָמינטערן האָט מען ליקווידירט, כדי צופרידן שטעלן אונדזערע פאַרבינדעטע בשעת דער מלחמה ?

סאַפּאָזשניקאָוו :

— ניין ! ווען איך האָב אים נאָך זיין אַרויסזאָגן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די אָפיציעלע ווערסיע שטימט נישט מיט זיינער, האָט ער זיך צוריקגעצויגן.

אויך איך האָב דעם עדות געשטעלט פראַגן :

— איך האָב אָנגעשריבן מאַטעריאַלן פאַר „פּיאָנערן־זבאָרן״ (כינוסים) וועגן לענינען, וועגן סטאַלינען, וועגן קיסעליאָוון דעם מאַטעמאַטיקער. אייך האָב איך געגעבן זיי איבערקוקן און אַקצעפּטירן. צי האָט איר געפונען אין זיי אַ חשד אויף אַנטי־סאָוויעטישקייט ?

— ניין ! — האָט דער עדות געענטפערט.

— מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אַ היפּש ביסל יאָרן. וואָס קענט איר, אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, זיך אַרויסזאָגן וועגן מיר, אַלס לערער, אַלס אַגיטאַטאָר, אַלס רעדאַקטאָר פון אונדזער טאָג־טעגלעכער צייטונג ?

דער פּאָרזיצער האָט אַ קלוגג געטאָן:

— איך האַלט, אַז ס׳איז איבעריק, איר זאָלט ענטפערן אויף די פראַגן.

— פאַרוואָס — האָב איך זיך געבעטן — ווער קען בעסער כאַראַק־טעריזירן פונעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע?

— ס׳איז איבעריק — האָט זיך פאַרענטפערט דער פּאָרזיצער — ווייל אַלע ווייסן עס און קיינער לייקנט עס נישט אָפּ. לאָמיר זאָגן, אַז דער עדות וועט זאָגן, אַז איר זענט געווען אַ גוטער אַגיטאַטאָר, אַ גוטער רעדאַקטאָר א.אַ.וו. מיר ווייסן עס און דערפאַר משפט מען נישט אייך. פאַרן גוטן בכלל משפטן מיר נישט, נאָר פאַרן שלעכטן. איר, עדות, זענט פריי!

איך האָב געבעטן דעם עדות צו פאַרהאַלטן. איך וויל ער זאָל ענטפערן נאָך אויף איין פראַגע, וואָס האָט אַ נאָענטע שייכות מיט אים, אַלס פּעדאַגאָגישן דירעקטאָר. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז אַרויס.

דערפאַר האָט דער פּאָרזיצער מיר דערלויבט צו שטעלן די פראַגע דעם שפּעטערדיקן עדות, דעם דירעקטאָר פון דער צווייטער אייזנבאַן־שול.

— צי איז געשען אַמאָל, אַז איך, אַ לערער פון מאַטעמאַטיק, זאָל אַסיסטירן ביי די מאַטורע־עקזאַמענס פון ליטעראַטור?

— ניין! — האָט ער געענטפערט.

— צי האָב איך אַמאָל זיך אָפּגעזאָגט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון די עקזאַמענס, טענהנדיק, אַז די שילער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט האָבן באַקומען נידעריקערע אָפּמערקונגען פון די, וואָס זיי איז געקומען?

דער דירעקטאָר האָט ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: די פראַגע איז מער ווי נאַריש און ס׳איז אפילו נישט כדאי אויף איר צו ענטפערן. דאָך האָט ער געענטפערט:

— ביי אונדז, אין דער סאָוויעטישער שול, איז דאָס אַן אַבסורד. קיין אונטערשייד מאַכט קיינער נישט צווישן די שילער, וואָס געהערן צו דער אָדער יענער נאַציאָנאַליטעט.

דער פּאָרזיצער איז, ווייזט אויס, נישט צופרידן געווען פון אַזעלכע ענטפערס.

— צי באַשטעטיקט איר אַלץ, וואָס איר האָט אָנגעגעבן וועגן דעם

באַשולדיקטן אין דער אויספאָרשונג? — האָט אויך אים געשטעלט דער פאָרזיצער זיין פראַגע.

— געוויס — האָט ער געענטפערט.

— איר זענט פריי!

די לעצטע איז אַריינגעקומען אַלס עדות נינאַ וואַסיליעוונאַ, אַראָן סאַמאַילאָוויטש גרופּינס ווייב. זי איז אַ גוטע לערערין פון רוסישער ליטעראַטור אין אייזנבאַן־טעכניקום און אויך אין דער דריטער מיידל־שול. זי איז אויך אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין, אַ דעפּוטאַטין פון שטאָט־ראַט. אויף מיינע געשפרעכן מיט איר האָבן איר מאַנס פלימיעניקעס געבויט זייערע פאַלשע באַשולדיקונגען. צווישן אַנדערן האָט זי אָפּגעלייקנט, אַז איך האָב מיט איר גערעדט וועגן דער דיסקרימינאַציע פון יידישע קינדער אין אונדזערע שולן.

קיין איין עדות פון די, וואָס איך האָב געבעטן אַרויסרופן, האָט מען נישט גערופן. פון די 50 עדות, וואָס האָבן אין דער אויספאָרשונג וועגן מיר עדות געזאָגט, האָט דער אויספאָרשער אַרויסגערופן צום געריכט נאָר אַ פינפטל פון זיי, דערביי האָט ער אויסגעקליבן צווישן זיי מערסטנס אַזעלכע, וואָס ער איז געווען אין זיי זיכער, אַז זיי וועלן וועגן מיר קיין גוט וואָרט נישט זאָגן. אויך דאָ האָט ער פאַרשפּילט, ווייל אייניקע האָבן גאָר גוטס געזאָגט וועגן מיר און אייניקע האָבן גאָר געשוויגן. אמת, זיי האָט אַרויסגעהאָלפן דער פאָרזיצער פון געריכט מיט זיין סטאַנדאַרטער פראַגע: „צי באַשטעטיקט איר אייערע באַווייזן, וואָס איר האָט געגעבן בשעת דער אויספאָרשונג?"

דערמיט איז די אויספאָרשונג־טייל פון משפּט געווען פאַרענדיקט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן בחפזון, דער פּראָקוראָר איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. קיין פראַגן האָט ער נישט געשטעלט. אויך מיין פאַרטיידיקער האָט געזען, אַז דער פאָרזיצער פון געריכט איז נישט צופרידן פון שטעלן אַ סך פראַגן, האָט ער זיך באַגרענעצט מיט נאָר געציילטע פראַגן. מיט זיין אַנוועזנהייט האָט ער מיר געשטערט צו שטעלן פראַגן די עדות. עטלעכע מאָל האָב איך זיך געווענדט און געבעטן מיר צו דערלויבן צו שטעלן די עדות פראַגן און ער האָט מיר נישט אונטערגעהאַלטן.

אין דעם אַלעמען האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין גורל איז שוין פאָרויס אָפּגעשטימט דורכן פאָרזיצער פון געריכט. איך האָב געדענקט די רייד פונעם אויספאָרשער: „אויב איר וועט נישט אַרויסטרעטן שאַרף אין געריכט, נישט אָפּלייקענען אָט דאָס, וואָס איר האָט געחתמעט, וועט איר באַקומען נישט מער ווי 6 חדשים".

די צווייטע טייל פון געריכט, דאָס אַרויסטרעטן פונעם פּראָקוראָר און פונעם פּאַרטיידיקער, האָט אויך לאַנג נישט געדויערט. דער פּראָקוראָר האָט כמעט ווי בוכשטעבלעך איבערגעלייענט פונעם פּאַפּיר דעם באַשולדיקונגס־אַקט, אפילו זיך דערלויבט איבערהיפּערן עטלעכע שטעלן. מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט האָט ער געפאָדערט מיך באַשטראָפן לויט דעם פּאַראַגראַף 54־10, די צווייטע טייל פון אוקראַאינישן שטראָף־קאָדעקס, און לויט 127 צוזאַמען, נישט אָנרופנדיק די מאָס פון דער שטראָף.

דער פּאַרטיידיקער האָט גאָרנישט אָפּגעלייקנט פון די באַשולדיקונגען, וואָס מען האָט מיר פאָרגעוואָרפן. ער האָט נאָר באַטאָנט, אַז אייניקע פון די עדות האָבן וועגן מיר אַ סך פּאָזיטיווע באַווייזן געגעבן וועגן מיין פּערזענלעכקייט און וועגן מיין טעטיקייט. מיינע פאַלשע האַנדלונגען און אַרויסזאָגונגען זענען אַ רעזולטאַט פון נישט פאַרשטיין די סאָוויעטישעווירקלעכקייט. די סיבה האָט ער אָנגעגעבן, אַז איך בין געקומען שוין אַן עלטערער מענטש פון נאַציאָנאַליסטישן פאַרמלחמהדיקן פּוילן מיט איינגעוואָרצלטע שטעלונגען לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד. וועגן די פאַרווערטע ביכער „יידישע ענציקלאָפּעדיע" און גרעצס „געשיכטע פון יידן" האָט ער געזאָגט, אַז איך האָב נישט געוווסט, אַז זייער גייסט איז פרעמד דעם סאָוויעטישן מענטשן און מ׳טאָר זיי נישט האַלטן. עס איז נישט דערוויזן געוואָרן, אַז ער זאָל האָבן זיי פאַרשפּרייט צווישן זיינע באַקאַנטע. ער האָט געבעטן דעם געריכט רעכענען זיך מיט דעם, אַז מיינע חטאים האָב איך געטאָן נישט בייזוויליק און נישט מיטן פולן באַוווסטזיין. זיין שטראָף, לויט די אָנגעוויזענע סטאַטייען 54־10 דאַרף נישט זיין די צווייטע, נאָר די ערשטע טייל, וואָס די שטראָף איז פון 6 חדשים, לכל הפחות און נישט מער פון 5 יאָר. נעמענדיק אין אַכט די אַמנעסטיע פון דעם 28־טן מערץ

פון 1953 יאָר, לויט וועלכער פּאָליטישע פּראָצעסן מיט דער פאָרויסגעזעענער שטראָף ביז 5 יאָר ווערן אָפּגעשטעלט, בעט ער מיך צו באַפרייען.

ווי איך האָב דערהערט די רייד פונעם פּאַרטיידיקער וועגן דעם, אַז ס׳איז געווען אַן אַמנעסטיע נאָך סטאַלינס טויט, האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיין האַרץ. ער האָט געזאָגט, אַז לויט דער אַמנעסטיע דאַרפן די פּראָצעסן אָפּגעשטעלט ווערן, ווען די פאָרויסגעזעענע שטראָף איז ביז 5 יאָר. הלמאי האָט דער אויספאָרשער, אַ פּאָר טעג פאַרן געריכט, מיך באַרואיקט, אַז איך קען באַקומען נישט מער ווי 6 חדשים ? הייסט עס, אַז ער טראַכט, אַז מיין שטראָף וועט זיין העכער פון 5 יאָר, און זיינע טרייסט־רייד האָבן געהאַט דעם ציל מיך צו פאַרפירן, מאַכן הכנעהדיק, כ׳זאָל גאָרנישט אָפּלייקענען און נישט פאַרעפנטלעכן דעם אמתן ציל פון פאַרפירן דעם פּראָצעס קעגן מיר און וועגן געפּלאַנטן גרויסן פּראָצעס קעגן דער יידישער אינטעליגענץ אין קיעוו. איידער איך האָב באַקומען מיין לעצט וואָרט, האָט מיר געעקבערט אין מוח דער געדאַנק, ווי אַזוי זיך צו פירן. צי גיין לויט דער ליניע פון מיין פאַרטיידיקער, וואָס האָט אין זיין קורצער רעדע גאָרנישט אָפּגעלייקנט, נאָר אונטערגעשטראָכן מיין אָפּגעשטאַנענקייט און נישט פאַרשטיין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, און געבעטן נאָר אַמנעסטיע און אָנערקענען מיין שטראָף נישט גרעסער פון פינף יאָר און אַזוי אַרום זאָל איך באַפרייט ווערן לויט דער אַמנעסטיע.

פון דער צווייטער זייט, נאָך 4 חדשים פון אוממענטשלעכע פיזישע און מאָראַלישע ליידן אין מיין איינצל־טורמע־קאַמער אַן שום שולד, נאָך צענדליקער שלאָפלאָזע נעכט און מאַטערנישן, וואָס האָבן שיעור מיך דערפירט צו זעלבסטמאָרד, זאָל איך זיך מאַכן פאַר אַ נאַריש שעפּעלע און אַלץ פאַרשווייגן ?

לאַנג טראַכטן האָב איך נישט געהאַט קיין צייט. איך האָב באַקומען מיין לעצט וואָרט. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אין מיין שוואַרצן אויסגעפּרעסטן אַנצוג און טונקעלן קראַוואַט בין איך אַ סך מער ענלעך געווען צו אַ פּראָקוראָר, ווי צו אַ באַשולדיקטן, וועלכן מען משפּט. איך בין געווען שטאָלץ ביי זיך, וואָס כ׳האָב פאַר די עדות, איבערהויפּט פאַר מיין דירעקטאָר און סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פאַר גרופּינס

ווייב נינאַ וואַסיליעוונאַ נישט אַרויסגעוויזן קיין געפּאַלנקייט, קיין נעבעכדיקייט, זיי געשטעלט פראַגן און אפילו געוואַגט צו ווענדן זיך צום פאָרזיצער פון געריכט מיט פּרעטענזיעס, הלמאי ער לאָזט מיך נישט אויסנוצן מיינע רעכט.

„הויכער געריכט! — האָב איך אָנגעהויבן שטיל — אַ סך עוולות זענען באַגאַנגען געוואָרן במשך פון די לעצטע 4 חדשים קעגן מיר, אַ סאָוויעטישן לערער, וואָס האָט געלערנט און דערצויגן טויזנטער סאָוויעטישע קינדער און דערוואַקסענע. אָבער די גרעסטע זענען די, וואָס ערשט אין חודש מאַי האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט וועגן דעם, אַז אונדזער גרויסער פירער איז שוין נישטאָ, וואָס איך האָב זיך ערשט דאָ אין געריכט, פון די רייד פון מיין פאַרטיידיקער, דערוווּסט וועגן דער אַמנעסטיע. איך האָב נישט באַקומען מיינע אָנמערקונגען, וואָס איך האָב געמאַכט ביים באַקענען זיך מיט מיין „דיעלאָ", כדי איך זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן.

„פאַרפאַלן. איך וועל זיך באַמיען און פּרוּוון נישט דערווייזן, ווי מיין פאַרטיידיקער, אַז איך בין, נעבעך, אַן אומבאַוווּסטזיניקער, וואָס האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, געפּלאָפּלט איבעריקעס און גענומען אויף זיך אומזיסטע צרות. ווען איך וואָלט דורך אייך, הויכע ריכטער, אָנערקענט געוואָרן אַלס שולדיקער, דערנאָך באַפרייט געוואָרן לויט דער אמנעסטיע, וואָלט עס מיך נישט געקענט באַפרידיקן, ווייל איך בין אַ לערער. צי וועט מען מיך דען צולאָזן צום סאָוויעטישן קינד, אים צו לערנען און דערציען? און דאָס וואָלט באַדייט פאַר מיר אַ גרעסערע קאַטאַסטראָפע ווי די טורמע.

„דער באַשולדיקונגס־אַקט הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „זייענדיק אַנטי־סאָוויעטיש, נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, זאָל איך האָבן אין די יאָרן 1950—1953 געפירט צווישן מיין סביבה אַן אַנטי־סאָוויעטישע און נאַציאָ־נאַליסטישע אַגיטאַציע. איך מיין, אַז מיין אַרבעט אַלס לערער, אַלס דערציער, אַלס אַגיטאַטאָר, אַלס רעדאַקטאָר פון אַ טאָג־צייטונג אין שול, וועגן וועלכער איר, הויכער געריכט, האָט זיך אפילו אַרויסגעזאָגט פּאָזיטיוו — דאָס אַלץ קען נישט גיין צוזאַמען געפּאָרט מיט די אויבן־דערמאָנטע באַשולדיקונגען. חוץ די פּאָר עדות, ווי באַראַך, שטיין, וואָס זענען מיר כמעט ווי נישט באַקאַנט און זייערע נעמען האָב איך געהערט

דאָס ערשטע מאָל בעת דער אויספאָרשונג, האָבן צענדליקער לערער, מיינע מיטאַרבעטער, פּאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, קעגן מיר קיין באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל נישט צוגעשטעלט. אפילו די באַשולדיקונג פון אָט די עדות זענען אויך קינסטלעך צונויפגעשטעלט, אָן שום פּאַקטישע באַווייזן. זיי זענען אינספּירירט געוואָרן דורך מיין פּערזענלעכן שונא און נאָענטן מיטאַרבעטער פון אויספאָרשער, גרופּין אַראָן סאַמאָילאָוויטש.

„איך בין זיך מודה, אַז די ביכער ווי „די יידישע ענציקלאָפּעדיע" אין 16 בענדער, און פּראָפ. גרעצס „געשיכטע פון יידן" אין דער רוסישער שפּראַך, האָב איך געקויפט פאַר אַ גרעסערער סומע געלט, נאָר נישט אויסבאַהאַלטן זיי, פּאַרקערט, אַרויסגעשטעלט זיי אין אַ גלעזערנעם שראַנק. די ביכער האָבן מיר געדינט פאַר אַ מצבה נאָך מיין אומגעקומענער מוטער, שוועסטער און ברידער, נאָך די אומגעקומענע 6 מיליאָן יידן, מיינע ברידער. די ביכער, אַרויסגעגעבענע אין סאָוויעטישע פּאַרלאַגן פון די יידיש־סאָוויעטישע שרייבער ווי בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, טאַלאַלאַיעווסקי, דער נסתר א. אַנד. זענען ביי מיר געווען. איך האָב נישט געוווסט, אַז מען טאָר זיי נישט האַלטן, קיינער האָט מיר וועגן דעם נישט געזאָגט...

„אין מיין „דיעלאָ" וועט איר געפינען צוויי רעפּעראַטן, וועלכע איך האָב אינמיטן דער נאַכט, אָן שום צוגרייטונג, געהאַלטן פון אויסנווייניק פאַרן אויספאָרשער אויף די טעמעס „די יידן־פּראַגע" און וועגן „סאָציאַליזם". אפילו דער אויספאָרשער האָט אין זיי נישט געפונען קיין אַנטי־סאָוויעטישע מיינונגען. פּאַרקערט, ער האָט מיט דעם באַוויזן מיין באַוווסטזיניקייט און באַהאַוונטקייט אין אַזעלכע פראַגן. ס'דערוועקט זיך דעריבער די פראַגע: ווי קען מען אַזעלכן באַשולדיקן אין „שפּאָטן פון דער סאָוויעטישער פּרעסע" אויפן סמך פון אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס מיין 13 יאָריקער זון האָט אַמאָל געמאַכט, וועלכע שטעלט פאָר אַ ווייסע קאַץ אויפן פּאָן פון אַ צייטונג, אויף וועלכער עמעץ האָט בכיוון אָנגעשריבן „פּראַוודאַ", כלומרשט אַ קאַץ לייענט דעם לייט־אַרטיקל אין „פּראַוודאַ" ?

דאָס געריכט האָט די רייד מיינע אויסגעהערט מיט אומגעדולד. אַמערסטנס אומגעדולדיק איז געווען דער פּראָקוראָר, וואָס האָט זיך ערגעץ

געאיילט. דער פאָרזיצער האָט מיר איבערגעהאַקט און פאָרגעלייגט צו פאַרקירצן.

— אויך די באַשולדיקונג אין ספּעקולאַציע איז נישט קיין ריכטיקע. אמת, איך האָב, אָן שום באַלוינונג, פאַרנדיק פון פון קיעוו קיין לוצק, אַריבער־געפירט אַ פּעקעלע, וואָס איינער האָט איבערגעגעבן פאַר אונדזוערער אַ געמיינזאַמער באַקאַנטער, אָבער וואָס ס׳איז געווען אין פּעקעלע האָב איך נישט געוווסט.

— פאַרענדיקט — האָט אַ זאָג געטאָן דער פאָרזיצער.

איך האָב זיך באַמיט וואָס גיכער צו ענדיקן, זעענדיק אַז מיינע רייד דערגרייכן נישט אַהין, וווהין זיי דאַרפן דערגרייכן, אַז דער פאָרזיצער און דער פּראָקוראָר זענען אומגעדולדיק און אויך מיין פאַרטיידיקער האָט געקוקט אויף מיר בייז.

איך האָב פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „איך בין אומשולדיק און בעט דעם הויכן געריכט מיך צו באַפרייען״.

דער געריכט־צוזאַמענשטעל איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג. דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע און זיינע געהילפן האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער. איך בין געזעסן אין אַ זייט און צוגעהערט זיך צו זייער געשפּרעך. קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַלטן, אַז מען וועט מיך באַפרייען. מען האָט געפרוווט טרעפן וויפל יאָר איך וועל באַקומען: 7 אָדער 10. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלונג. ערשט 20 מינוט און שוין. מען רופט שוין צוריק אין זאַל.

די ריכטער זענען אַריין און דער פאָרזיצער האָט געלייענט דעם אורטייל פון אַ פּאַפּיר, אָפּגעדרוקטן אויף אַ שרייב־מאַשין. ווען האָבן זיי שוין באַוויזן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, אים אָפּצודרוקן אויף צוויי זייטן און אונטערחתמענען? (זע: דעם אורטייל אין די דאָקומענטן זייט 268).

דער ערשטער טייל: וועגן דער פּערזענלעכקייט פון באַשולדיקטן, ציפערן וועגן זיין ביאָגראַפיע, בילדונג, נאַציאָנאַליטעט א. א.

דער צווייטער טייל: די מאָטיווירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון די קעפּלעך פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט, כמעט דאָס זעלבע, נאָר אין אַ קורצערער פאָרם.

דער דריטער טייל: דער אורטייל: 10 יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעטס־לאַגער, אויף 3 יאָר פאַרלירן די בירגער־רעכט און קאָנפיסקאַציע פון דעם האָב און גוטס, וואָס געהערט צום פאַרמשפּטן אַליין.

די קאַסאַציע קען אָנגעגעבן ווערן במשך פון 5 טעג.

ס׳איז ווערט צו באַטאָנען, אַז ביים לייענען דעם אורטייל איז שוין דער פּראָקוראָר נישט געווען.

דעם אורטייל האָב איך אויפגענומען כמעט גלייכגילטיק. איך האָב אים פאַרויסגעזען. דער פאַרטיידיקער איז צוגעגאַנגען צו מיר און געוואָלט מיך באַרואיקן: „מיר וועלן אַפּעלירן"... „איך בעט אייך נישט" — האָב איך געענטפערט — „איך וועל אַליין קענען דאָס טאָן"...

ער איז אַוועק אַ ברוגזער...

## נאכן אורטייל

דער גורל האָט מיר דעם 10־טן טאָג פון חודש יוני 1953 יאָר דערלאַנגט אַ קלאַפּ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען הילכיק ביי מיר אין האַרצן, אין מוח און אין דער נשמה. אויב איך האָב פריער געגלויבט, אַז נאָר ער, דער אויספאָרשער ליסענקאָ, איז שולדיק אין מיין אומגליק און צוזאַמען מיט אים אויך מיין שכן גרופּין, זיין מיטהעלפער, האָב איך איצט דערזען, אַז נישט נאָר זיי, נאָר אויך די ריכטער, דער פּראָקוראָר, אפילו דער פאַרטיידיקער, אַלע, אַלע האָבן זיך אַרויפגערוקט אויף מיר, ווי אַ שווערער אייז־באַרג, כדי מיך אומצוברענגען.

פאַרוואָס?

אויף דער פראַגע האָב איך געזוכט אַן ענטפער. צי דערפאַר, וואָס איך בין לעבן געבליבן איינער פון אַלע מיינע ברידער — קומט מיך אויך אומצוברענגען?! צי דערפאַר, וואָס אין דער וועלט פון האַס און שנאה, האָב איך געוואָגט צו בלייבן טריי דעם באַגריף „מענטש"?

צי איז טאַקע לית דין ולית דיין?

מען האָט מיר געגעבן 5 טעג צייט צו אַפּעלירן, אַנטקעגן דער פּרישער אומגערעכטיקייט, וואָס איז לגבי מיר באַגאַנגען געוואָרן. איך קען אַפּעלירן צו דער געריכטס־קאָלעגיע פון קיעווער קרייז־געריכט, שפּעטער אויך צום הויכן־געריכט. דער קאַמף פאַר גערעכטיקייט איז שוין אַ טיילווייזער זיג, נאָר מונטער און מוטיק דאַרף מען זיין און קעמפן פאַר אמת ביזן סוף.

— אַזוי האָב איך געטראַכט.

איצט, נאָכן געריכט, האָב איך געטראַכט, וועל איך שוין נישט זיין איינער אַליין אין קאַמער, מען וועט מיך זיכער אַריבערפירן פון דער אויספאָרשונגס־טורמע אין דער אַלגעמיינער טורמע. דאָרט וועל איך זיך טרעפן מיט נאָך אַזעלכע אומגליקלעכע ווי איך, אפשר מער באַהאַוונטע. דאָרטן וועל איך שוין קענען זען מיין ווייב און זון אויף די קורצע זעאונגען, וואָס מען באַקומט פון צייט צו צייט. איך האָב זיך שוין פיר חדשים מיט זיי נישט געזען.

אין מיין גרויסן אומגליק, האָב איך אויך געזען אַ גרויס גליק. מען האָט מיך געמשפּט איינעם אַליין. ווי גוט, וואָס עס האָט געפּלאַצט און באַנקראָטירט דער פּלאַן פון גרויסן פּאָליטישן פּראָצעס אַנטקעגן 28 יידן, לערער און סתם אינטעליגענץ, וואָס ער, ליסענקאָ, נאַזאַראָוו און צענדליקער אַנדערע אויספאָרשער און פּראָקוראָרן פון דער אייזנבאַן־מ.ג.ב., אין קיעוו האָבן געגרייט. איך דערמאָן זיך, ווען איך פּלעג אָנרופן אַ נאָמען פון אַ חבר און געבעטן אים אַרויסרופן אַלס עדות, פּלעגט ליסענקאָ מיר אָפּענטפערן: „ער איז פּונקט אַזוי אַנטי־סאָוויעטיש ווי איר און וועט צוזאַמען מיט אייך זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק”. צו וואָס דאַרף איך אים אַרויסרופן?

זיי, די חברים מיינע, זיי ווייסן זיכער נישט, וואָס האָט זיי געדראָט און וויפל ענערגיע איך האָב אַריינגעלייגט אין דעם, כדי זיי צו ראַטעווען, כדי נישט אַרויסצוכאַפּן זיך פאַרן אויספאָרשער מיט קיין וואָרט, וואָס קען זיי שאַדן ברענגען.

און וואָס וועט זיין מיט דעם אַלטן לערער־פּענסיאָנער באַראַך? צו מיין געריכט האָט מען אים געבראַכט פון דער טורמע. צי וועט מען אים

אויך משפטן און פאַרמשפּטן, ווי מיך ? ער איז, נעבעך, אַזוי קראַנק און בלינד. עס רייסט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אים, אויף זיין אומבאַהאָלפנקייט.

# די קאסאציע

נאָכן משפט האָט מען מיך ווידער אַוועקגעפירט אין מיין איינצעלנער קאַמער. ווידער אין דער אויספאַרשונגס־טורמע. פאַרוואָס ? איך וויל שוין מער נישט טראַכטן. איך וויל זיין צווישן מענטשן, נישט איינער אַליין. זיי נוצן זיכער אויס מיין נישט באַהאַוונטקייט און ווילן נישט, איך זאָל זיך טרעפן מיט אַזעלכע, וואָס קענען מיר אויפקלערן די אומרעכט. די טעג ציען זיך גאָר לאַנגזאַם, קיין ביכער צום לייענען באַקום איך מער נישט. שוין צייט אַ טראַכט טאָן וועגן שרייבן אַ קאַסאַציע קעגן דעם אומגערעכטן אורטייל. און אפשר דאַרף מען בכלל נישט שרייבן ? צי קען איך דען האָבן אויסזיכטן צו פסלען דעם אורטייל פון קיעווער קרייז־געריכט ? ווער וועט באַטראַכטן מיין קאַסאַציע ? די זעלבע ליסענקאָס, גלוטשענקאָס... אפשר וואָלט מיין פאַרטיידיקער בעסער אָנגעשריבן פון מיר, ער איז פאָרט אַן אַדוואָקאַט און ווייסט וואָס מען דאַרף אין אַ קאַסאַציע באַרירן. איך האָב אָבער מיט ברוגז אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאָג צו שרייבן א קאַסאַציע. איך מוז שוין אַליין שרייבן. ערגער פון ערגער קען שוין נישט זיין. דעם זעלבן טאָג האָב איך געפאָדערט פּאַפּיר, אַ פעדער און טינט, כדי צו שרייבן אַ קאַסאַציע. איך האָב עס באַקומען. פּאַפּיר האָט מען מיר געגעבן נאָר 2 גרעסערע זייטן, נישט מער. אמת, מען האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן נאָך פּאַפּיר, אויב איך וועל דאַרפן.

אין אָנהויב האָב איך געשריבן וועגן די אומרעכטלעכע האַנדלונגען פונעם אויספאָרשער.

„דריי טעג האָט מען מיך געהאַלטן אין דער אויספאָרשונגס־טורמע אַלס אַרעסטירטן, נישט האָבנדיק קיין שום געזעצלעכע רעכט דערצו. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט דער אויספאָרשער אַרויסבאַקומען אַן אָרדער

מיך צו אַרעסטירן. די אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן במשך פון אַ סך נעכט דורכאַנאַנד, בייטאָג האָט מען מיך אין דער אויספאָרשונגס־טורמע נישט געלאָזט שלאָפן, פלעג איך טאַקע אַ סך מעת־לעתן דורכאַנאַנד נישט שלאָפן. אַזוי אַרום איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן מיין פעיקייט צו רעאַגירן אויף אַ סך פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן מיר און זייענדיק אינגאַנצן מיד און דערשעפּט, פלעג איך אונטערשרייבן די פּראָטאָקאָלן, נישט לייענענדיק כמעט זייער אינהאַלט, מיינע באַווייזן און ענטפערס אויף די געגעבענע פראַגן פלעגט דער אויספאָרשער נישט פאַרשרייבן באַלד, נאָר ערשט אין עטלעכע שעה אַרום, רעדאַגירנדיק זיי ווי ער האָט אַליין געוואָלט, אין נישט גינסטיקן גייסט פאַר מיר. ווען איך פלעג בעטן דעם אויספאָרשער לאָזן מיר אַליין שרייבן מיינע ענטפערס אויף זיינע פראַגן, האָט ער מיר דערצו נישט דערלאָזט, טענהנדיק, אַז אַזוינס איז קעגן דער סאָוויעטישער אויספאָרשונגס־פּראָצעדור. צי איז אַזאַ האַנדלונג ריכטיק?

ערשט ביים סוף פון דער אויספאָרשונג, אין די ערשטע טעג פון מאַי, האָט ליסענקאָ מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אליין צו שרייבן מיינע דערקלערונגען, נאָר בתנאי, אז איך קען איבערחזרן די באַווייזן, וואָס איך האָב שוין אונטער־געשריבן, אָבער נישט זיי אָפּלייקענען.

קיין איין עדות פון די, וואָס קענען מיר ווירקלעך, מיינע חברים און גוטע באַקאַנטע, האָט דער אויספאָרשער נישט געוואָלט אַרויסרופן צו דער אויספאָרשונג, סיי צו די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. ער פלעגט זיי באַליידיקן, אָנרופן זיי „אַנטיסאָוויעטישע טיפּן", וואָס וועלן זיצן צוזאַמען מיט מיר אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. דאַקעגן האָט ער אַרויסגערופן אַלס עדות אַזעלכע מענטשן: ווי די ברידער שטיין, באַראַכן א. א., וועלכע זענען מיר נישט באַקאַנט געווען, זייערע נעמען האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אין דער אויספאָרשונג, אָט די דאָזיקע „עדות" זענען אים צוגעשטעלט געוואָרן דורך מיין שכן און פּערזע־נלעכן שונא גרופּין אראָן סאַמאָילאָוויטש. אויף זייערע באַווייזן, האָט ליסענקאָ געבויט די אַלע באַשולדיקונגען קעגן מיר, און די פּאָזיטיווע באַווייזן אויף מיר מצד די צענדליקער עדות, לערער, מיינע מיטאַרבעטער האָט ער כמעט נישט פאַרשריבן אָדער אינגאַנצן נישט געלייגט אויף זיי קיין אַכט, למשל,

די באַשולדיקונג, אַז איך זאָל האָבן זיך אויסגעדריקט פאַר מיינע שילער, אַז אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו איז כלומרשט נישט ריכטיק געקרוינט געוואָרן פאַר זיינע העלדנטאַטן אַלס העלד פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָבן אַלע עדות לערער און אויך די שילער פולשטענדיק אָפּגעלייקנט, דאָך איז די באַשולדיקונג פאַרבליבן אין דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מיר.

פאַרן אונטערשרייבן די „דוווכסאַטקע" בעתן באַקענען זיך מיט די אויספאָרשונגס־מאַטעריאַלן, האָט ליסענקאָ מיר דערלויבט צו מאַכן פאַר זיך באַמערקונגען. וויפל אומפּינקטלעכקייטן, פעלשונגען און סתירות האָב איך געזען און זיך געמאַכט די געהעריקע באַמערקונגען. דער אויספאָרשער האָט זיי ביי מיר צוגענומען און צוגעזאָגט זיי איבערשיקן פאַר מיר צו די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. ווען ער האָט זיך אָבער מיט זיי באַקענט און געזען אַז זיי קאָנען מיר דינען אים צו אָפּלייקענען און צו באַווייזן די פאַלשקייט פון אייניקע עדות און אפילו פון די יסודות, אויף וועלכע ער האָט געבויט זיינע באַשולדיקונגען — האָט ער זיי פאַרניכטעט, איך זאָל זיך נישט קאָנען מיט זיי באַנוצן. ווען איך האָב אין געריכט געפאָדערט די באַמערקונגען, האָט דער ריכטער גלוטשענקאָ זיי נישט געפונען.

איך האָב אויסגערעכנט אַלע עוולות וואָס זענען קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן דורכן אויספאָרשער און געריכט, אָפּגעשלאָגן אַלע באַווייזן און געבעטן זיך ערנסט פאַנאַנדערקלייבן אין אַלעמען, וואָס איך האָב דערמאָנט, אויך אין אַנדערע מאָמענטן, וועלכע האָבן כלומרשט געגעבן דעם קיעווער קרייז־געריכט רעכט אַריבערצושטייגן די מאָס פון 5 יאָר און פאַרמשפּטן מיר אויף 10 יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעט־לאַגער, מיט פאַרלירן די בירגער־רעכט אויף 3 יאָר און קאָנפיסקאַציע פון מיין פאַרמעגן.

די קאַסאַציע האָט פאַרנומען גאַנצע 18 גרויסע בויגן פּאַפּיר. במשך פון 4 טעג האָב איך זי געשריבן. צי וועט זי מיר נוצן ברענגען? איך האָב אפילו נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם. דאָך האָב איך זיי עטלעכע מאָל איבערגעלייענט מיט ווירדע און שטאָלץ און ערגעץ ווו האָט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז דער אמת מוז זיגן...

# מען משפט באראכן

איך האָב שוין איבערגעגעבן מיין קאַסאַציע אויפן אורטייל פונעם קיעווער קרייז־געריכט. שוין פופצן טעג אַריבער נאָכן געריכט און מען האַלט מיך נאָך אַלץ אין דער אויספאָרשונגס־טורמע, איינער אַליין אין אַ קאַמער. איך בין זיכער, אַז עס איז נאָך איינע אין דער ריי פון די אומגערעכטיקייטן לגבי מיר.

איך האָב געפאָדערט דעם פּראָקוראָר עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און ער איז נישט געקומען. איך האָב געפאָדערט פּאַפּיר און טינט, כדי צו שרייבן אַן אָנקלאַגע אויף זייער אומגעזעצלעכער האַנדלונג — האָט מען מיר נישט געגעבן. נאָר דער טורמע־נאַטשאַלניק, וועלכער האָט אין דער פראַגע כמעט קיין דעה נישט געהאַט, איז צו מיר אַריינגעקומען אין קאַמער מיך באַרואיקן.

— וואָס גייט אייך אָן, ווו איר קומט אָפּ אייער שטראָף, האָט ער געטענהט אין אַ רואיקן, פריידלעכן טאָן. עסן דערלאַנגט מען אייך, ביכער האָב איך פאַר אייך באַקומען אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק, שפּאַצירן קאָנט איר אַ האַלבע שעה יעדן טאָג, אפילו זיך אָפּברענען אויף דער זון. מעגלעך, אַז זיי וועלן אייך דאַרפן וועגן אייער קאַסאַציע, האַלט מען אייך דאָ. איר האָט געהאַט געדולד אַזויפיל צייט, וואַרט צו נאָך אַביסל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן פון קאַמער און אָוועקגעפירט מיט דער „שוואַרצער קראָ״. מיינע זאַכן האָבן זיי נישט געהייסן מיטנעמען מיט זיך. איך האָב זיך געטראַכט, אַז מען פירט מיך מנסתם אין געריכט וועגן מיין קאַסאַציע. מען האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן דריטן שטאָק און געהייסן זיצן אין דעם זעלבן פאָדער־צימער, ווו כ׳האָב געשמועסט מיט מיין אַדוואָקאַט.

דאָס האַרץ מיינס האָט געקלאַפּט שטאַרקער. פּלוצלינג זענען אַלע געדאַנקען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ גלעקל־קלונג, וואָס האָט זיך דערהערט פון געריכט־זאַל. מען האָט מיך אַריינגעפירט.

אַלץ האָט אויסגעזען ווי אויפן פאַריקן פּראָצעס. צווישן צוויי בייע בייזיצער, אַ מאַן און אַ פרוי איז געזעסן דער הויפּט־ריכטער גלוטשענקאָ,

אַט דער זעלבער, וואָס האָט מיך פאַרמשפּט. דער פּראָקוראָר און דער פאַרטיידיקער זענען געווען אַנדערע. אויף דער באַשולדיקונגס־שטול איז געזעסן דער אַלטער לערער פּענסיאָנער — באַראַך. זיין אויסגעדאַרטער קליינער גוף האָט פאַרנומען נאָר אַ טייל פון דער שטול, דער קאָפּ אַ גלאַטער אָן האָר איז געווען אַראָפּגעלאָזט. מיך האָט מען אַוועקגעפירט צו דער באַנק פאַר די עדות.

— נו — האָט זיך מיט אַ שמייכעלע געווענדט צו מיר דער פאַרזיצער — איצט האָבן זיך אייערע ראָלן געביטן. איצט קאָנט איר, אַלס עדות, אָפּרעדן זיך דאָס האַרץ אויף באַראַכן, וואָס ער פאַרדינט.

נאָך אַ קלענערער פּויזע האָט ער צוגעגעבן:

„נאָר דעם אמת זאָלט איר זאָגן, כאָטש קיין שבועה נעם איך ביי אייך נישט..."

אין געדאַנק איז אַדורך דער געדאַנק: „על דאטפט אטפוך" (דו האָסט דערטרינקען — וועל איך דיך דערטרינקען")... דאָס וויל ער, דער פאַרזיצער פון געריכט. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף דעם אומגליקלעכן אַלטן חרובן מענטשן, וואָס איז אַזוי נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, ווי ער וואָלט געדרימעלט און ביי זיך באַשלאָסן: נישט דערלעבן וועסטו דאָס, גלוסטשענקאָ, איך זאָל פאַרשיטן אַ יידן... איך האָב זיך דערמאָנט ווי באַראַך האָט זיך אַזוי ביטער צעוויינט אויף מיין משפּט. איך האָב אויסגערופן:

— ער איז אַלט און בלינד. דערפאַר האָט מען אים אויסגענוצט אַלס געווער, מיט וועלכן מען געוואָלט מיך טרעפן. צי באַשולדיקט דען עמעצער דעם האַרמאַט, מיט וועלכן מען שיסט?

דער פאַרזיצער האָט מיר איבערגעהאַקט די רייד: — איר דערציילט נאָר פאַקטן. איר זענט נאָר אַן עדות, נישט קיין פאַרטיידיקער.

— פאַקטן? — האָב איך פאַרגעזעצט — אין דעם טאָג, ווען די גאַנצע סאָוויעטישע פּרעסע האָט געמאָלדן וועגן אַרעסט פון די פּראָפעסאָרן אין קרעמל פאַר דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט זייערער, איז באַראַך צוזאַמען מיט גרופּינען אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב אַריין. — נישט אמת, האָט ער געזאָגט, ס'איז אוממעגלעך, אַז אַזעלכע גרויסע, באַגאַבטע מענטשן זאָלן

זיין פאַרקויפטע שפּיאָנען. נאָר אַנטיסעמיטן קענען אַזוינס אויסטראַכטן אויף יידישע געלערנטע. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז די אָוונט־צייטונג „וויעטשערני קיעוו" העצט די נישט־יידישע אוקראַינישע באַפעלקערונג קעגן יידן, מיט דעם וואָס זי דרוקט אומאויפהערלעך אַרטיקלען און אפילו פאָטאָגראַפיעס פון יידן, וואָס ווערן געשטעמפּלט אַלס ספּעקולאַנטן, אומזיסטע פרעסערס און סתם פאַרברעכערס. דאָס וואָס די צייטונג רופט נאָר אָן יידישע נעמען איז געווען ס'זאָל טרעפן אין פּינטעלע ייד...

דער פּראָקוראָר האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע:

— צי דערמאָנט איר זיך אין דעם וואָס דער באַשולדיקטער האָט אייך דערציילט, אַז די ראַטנמאַכט זאָל זיך האָבן געווענדט צו קאַרל מאַרקס אייניקל, ער זאָל דערלויבן אַריבערפירן דעם גוף פון זיין גרויסן זיידן קיין ראַטנפאַרבאַנד און באַקומען פון אים אַן אָפּזאָג: „איך וויל נישט, זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז מיין זיידנס ביינער זאָלן רוען אין אַ באַרבאַריש לאַנד".

— ניין! אין מיין אַנוועזנהייט האָט ער אַזעלכעס נישט דערציילט.

דער פאַרטיידיקער האָט אויך געשטעלט אַ פראַגע:

— וואָס ווייסט איר וועגן די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע באַראַך האָט געלעבט?

— וועגן דעם ווייס איך ווייניק. איך דערמאָן זיך נאָר: איינמאָל בין איך געווען ביי אים אין שטוב, אַ נידעריק שטעלעכל, אויף דער העלפט געזונקען אין דער ערד. אַריינגייענדיק האָב איך זיך געמוזט איינבייגן, כדי נישט צו צעקלאַפּן זיך דעם קאָפּ. אויפגענומען האָט מיך זיין ווייב, וועלכע איז געווען אַ בלינדע, ווייל זי האָט פאַרויסגעשיקט פאַר זיך די הענט, כדי צו אָנטאַפּן פאַר זיך דעם וועג. ער, באַראַך, איז דאַן אין שטוב נישט געווען. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מענטשן קענען אין קיעוו וווינען אין אַזעלכע שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען... מיין ווייב האָט מיר איינמאָל דערציילט, אַז דער אַלטער ייד איז איינמאָל צו איר געקומען און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז זי זאָל אים באָרגן 50 רובל. ער האָט נישט פון וואָס צו לעבן. נאָכן ערשטן וועט ער באַקומען זיין פּענסיע, וועט ער איר אָפּגעבן. זי האָט אים געגעבן, נישט פרעגנדיק אפילו

ווי ער הייסט און ווו ער וווינט. נאָכן ערשטן האָט ער אין אָוונט אָפּגעבראַכט דעם חוב.

דער פּאָרזיצער פון געריכט האָט מיר געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק פאַר די עדות. ער האָט מיר אַזוי אַרום דערמעגלעכט אויסצוהערן די רעדעס פון דעם פּראָקוראָר און פונעם פאַרטיידיקער. דעם פאַרטיידיקער האָט אַרויסגעשטעלט דאָס געריכט.

דער פּראָקוראָר האָט גערעדט, וועגן דעם, אַז ער, באַראַך, איז געווען במשך פון 25 יאָר אַ לערער פון סאָוויעטישע קינדער. זייענדיק אַליין אַנטי־סאָוויעטיש און נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, האָט ער זיכער געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף די יונגע מוחות. במשך פון לאַנגע יאָרן פלעגט ער פירן אַן אַנטי־סאָוויעטישע, נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע ביי יעדער געלעגנהייט און אין יעדער סביבה. ער פלעגט דערנידעריקן דעם ווערט פון אונדזער פירער און אָפּשפּאָטן פון אונדזער סאָוויעטישער פּרעסע. ווי געווייינלעך, איז ער, באַראַך, אַן אָנהענגער פון אַלץ וואָס שטאַמט פון אויסלאַנד.

די רעדע פון פאַרטיידיקער איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ מער שאַרפערן טאָן, ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט איבערשטייגן דעם פּראָקוראָר.

— אין דער צייט, ווען אונדזער מלוכה, אונדזער סאָוויעטישע אָרדענונג, די סאָוויעטישע קולטור, עקאָנאָמיק און טעכניק דערגרייכן די העכסטע שטאַפּלען, קומען זיך צונויף דריי יידן, אַלע מיט העכערער בילדונג, און פירן צווישן זיך אַנטי־סאָוויעטישע געשפּרעכן, פּלאַפּלען און טראָגן רכילותן אויף אונדזערע פירער, אויף אונדזער פּרעסע און אויף אונדזער קעגנוואַרט. איינער פון די דריי האָט שוין זיין גערעכטע שטראָף באַקומען. וואָס שייך מיין קליענט, באַראַכן, האַלט איך, אַז ער איז אַמווייניקסטנס פון אַלע שולדיק, ערשטנס איז ער אַן אַלטער, קראַנקער מענטש, כמעט אַ בלינדער. אַלע זיינע יאָרן האָט ער געאַרבעט אַלס לערער אין דאָרף, ביז פינצטערע עלעמענטן האָבן אים צעשלאָגן און שיער אים אינגאַנצן נישט דערשלאָגן, דאַן איז ער קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין. דאָ האָט ער געלעבט אין גאָר שלעכטע וווינונגס־באַדינגונגען און איז געווען דעריבער פאַרביטערט. דאָ האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן דורך אַנדערע, זייענדיק

אַליין אַ מענטש מיט אַ שוואַכער נאַטור, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון שמוציקן חדר און פון דער פאַנאַטישער ישיבה. איך בעט דעם הויכן געריכט, אים צו מילדערן זיין שטראָף.

מיט אַ שוואַך קול האָט באַראַך געבעטן דעם געריכט אים צו באַפרייען, ווייל ער איז אַלט און קראַנק. ער וויל נאָך פאַרן טויט זען מיט דער קליינער שיין פון זיינע אויגן זיין איינציקן זון, צוליב וועמען ער לעבט בכלל אויף דער ערד. ער בעט רחמנות האָבן אויף זיין אַלטער, בלינדער פרוי, וואָס וועט צוליב אים שטאַרבן פאַר דער צייט. ער האָט חרטה אויף אַלץ וואָס ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט און פאַרזיכערט מער אַזעלכעס נישט צו טאָן.

נאָך איידער דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, האָט מען מיך שוין אַוועקגעפירט אין טורמע און דעם זעלבן טאָג האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער גרויסער טורמע אויף לוקיאַנאָווקע...

## דריטער טייל:

# אין לוקיאַנאַווקער טורמע

# אין לוקיאנאווקער טורמע

„ער איז שוין פון לאַנג אויף לוקיאַנאָווקע"... „מען האָט אים שוין אָוועקגעפירט אויף לוקיאַנאָווקע" — אַזעלכע אויסדרוקן פון מענטשן איז מיר אויסגעקומען צו הערן, וווינענדיק אין קיעוו. איך האָב געוווסט, אַז אויף לוקיאַנאָווקע, דעם ווייטסטן ראַיאָן פון דער שטאָט קיעוו, איז פאַראַן אַן אַלטער יידישער בית עולם. און נאָר אין דעם זין האָב איך פריער פאַרשטאַנען די אויבנדערמאָנטע ווערטער.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווסט, אַז אויף לוקיאַנאָווקע איז אויך פאַראַן אַ גרויסע טורמע, און טאַקע צוויי גרויסע טורמעס, וואָס אוקראַיִנע האָט באַקומען בירושה נאָך פון דער רוסישער קעניגין יעקאַטערינע דער גרויסער. ס'האָבן זיך נאָר געביטן די קאָנטינגענטן פון די, וואָס האָבן באַוווינט אָט די אַנצאָליקע קאַמערן מיט די מאַסיווע קרעפּטיקע ווענט און וועגן ס'פּלעגט זיי אהין אַריינזעצן און שטרענג אָפּהיטן... ווען מען זאָל קענען צוזאַמענגעמען די קרעכצן, וואָס טויזנטער אומגליקלעכע האָבן אַרויסגעלאָזט במשך פון יאָרהונדערטער אונטער די הויכע שטיינערנע ווענט, וואָלט זיך באַקומען אַ הילכיקער דונער, פון די טרערן, וואָס זענען דאָרט און אַרום די ווענט פאַרגאָסן געוואָרן — אַ גרויסער געזאַלצענער אָקעאַן און פונעם בלוט, וואָס איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן — אַ רויטער קלעפּיקער ים...

געפירט האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון דער אויספאָרשונג־טורמע אויף פראַנקאָ נומער 19. ער איז געזעסן צוזאַמען מיטן שאָפער און מיך האָבן אָפּגעהיט צוויי וועכטער מיט ביקסן אין די הענט. דאָס האַרץ איז געווען אומרואיק, דאָס פּנים פאַרשוויצט פון דער גרויסער יולי־היץ, דאָך האָב איך געפּרוווט זיך טרייסטן, אַז דאָ וועט בעסער זיין. דאָ וועל איך שוין נישט

זיין איינער אַליין און אפשר... אפשר וועל איך דאָ אַמאָל קאָנען זיך זען מיט מיין ווייב, מיט מיין זון.

קומענדיק אויפן אָרט, האָט דער אויטאָ זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויכן אייזערנעם טויער, דער נאַטשאַלניק האָט אָנגעקלונגען. דורך אַ קליין פענצטערל האָט מען ביי אים צוגענומען די געברענגטע פּאַפּירן און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מיך איבערגעגעבן מיינע נייע באַלעבאַטים.

„פּראָשטשאַיטע״ — האָט ער צו מיר אַ געשריי געטאָן, אָפּפאָרנדיק שנעל פונעם אָרט, ווען די מאַסיווע אייזערנע טויערן האָבן זיך פאַרמאַכט הינטער מיר.

דערווייל האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסער קאַמער, אַן אַלגעמיינער, אויפן ערשטן שטאָק. אין קאַמער האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק מענער. אייניקע זענען געלעגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אייניקע האָבן אַרומשפּאַצירט פון וואַנט צו וואַנט, אומרואיקע, דענערווירטע.ביים עפענען די טיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט און געווענדעט זייערע בליקן צום ניי־אַריינגעקומענעם. אייניקע האָבן אים באַלד אָפּגעמאָסטן: ווער איז ער, אָט דער נייער קרבן: צי איז ער אַ פּאָליטישער, אָדער גאָר פשוט אַ גנב, ספּעקולאַנט? אייניקע האָט אינטערעסירט, וואָס האָט דער נייער מיט זיך מיטגעבראַכט, צי וואָלט מען געקאָנט פון אים עפּעס נאַשן: אַ פּאַפּיראָס, אַ פּאָר שטיקלעך צוקער, ווורשט אָדער אפילו ברויט.

איינער האָט זיך אָפּגערוקט פון זיין אָרט, געמאַכט פאַר מיר אַן אָרט אויף דער פּאָדלאָגע און אַן ווערטער האָט ער ווי גערעדט צו מיר: — זעץ זיך דאָ נעבן מיר, איך וועל דיר נישט לאָזן באַוואוהלען דורך אָט די אָ, וואָס לאָקערן אויף אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט.

איך האָב אַוועקגעלייגט מיין פוטער, מיין זעקל. עס זענען נאָך פאַרבליבן אייניקע פון די מאכלים, וואָס מיין ווייב האָט נאָך פרייטיק געבראַכט. איך בין נאָך אַלץ געווען אָנגעטאָן אין מיין שוואַרצן אַנצוג, וועלכער איז נאָך געווען פריש „געפּרעסט״, פונעם נעכטיקן טאָג, ווען איך בין אַרויסגעטראָטן אַלס עדות אויף באַראַכס פּראָצעס.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אין דער אַרומיקער האַלב־פינצטערניש דערזען זענען געווען אויגן, ברענענדיקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט פונקען

פון האַס און כעס; אויגן, וואָס קאָנען שרעקן מיט זייער חוצפּהדיקן בליק אפילו עלטערע מענטשן; אויגן פאַרנעפּלטע, אומעטיקע, וואָס דערציילן וועגן אַ סך פּיין; אויגן גלייכגילטיקע פון מענטשן, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל, אויגן טרערנדיקע, וואָס קלאָגן נאָך אַלץ אויף זייער פינצטערן גורל...

אַ בחור פון אַ יאָר 25 מיט אַזעלכע פייערדיקע שוואַרצע אויגן, מיט אַ מויל וואָס הערט נישט אויף נערוועז צו שפּייען און מיט שנעלע נערוועזע באַוועגונגען איז באַלד צוגעקומען צו מיר. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שטרויענע ווייסע שליאַפּע, ער איז געווען נאַקעט, אָן אַ העמד, נאָר שאַרע הויזן האָבן קוים געהאַלטן זיך אויף זיינע לענדן... איך האָב באַמערקט, ווי דער ברוסט־קאַסטן איז ביי אים צעשניטן אין פּאַסן, די ווונדן אויף זיי זענען נאָך נישט פאַרהיילט.

— איך בין נאָך אַ הונגער־שטרייק. גיב מיר, פּאַפּאַשע, עפּעס צו עסן!

ער האָט מער געפּאַדערט ווי געבעטן. איך האָב אַרויסגענומען אַ שטיק ווורשט, עטלעכע שטיקלעך צוקער און אַ קיכל און אים געגעבן.

— און פּאַפּיראָסן — האָט ער געפּאָדערט.

— איך רויכער נישט.

— ווריאָש! דו ליגסט — האָט ער גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער שכן מיינער:

— גיי, וואַניע, דער פּאַפּאַשע רויכערט נישט.

ער איז אַוועק.

מיין שכן האָט מיר דערציילט, אַז דער דאָזיקער האָט זיך מיט אַ ראַזיר־מעסערל געמאַכט „כאַראַקירי", זיך צעשניטן די ברוסט און נאָך צוגעשיט די ווונדן מיט דע. דע. טע. — דעם פּראָשעק קעגן וואַנצן, כדי צו פאַרגיפטן דאָס בלוט. מען האָט אים אָבער אָפּגעראַטעוועט. ער זיצט שוין נישט צום ערשטן מאָל.

— פאַרוואָס־זשע טוט ער עס? — האָב איך נאַיוו געפרעגט.

— ער וויל, מען זאָל אים אַריינזעצן אין קאַמער מיט זייניקע חברים. אַהין ברענגט מען פון דער פריי פּאַפּיראָסן און אַנדערע גוטע זאַכן.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָ פאַר אַ קאַמער? צי לאַנג

וועט מען מיך דאָ האַלטן ? — האָב איך זיך נאָכגעפרעגט מיט נייגער.

— ניין, — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט — איר זענט געוויס אַ פּאָליטישער, וועט מען אייך אַריבערפירן צו די פּאָליטישע. דאָרטן באַטראַכט מען איצטער אייער „דיעלאָ”, כדי צו וויסן, ווו אייך צו זעצן.

אויף דער ערד אין אַ ווינקל האָב איך באַמערקט זיצן דריי, וואָס האָבן געשפּילט אין קאָרטן. ביי איינעם פון זיי האָט דאָס מויל נישט גערוט, ער האָט געשאָלטן מיט משונהדיקע קללות, וועלכע כ'האָב אויף מיין לעבן נישט געהערט. יעדעס מאָל האָבן צוויי פאַרשפּילט, האָבן זיי זיך צוגעקלעפּט מיט שפּייעכץ אַ פּאַפּירל אויפן פּנים. איינער פון זיי האָט שוין, ווייזט אויס, אַ סך מאָל פאַרשפּילט, ווייל זיין שטערן, די באַקן, די באָרד — אַלץ איז געווען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּירלעך...

נישט ווייט פון מיר איז געזעסן איינער אַן עלטערער מענטש, אַ פּויער מיט אַ געלער קאַלטענוואַטער באָרד און אַ סך קלייען אויפן פּנים. ער איז געזעסן שטיל אויף דער פּאָדלאָגע און אַרומגענישטערט אין די לייסטן פון זיין העמד. יעדעס מאָל ווען ער האָט געפונען אַ לעבעדיק באַשעפעניש, פלעגט ער מיט גרויס הנאה אים דערקוועטשן מיט די נעגל פון זיינע גראָבע פינגער. נישט ווייט פון אים איז געזעסן אַ צווייטער און געהאַלטן אין איין קייען פאַרטרוקנטע סוכאַרעס.

אויף אַן אַנדער אָרט, האָט, ווייזט אויס, איינער דערציילט אַ געזאַלצענע געשיכטע, וואָס האָט שטאַרק פאַסמאַקעוועט זיינע צוהערער. זיי האָבן געשמאַק געלאַכט אויף אַ קול.

איך האָב מכבד געווען מיינע נאָענטסטע שכנים מיט וווּרשט, און מיט קיכלעך.

„וואַרף דיין ברויט אויפן וואַסער” — איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער פּסוק. גוטע שכנים קענען צונוצקומען דאָ, אין אַזאַ סביבה — האָב איך געטראַכט.

צום גליק האָט מען מיך אין דער קאַמער לאַנג נישט געהאַלטן. פאַרנאַכט־צו האָט מען מיך אַרויסגערופן, געפירט זיך באָדן און שפּעטער האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ קאַמער, אויפן דריטן שטאָק, אין אַ קאַמער פאַר פּאָליטישע...

# דער ערשטער אוונט

אַן עלטערער טורמע־וועכטער האָט מיך אַריינגעפירט אויפן דריטן שטאָק. אין אַ ברייטן לאַנגן קאָרידאָר האָבן זיך געצויגן טירן פוןביידע זייטן. אין יעדער טיר איז געווען אַ פענצטערל. איצט זענען זיי אַלע געווען פאַרמאַכט. פון אינעווייניק האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען, וואָס האָבן טעמפּ אָפּגעהילכט אין דער אַרומיקער שטילקייט. ביי דער טיר מיטן נומער 110 האָט דער וועכטער זיך אָפּגעשטעלט: אַ נייע „צען" קומט מיר אַנטקעגן אין מיין לעבנס־גאַנג, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ביז ווען וועט מיך פאַרפאָלגן די „צען"? פון דער קאַמער האָט זיך נישט דערטראָגן קיין שום קלאַנג.

די טיר האָט דער וועכטער געעפנט מיט זיין גרויסן שליסל און מיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק. נישט זאָגנדיק קיין איין וואָרט, האָט ער באַלד נאָך מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און זי פאַרשלאָסן.

אין דער האַלב־פינצטערניש האָב איך דערזען: אין דער טיף זענען געשטאַנען צוויי־שטאָקיקע אייזערנע בעטן. פון פאָרנט, נאָענט צו דער טיר, ביי אַ לאַנגן טיש, זענען געזעסן אויף צוויי לענגערע בענק מענער פון פאַרשידענעם עלטער. זיי זענען געווען פאַרטאָן, פאַרטראַכט און כמעט נישט באַמערקט מיין אַריינקום. דאָס קומען פון נייע איז, ווייזט אויס, ביי זיי אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג, וואָס וועקט שוין נישט ביי זיי קיין אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. דערצו זענען זיי געווען פאַרנומען מיט גאָר אַן אינטערעסאַנטער לעקציע פון פיזיק, וואָס עס האָט געלייענט איינער פון זייערע געלערנטע חברים. איך האָב אָוועקגעלייגט ביי דער זייט מיין פוטער און מיין זעקל און צוגעגאַנגען שטיל, אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, נענטער צום טיש. געלענט די לעקציע האָט איינער אין עלטער פון אַרום 40 יאָר. אַ לענגלעך פנים מיט פאַרחלומטע אויגן. אין ביידע זייטן

פון זיין שווארצן, נידעריק געשוירענעם קאָפּ האָבן זיך דורכגעפלאָכטן ווייסע פּאַסן פון גרויע האָר. ער האָט גערעדט שטיל און דערביי אָנגעוויזן אויף די ליניעס, וואָס זענען געצויגן געוואָרן דורך ווייסע פעדעם אויפן ברוינעם, ריין אָפּגעוואַשענעם טיש. ער האָט גערעדט וועגן דער עלעקטרישער קייט: „דאָס באַוועגן זיך פון עלעקטרישן שטראָם קען מען פאַרגלייכן מיט דער באַוועגונג פון די וואַסערן איבער די רערן פון דער וואַסער־לייטונג"...

לויט די פּנימער פון אַ סך פון די צוהערער, וואָס האָבן נישט געהאַט די געהעריקע צוגרייטונג, האָב איך געזען, אַז זיי פאַרשטייען נישט אַזוי גוט, וואָס זיי הערן, דאָך האָבן זיי אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט. דערביי האָבן זייערע בליקן נאָכגעטאַנצט די פינגער פון דעם פּרעלעגענט, וואָס האָט אַזוי קונציק מאַניפּולירט מיט זיינע פינגער איבער די פעדעם, וואָס האָבן געדינט אָנשטאָט צייכענונגען אויפן טאָוול. אייניקע זענען אפילו נישט צוגעגאַנגען צום טיש, נאָר אויסגעצויגן זיך אויף זייערע געלעגערס, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט, אויפכאַפּנדיק פון דער וויטנס פון צייט צו צייט אייניקע איינצלנע ווערטער.

איך בין, ווייזט אויס, אָנגעקומען שוין ביים סוף פון דער לעקציע. ווי עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אויפגעפּראַלטע טירן, האָט דער לעקטאָר באַמיט זיך שנעלער צו פאַרענדיקן. באַלד האָט זיך אויך געעפנט די טיר פון אונדזער קאַמער און מען האָט אריינגעבראַכט אַ גרויסן טאָפּ מיט הייסער זופּ. יעדן איינעם האָט מען אָנגעפילט מיט אַ גרויסן מאָס־לעפל דאָס שיסעלע מיט זופּ. אויך מיר האָט עמעצער דערלאַנגט אַ שיסעלע. איך האָב באַקומען אַ שווערן בלייענעם לעפל. די זופּ איז געווען אַ שיטערע פון הירזש. כמעט ביי יעדן האָב איך געזען ליגן פאַר זיך עטלעכע העלפטן פון פּאָמידאָרן און אוגערקעס. זייענדיק הונגעריק, האָב איך געגעסן די זופּ מיט אַפּעטיט. קיין ברויט האָב איך נישט געהאַט, האָב איך צוגעביסן מיט זיסע קיכלעך, וואָס מיין וויב האָט מיר געבראַכט. איינער, אַן עלטערער פון אַ יאָר 50 האָט צווישן איין לעפל זופּ און אנדערן מיך אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג זענט איר שוין פון דער פריי?

— שוין כמעט 5 חדשים — האָב איך געענטפערט — איך בין אַ קיעווער און פאַרמשפּט בין איך לויט 10־54 אויף 10 יאָר.

— נאָר צען? — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ פול מויל אַ צווייטער אַ יונגערער. — דאָס איז דאָך אַ קינדערשער „סראַק״. דאָ זענען מיר אַלע פיר און פופציקער און צענער דערצו.

— היינטיקע נאַכט וועט איר שלאָפן אויפן צווייטן שטאָק, אָט די דריי בעטלעך זענען פריי, האָט פאַרגעזעצט דער עלטערער, מאָרגן וועלן מיר עפּעס פּרוּוון באַקלערן. „דער פרימאָרגן איז קלוגער פונעם אָוונט״ האָט ער צוגעגעבן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָט דער איז דער עלצטער, דער סטאַראָסטע פון דער קאַמער, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן דעמאָ־קראַטישן אופן דורך אַלע און ער האָט אַזוי אַרום באַקומען זייער צוטרוי.

נאָכן בידנעם אָוונט־ברויט האָבן אייניקע פאַרצויגן אַ גראָבע טונקעלע קאָלדרע איבערן טיש און אַוועקגעזעצט זיך שפּילן אין „דאָמינאָ״. יעדן מאָל פלעגט אַן אַנדערערביים אַוועקלייגן דעם שטיין פריער אַ קלאַפּ טאָן מיט אים אין טיש. די גראָבע קאָלדרע האָט פאַרקלענערט דעם גערויש פונעם קלאַפּ.

— אויב איר זענט מיד, קענט איר זיך שוין צולייגן אויף אייער בעטל — האָט ווייטער זיך געווענדעט צו מיר דער עלצטער.

ווייזט אויס, האָב איך געטראַכט, אַז דאָ מעג מען שוין ליגן אויפן בעטל ווען מען וויל, נישט אַזוי ווי אין דער אויספאָרשונגס־טורמע. בכלל האָב איך זיך דערפילט גאָר אַנדערש, ווי דאָרטן. איך בין שוין נישט איינער אַליין אין אַ קאַמער.

איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן צווייטן שטאָק. מיין בעט איז געווען פאַרבעט. אַ קישעלע אויף אַ ליילעך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דעם שעניק, אָנגעפּולט מיט שטרוי און אַ טונקל ברוינע קאָלדרע איז געלעגן פון אויבן. איך האָב געטראַכט וועגן מיין ווייב און זון. מאָרגן וועל איך זיך דערוויסן ווען מען גיט דאָ „זעאונגען״ אפשר וועל איך אויך באַקומען.

— „פּראָווירקאַ״! — האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן.

אַלע, וואָס זענען געלעגן, זענען אַראָפּ פון די געלעגערס. איך האָב זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן און אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער. אין אַ מינוט אַרום זענען מיר אַלע געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. די טיר האָט זיך געעפנט און דריי פון די טורמע־אָנגעשטעלטע זענען אַריין, איינער

אַן אָפּיציר און צוויי גערוויינלעכע שומרים.

אונדזער עלצטער האָט ראַפּאָרטירט: „אין דער קאַמער 110 זענען פאַראַן 27פאַרמישפּטע, צווישן זיי איינער אַ נייער. קיין קראַנקע זענען נישט פאַראַן". דער אָפּיציר האָט עפּעס פאַרצייכנט מיט אַ בלייפעדער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען אַלעמען צו צוויי געפירט אין בית שימוש. קיין „פּאַראַשע" איז אין דער קאַמער נישט געווען.

דעריבער איז אין קאַמער געווען אַ בעסערער ריח. דאָס פענצטער מיט די אייזערנע קראַטן איז געווען די גאַנצע צייט אָפן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. ערגעץ־ווו האָט געשיינט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. נאָר די לויפנדיקע שיין פון פּראָזשעקטאָר, וואָס איז געשטאַנען אויף איינער פון די „ווישקעס" האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אויף אַ סעקונדע זיין העלע נישטערנדיקע שיין...

## נישט איינער אליין

די שיין פון דער אויפגייענדיקער זון האָט מיר אויפגעוועקט פון שלאָף. עס איז נאָך געווען גאָר פרי. פון דרויסן האָט געבלאָזן דורכן אָפענעם פענצטער אַ קיל ווינטל, זענען טאַקע כמעט אַלע געווען צוגעדעקט מיט דער גראָבער האַלב־ווינטערדיקער קאָלדרע. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ כראַפּען. עס האָט אָבער, ווייזט אויס, קיינעם נישט געשטערט. אייניקע זענען געווען איינגאַנצן איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן פּנים, כדי די פליגן און די קאָמאַרן, וואָס קומען בייטאָג צוגאַסט דורכן פענצטער, זאָלן זיי נישט בייסן. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איז נישט געשלאָפן, געלעגן און געטראַכט.

מיין טראַכטן האָט פּלוצים איבערגעריסן אַ הויכער קלאַנג פון אַ גאָנג. אַלע זענען מיטאַמאָל אַראָפּ פון זייערע געלעגערס. דעם ערשטן בליק מיינעם האָב איך געוואָרפן אויף דעם נעכטיקן פּרעלעגענט, איך האָב אים באַגריסט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ. ער האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ מילדן

שמייכל אין די אויגן. אַזוי אַרום האָבן מיר געשלאָסן אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט.

זייענדיק אין מיין איינצעלנער קאַמער, פלעג איך אַלע פרימאָרגן אַדורכפירן באַלד נאָכן אויפשטיין מיינע גימנאַסטישע איבונגען. דאָ האָב איך געוואָרט און געמיינט, אַפשר ווערט דאָ אינדערפרי אַדורכגעפירט אַלגעמיינע גימנאַסטיק. ניין, איך האָב באַמערקט, אַז נאָר איינצלנע פירן אינדיווידועל אַדורך עטלעכע פשוטע איבונגען, האָב איך דאַן נאָכגעפאָלגט זייער ביישפיל. ווי נאָר עס האָט זיך געעפנט די טיר, האָבן אָנגעהויבן אַלע צו צוויי לויפן אין בית השימוש. ערשט דאָרט האָט זיך געשאַפן אַ ריי, איבערהויפּט צו דעם ברעט, וואָס איז אַביסל העכער געווען פון דער פּאָדלאָגע און אויף איר זענען נישט מער ווי אַכט לעכער געווען. דאָס שטיין אין דער ריי איז געווען זייער פיינלעך, ערשטנס ווייל די ריחות פון אַרום און צווייטנס ווייל פונקט דאַן פלעגן זיך ביי דיר די קישקעס צעבונטעווען און עס איז דיר שווער געווען זיך איינצוהאַלטן... דערפאַר איז פאַר די, וואָס זענען געווען פון די ערשטע נישט אָנגענעם געווען צו שטיין און וואַרטן ביז דער לעצטער וועט זיך דערליידיקן און אַ געשריי טאָן „מ׳קאָן שוין פירן!״. די וואָס האָבן געהאַט פּאַפּיראָסן האָבן געררויכערט, אייניקע פלעגן זיך מוזן באַגענוגענען מיט אַ „ציי״ אָדער צוויי. אויך דאָ האָט מען פּאַפּיר געזשאַלעוועט. אפילו צייטונגס־פּאַפּיר פלעגט דינען צום רויכערן, צו מאַכן דאָס „קרומע פיסל״ וואָס ווערט אָנגעפילט מיט מאַכאָרקע.

די פּראָצעדור צוזאַמען מיט דער פּראָצעדור פון וואַשן זיך האָט פאַרנומען אַ סך צייט, אַזוי אַז ס׳איז שוין אונטערגעקומען די צייט פון פרישטיק. פאַרן פרישטיק — די „פּראָווירקע״. צו דעם אָנגענומענעם ראַפּאָרט פונעם סטאַראָסטע, קומט נאָך צו אַ פראַגע: צי איז עמעצער קראַנק? זעלטן רופט זיך עמעצער אָפּ, אַז ער איז קראַנק, סיידן ער איז שוין געפערלעך קראַנק, מען דערקענט שוין אויף אים לויט זיין אויסערלעכן אויסזען, אַז ער האָט הויכע טעמפּעראַטור. פאַרוואָס? ערשטנס, ווערט ער געזידלט דורכן טורמע־דאָקטאָר, אויב יענער האַלט, אַז ער איז נישט קראַנק. אויב דער דאָקטאָר שטעמפּלט אים פאַר „סימולאַציע״ באַקומט ער נאָך עטלעכע מעת לעת קאַרצער, צווייטנס איז אים אַ שאָד אָנצווערן די געשמאַקע,

פרישע פּאָמידאָרן, אוגערקעס, עפּל און באַרן, וואָס ער קען נאָר אין קאַמער זיי באַקומען... ווי אַזוי ? פון וועמען ?

נאָך פרישטיק הייבט זיך אָן די סדרה „פערעדאַטשעס״. די פּאַרמשפּטע, וואָס זייערע אייגענע אָדער קרובים ווינען אין קיעוו גופא, אָדער אין דער אַרומיקער געגנט ברענגען צוויי מאָל אין וואָך „פערעדאַטשעס״, די פּאַרמעגלעכע ברענגען פּאַפּיראָסן, וורשט, היימישע קיכלעך, פרוכטן און גרינסן. די אָרעמערע באַגנוגען זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבן פון די אייגענע פּיצלעך גערטנער: פּאָמידאָרן, אוגערקעס, אַמאָל אויך אַן אַרבוז. איידער מען דערלאַנגט, ווערן די פרוכטן און גרינסן צעשניטן אויף צוויי, און אַמאָל אויך אויף פיר טיילן. כדי צו קאָנטראָלירן, צי האָט עמעצער נישט אַריינגעלייגט אינעווייניק אַ קוויטעלע, אָדער אַ נאָדל, אַ מעסערל. פּאַרשטענדלעך, אַז די צעשניטענע פרוכטן ווערן אין דעם זעלבן טאָג שוין פּאַרפוילט. האָט מען דעריבער איינגעפירט, אַז אַלע צעשניטענע פרוכטן און גרינסן ווערן אַרויפגעלייגט אויפן טיש און דער סטאַראָסטע צעטיילט זיי אויף גלייכע פּאַרציעס, לויט דער צאָל פון די איינוווינער אין קאַמער. און דעם טאָג פרעסן זיך כמעט אַלע איבער. אַ סימן, אַז אין דעם טאָג הערט מען נישט אויף צו קלאַפּן אין טיר און בעטן מען זאָל פירן אַן איבעריקן מאָל אין בית השימוש.

אין קאַמער ווייסט מען שוין, ווער ס׳באַקומט נישט פון קיינעם גאָרנישט, ווייל די אייגענע ווינען ווייט, אין אַן אַנדערער שטאָט, אָדער זיי זענען סתם מענטשן עלנטע. אָט די איז מען אינדיווידועל מכבד פון צייט צו צייט מיט אַ פּאַפּיראָס, מיט אַ שטיקל וורשט, אָדער מיט אַ קיכל.

אַרום 11 אַ זייגער פירט מען אַלעמען אויף אַ שפּאַציר, אויף אַ גאַנצער שעה. עס זענען פּאַראַן אַזעלכע „דוואָריקעס״ אַ צענדליק באַזונדערע פּלעצער, אַרומגעצוימטע מיט אַן הויכער געמויערטער וואַנט, צווישן איין הייפל און צווייטן זענען פּאַראַן אַ חוץ דער וואַנט אויך שטעכיקע דראָטן אויף דער וואַנט, ברעקלעך פון צעבראָכענע פלעשער און גלאָז. צווישן צוויי הויפן און צוויי אַנדערע שטייט אַ וועכטער מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס און קוקט אויף דער אויפפירונג פון די פּאַרמשפּטע אין 4 הייפלעך. קיין דאַך איז נישטאָ, קען מען זיך דעריבער אין אַ זוניקן טאָג אָפּברענען.

ביי די סאַמע ווענט איז ווייניקער הייס, ס׳איז פאַראַן אַ שאָטן. די ייִנגערע פירן אַדורך שפּילן. מערסטנס אַזעלכע, וואָס מ׳באַקומט קלעפּ אין אַרויס־געראָקטער האַנט און גיי טרעף ווער ס׳האָט אַ פּאַטש געטאָן. טרעפסטו נישט, מוזטו אַזוי לאַנג כאַפּן פּעטש, ביז דו טרעפסט. דאַן פאַרנעמט יענער דיין אָרט. ס׳איז אינטערעסאַנט אָנצוקוקן די תמעוואַטע פּנימער, וואָס יעדערער מאַכט, כדי נישט צו לאָזן זיך דערקענען. דער קרבן לאַכט, ווען ער טרעפט נישט צום ערשטן מאָל, שפּעטער דערפילט ער אַ ווייטיק אין דער האַנט און הערט שוין אויף צו לאַכן. ער ווערט אָנגעשטרענגט, ערנסט און מיינט אפילו, אַז ער טרעפט יאָ, נאָר מען מאַכט חוזק פון אים. נישט איינמאָל פלעגט אַזעלכער עטלעכע טעג נישט קענען שלאָפן פון ווייטיק...

## אויפן שפּאַציר

פאַר אַ פּשוטן אויג וואָלט דער „שפּאַציר" פון די עטלעכע צענדליק מענטשן אין דעם אַרומגעצוימטן הייפל אויסגעזען געוויינלעך: יונגע יאַטן שפּילן זיך אין געבן און כאַפּן פּעטש, עלטערע שטייען אין שאָטן פון דער וואַנט און שמועסן, אייניקע פאַרלעך גייען אַרום אין אַ קרייז, אין איין ריכטונג, שמועסן און שווײַגן... אין דער אמתן קומען פאַר בעתן „שפּאַציר" אַנדערע גאָר וויכטיקע געשעענישן: ערגעץ אין אַ ווינקל האָט מען געפונען אַ קאַרטאָנדל פון אַן אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס, אויף וועלכן ס׳איז געווען געשריבן: „פּאַוול האָט אַלעמען פאַרשיט..." אייניקע יאַטן פאַרנעמען זיך שוין מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין. מען מוז וועגן דעם צוזויסן טאָן אַט די, וואָס זענען אין דעם פאַראינטערעסירט. ווען נאָר דער וועכטער וואַרפט זיין בליק אין דער קעגנאיבערדיקער ריכטונג, פליט שוין דאָס בריוועלע אַריבער איבער די דראָטן אין דעם שכנותדיקן הייפל. עמעצער כאַפּט עס אויף און טיילט זיך מיט דעם, וואָס מען דאַרף. אויב ס׳האָט נישט קיין אומיטלבאַרן שייכות מיט די, וואָס געפינען זיך אין דעם הייפל, פליט דאָס בריוועלע ווייטער, ביז ס׳דערגרייכט זיין ציל. אַזעלכע בריוועלעך

געפינט מען יעדן טאָג. דער אינהאַלט איז פאַרשידן און קורץ; אָפּט זענען זיי געשריבן אויף אַזאַ שפּראַך, לויט אַ געוויסן שליסל, וואָס נאָר אייניקע קענען פאַרשטיין דעם אינהאַלט. די פאַראינטערעסירונג מיט דער קאָרעספּאָנדענץ איז אַ גרויסע. פאַר יעדן פּרייז מוז זי דערגיין צו די, וואָס נויטיקן זיך אין איר. אָט האָט מען איינעם אַ יאָט אַן הויב געטאָן אין דער שכנותדיקער קאַמער אין דער לופטן ביז צו די שטעכלדיקע דראָטן, א פּנים געגרינצלט מיט שניטן און אויגן פלאַמענדיקע אַן מורא. שנעל און שטיל האָט ער צוויסן געגעבן: „מיר זענען גנבים. מיר האָבן נישט קיין פּאַפּיראָסן״... וואַרפט אַריבער פּאַפּיראָסן״... און ס׳פליען שוין אין דער לופטן פּאַפּיראָסן, אייניקע וואַרפן אַריבער זייערע פּאַפּיראָסן, וואָס זיי רויכערן, שוין אָנגעצונדענע, אַלץ ווערט געכשרט. אַמאָל איז אַפילו אַ שוועבעלע אויך זייער וויכטיק.

די צעטיילונג פון די „הייפלעך״ צום שפּאַציר קומט, ווייזט אויס, פאַר לויט אַ ספּעציעלער פּאָליטיק. „פּאָליטישע״ זאָלן נישט זיין בשכנות מיט „פּאָליטישע״, אויך „ביטאָוויקעס״ מיט אַזעלכע ווי זיי. מוז דעריבער די קאָרעספּאָנדענץ זיין פאַרשווערט, דורך עמעצן, וואָס איז ווייניקער פאַראינטערעסירט. אָבער ס׳העלפט נישט. אַ וויכטיקע ידיעה וועגן אַ געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אינדרויסן ווערט בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבער אַלע „הייפלעך״. ערגעץ אין אַ ווינקל, כמעט אונטער דער „ווישקע״ פון שומר האַלט איינער אַ טעפּעלע ביי סאַמע מויל, דאָס הייסט אַז דאָס מויל געפונט זיך אין טעפּעלע און ער שמועסט זיך איבער מיט אַ צווייטן „טעלעפאָניש״. אין דער אַנדערער זייט האַלט אַ צווייטער אַזאַ „מכשיר״ ביים אויער און כאַפּט אויף די קלאַנגען. אויך אַנדערע לייגן צו די אויערן צו דער וואַנט און כאַפּן אויף די נייעס.

אָפּט דערטראָגט זיך פון אַ שכנותדיקער קאַמער אַ הילכיקער געשריי פון אַ קרבן, מיט וועלכן מען רעכנט זיך אָפּ. דער געשריי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ האַרץ־רייסנדיקן יאָמער און געוויין. דער וועכטער ווערט אומרואיק, קלינגט דורך זיין טעלעפאָן און גיט צו וויסן וועגן דער געשעעניש. אין עטלעכע מינוט אַרום, זענען שוין דאָ אויפן אָרט אַ פּאָר צענדליק באַוואָפנטע וועכטער. זיי רייסן איבער דעם „שפּאַציר״ אין דעם אומרואיקן הייפל און

טרייבן אַלעמען אַריין אין קאַמער, צעטיילנדיק דערביי די מלחמה־פירנדיקע לאַגערן אין באַזונדערע קאַמערן. עס גייען אַריבער נאָך עטלעכע מינוטן און ס'ווערט ווייטער שטיל. דאָך געפונען זיך אַלע אונטערן איינדרוק פון דעם געשעענעם. דער „טעלעפאָן" פון די טעפּעלעך גיט שוין איבער איינצלהייטן און אַרום און אַרום פירן זיך שמועסן וועגן דעם...

איינמאָל האָט מען איבערגעגעבן אַ קורצע נייעס: „די סוקע און אירע צוויי ממזרים פון תלין שוין אָפּגערוימט, אין גיכן וועט קומען זיין ריי". איך האָב געזען אין אַ סך אויגן אַן אויסדרוק פון פרייד, נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען למאי פרייט מען זיך אַזוי מיט דער נייעס. איך האָב אויך נישט געוואָגט צו פרעגן עמעצן דעם פירוש פון דער נייעס. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט. גייענדיק צוריק פון „שפּאַציר" האָט מיר מיין מיטגייער אָנגעוויזן אויף איינעם, אַ נידעריקן אָפּיציר, וואָס איז פאַרביי אונדז אַדורכגעגאַנגען. — אָט דער איז ער, דער תלין! זיין ווייב און צוויי קינדער האָט מען אויף דער פריי אומגעבראַכט לויטן אורטייל, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן ערגעץ אין אַ טורמע־קאַמער דורך די „זאַקאָנניקעס„ דאָס איז אַ סעקטע פון פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן, גנבים און מערדערס, וואָס האַלטן זיך פאַר דער העכסטער אַריסטאָקראַטי־ע פון דער טורמע. אָט דער נידעריקער לייטענאַנט איז דאָ אין דער טורמע דער אויספירער פון די טויט־אורטיילן, אויף די, וואָס זענען פאַרמשפּט אויף טויט דורך שיסן. היינט מאַכט מען נישט קיין גרויסן טאַראַראַם. ס'ווערן נישט אַדורכגעפירט קיין עפנטלעכע עקזעקוציעס, ווי אַמאָל. דער פאַרמשפּטער צום טויט געפינט זיך אין אַ ספּעציעלער איינצל־קאַמער. ער האָט אַליין, אָדער זיינע אייגענע, אָנגעגעבן צום פאָרזיצער פון העכסטן סאָוויעט אַ ביטע אויף באַגנעדיקונג. ער וואַרט מיט האָפענונג אויף אַ פּאָזיטיוון ענטפער, איז ער אָבער אַ נעגאַטיווער, רופט מען אים קאַיאַר אַרויס פון זיין קאַמער. אָט דער תלין באַווייזט שוין פון אַ ווינקל, ווו ער שטייט באַהאַלטן, אַ שאָס צו טאָן אויף זיין קרבן... און פאַרטיק. אָט אויף דעם תלין האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם טויט־אורטייל, אויף אים און אויף זיין משפּחה. וועגן דעם האָט מען איבערגעגעבן די חברים, די „זאַקאָנניקעס" אויף דער פריי און יענע האָבן שוין דאָס „שטיקל אַרבעט" אָפּגעטאָן. די

פֿאַרבינדונג מיט דער פריי קומט פֿאַר אומאויפהערלעך דורך צענדליקער קאַנאַלן און אופֿנים. דאָס לעבן פֿון די טויזנטער פֿאַרמשפּטע אין טורמע איז נאָר אויבנאויפיק רואיק און פליסט איינטאָניק. אין דער אמתן ברויזן דאָ אומרואיקע געמיטער, זיי פירן אומאויפהערלעך זייער קאַמף קעגן די, וואָס האָבן זיי פֿאַרשלאָסן אונטער די פיר ווענט.

# איוואַן פּעטראָוויטש

אין דער קאַמער נומער 110, צווישן די זיבן און צוואַנציק איינוווינער בין איך געווען דערווייל נאָר איין ייד... אמת, דער פּרעלעגענט, וואָס האָט געלייענט די לעקציע וועגן פיזיק האָט מער אויסגעזען אַלס ייד פֿון מיר; זיינע קלוגע, שוואַרצע אויגן, זיין מאַטאָווע לענגלעך פּנים מיט דעם יידישן האָרבל אויף דער נאָז, האָבן אויף דערויף עדות געזאָגט. דאָך האָט זיין נאָמען דאָס אינגאַנצן סותר געווען. מען האָט אים גערופֿן איוואַן פּעטראָוויטש. ווען איך האָב אין אַ געשפּרעך אים אַרויסגעזאָגט אין אַ שמייכל מיין השערה, אַז ער איז אויך אַ ייד, האָט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל מיר אָפּגעענטפֿערט: „מעגלעך, אַז אין מיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט פֿון מיינע זיידעס און עלטערזיידעס, נאָר איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם". ער האָט דערציילט, אַז ער געדענקט כמעט נישט זיינע טאַטע־מאַמע. ער געדענקט נאָר ווען ער האָט אין דער צייט פֿון בירגער־קריג אַרומגעוואַנדערט, נאָך זייענדיק אַ קינד, איבער די גאַסן אַ פֿאַרוואָרלאָזטער און געגנישטערט אין די מיסט־קאַסטנס, זוכנדיק אַ טרוקענעם סוכאַרעק, כדי צו שטילן דעם הונגער. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו גנבענען, צו קלעטערן איבער פרעמדע סעדער און רייסן עפּל, אָדער גאָר אַרויסרייסן ביי אַן אַלטיטשקער איר פּאַטשיילע, ווו זי פלעגט פֿאַרבאַהאַלטן אירע פּאָר גראָשן, און אַנטלויפֿן.

שפּעטער האָט מען אים געכאַפּט און אַוועקגעשיקט אין דער קאָלאָניע אויפֿן נאָמען פֿון מאַקסים גאָרקי. אין אַנשטאַלט פֿון מאַקאַרענקאָ האָט ער

זיך געלערנט און געאַרבעט. איז געווען פון די בעסטע שילער, איבערהויפּט פון מאַטעמאַטיק און פיזיק. דערנאָך האָט ער פאָרגעזעצט זיינע לימודים אין „ראַב־פאַק" (אַרבעטער־פאַקולטעט) און אין פּאָליטעכניקום. געענדיקט האָט ער אַלס אינזשיניער. נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט אין סעפּטעמבער 1939 באַפרייט מערב אוקראַינע פון די פּאָליאַקן און אויך פון די דייטשע פאַשיסטן, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אַלס לערער פון פיזיק קיין לעמבערג, ווו ער האָט באַקומען אַרבעט אין אייזנבאַן־בוי־טעכניקום.

איך האָב פאַרשפּאָרט אים צו שטעלן פראַגן. ער האָט אַליין געהאַט אַ באַדערפעניש פאַר עמעצן זיך אויסרעדן זיין אָנגעווייטיקט האַרץ, און דערציילט ווייטער:

אין לעמבערג האָט ער זיך שיין איינגעאָרדנט. ער האָט באַקומען אַ דירה פון דריי גרויסע צימערן, אַ קיך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין דער דירה האָט פאַר אים געוווינט אַ ייד, אַ רייכער סוחר, ביי וועלכן די סאָוויעטן־מאַכט האָט צוגענומען די רעכט צו וווינען אין לעמבערג, צושרייבנדיק אים אין זיין נייעם פּאַספּאָרט דעם עלפטן פּאַראַגראַף. ער האָט געמוזט אַריבערפאָרן, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אין אַ קליין שטעטל. פאַר קליינע געלטער האָט ער ביי אים אָפּגעקויפט אַ טייל פון זיינע מעבל. מיט 14 יאָר צוריק, דערציילט ער מיט אַ שמייכל, איז ער נאָך יונג געווען, געהאַט דער־פאַלג אין פעדאַגאָגישער אַרבעט און אויך ביי דעם שיינעם מין. אַממערסטן פלעג ער געפעלן יידישע מיידלעך. ווייזט אויס, אַז אויך זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יידן.

איינע פון זיי מיטן נאָמען ליזאַ סאַלאָמאָנאָווגאַ איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. זי איז געווען אַ הויך, שלאַנק מיידל מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן. אירע צוויי בלאָנדע צעפּ האָבן געהאַט דעם קאָליר פון גאָלדענע רייפע קאָרן־זאַנגען, זי געמאַכט נאָך יינגער ווי זי איז געווען. זי איז געווען אַ סטודענטן אין דער אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון פראַנקאָ, אויף הומאַניסטיק. ער פלעגט אַריינקומען צו איר אין שטוב. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט אירע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער, די מוטער — אַ לערערין אין אַ פאָלקס־שול. אויך די עלטערן זענען געווען אינטעליגענטע, סימפּאַטישע מענטשן. ליזאַ איז אים שטאַרק געפעלן. זי

פלעגט רעדן פויליש און אוקראַיניש. די רוסישע שפּראַך האָט זי נאָך שוואַך געקענט. אים, זאָגט ער, איז דווקא געפעלן, ווען זי האָט גערעדט צו אים אויף אוקראַיניש. אַזוי מעלאָדיש האָט זי גערעדט, ווי זי וואָלט געזונגען, און ער האָט כמעט אַלץ פאַרשטאַנען. „די ביידע שפּראַכן, די רוסישע און די אוקראַיינישע זענען ווי צוויי לייבלעכע שוועסטער, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געבוירן" — האָט ער צוגעגעבן.

די מלחמה אין 1941 יאָר האָט זיי צעשיידט. ווי ער האָט נאָר געענדיקט דאָס שול־יאָר, האָט מען אים באַלד גענומען אין דער רויטער אַרמיי. נאָך אַלס סטודענט פלעגט מען אים יעדן זומער נעמען אין מיליטער אויף אַ חודש און ווען ער האָט געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום האָט מען אים גענומען אויף צוויי חדשים און ביים ענדיקן פאַררעכנט אַלס לייטענאַנט פון זאַפּאַס.

די גאַנצע מלחמה האָט ער געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן, זייענדיק אַן אָפיציר אין שווערער אַרטילעריע. געווען קאָנטוזירט, פאַרוווּנדעט און ווייטער געקעמפט ביזן סאַמע זיג, אַפילו אָרדנס באַקומען.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין לעמבערג, צוריק צו זיין פריערדיקער אַרבעט.

אויפן אָרט, ווו ליזע און אירע עלטערן האָבן געוווינט, זענען איצט געווען בלויז אוקראַינער. אַלץ איז אין זייער שטוב פאַרבליבן כמעט ווי געווען, נאָר די באַלעבאַטים זענען געווען אַנדערע.

— זיי, די יידן, האָבן זיי מיר געזאָגט, זענען אַלע אַוועק „לויטן אוקאַז פון היטלערן" און אַלע זענען אומגעקומען. — גיי, ווייס, אויף וועמען עס וואָרט דער טויט, — האָט ער צוגעגעבן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גהינום פון דער מלחמה און לעבן געבליבן און זיי...

אינגיכן האָט ער צוריק אויפגעשטעלט זיין שטוב, פּשוט, נאָר גאַנץ שיין מעבלירט. ער האָט איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק. נאָר ער האָט זיך געפּיילט איינזאַם, האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן און צו פירן אַ משפחה־לעבן. ביי איינער אַ באַקאַנטער לערערין האָט ער זיך באַקענט מיט אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. זי איז געווען שלאַנק, פיין געבויט מיט אונטערגעשוירענע שאַטין־האָר, מיט שמייכלענדיקע אויגן. אירע עלטערן זענען געווען

געמישטע: דער פֿאָטער אַ פּאָליאַק און די מוטער אַן אוקראַינקע. אין די צייטן ווען לעמבערג האָט געהערט צו די פּאָליאַקן, זענען זיי אָנגעגאַנגען אַלס פּאָליאַקן. איצט, ווען לעמבערג איז אַריבער צו אוקראַינע, זענען זיי געוואָרן אוקראַינער. קאַטערינע, אָדער ווי ער פֿלעג זי רופֿן קאַטיאַ, האָט אין יאָר ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, פֿאַרענדיקט די צען קלאַסן, דאָס הייסט אַ מיטל־שול און מער האָט זי נישט קיין חשק געהאַט צו לערנען זיך.

שפּאַצירט האָבן זיי צוזאַמען אַ חדשים דריי און זיי האָבן חתונה געהאַט, פֿאַרשריבן זיך אין „זאַגס" אין אָנהויב פֿון יאָר 1946. זיי האָבן געלעבט צופֿרידן. ער האָט נישט שלעכט פֿאַרדינט. לערער האָבן געפֿעלט, האָט ער אָנגענומען מער שעהן אַרבעט. פֿיר מאָל אין וואָך האָט ער געאַרבעט אפֿילו אין די אָוונטן אויף אָוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער. קאַטיאַ האָט גאָר שנעל באַהערשט די רוסישע שפּראַך. זי איז געווען נישט קיין שלעכטע באַלעבאָסטע. אין שטוב איז געווען ריין, שיין. זי האָט צוגענומען אַ שטוב־געהילפֿין, וואָס פֿלעג קומען יעדן טאָג אויף עטלעכע שעה איר צוהעלפֿן אין דער באַלעבאַטישקייט.

אין דעם ערשטן יאָר פֿון זייער צוזאַמענלעבן איז קאַטיאַ שוואַנגער געוואָרן. ער איז געווען צו שטאַרק פֿאַרנומען מיט זיין אַרבעט, דאָך פֿלעג ער ביי יעדער געלעגנהייט זיין אין שטוב און פֿאַרברענגען צוזאַמען מיט זיין ווייב. אין די פֿרייע אָוונטן פֿלעגן זיי גיין שפּאַצירן, אָדער אין קינאָ, צו קאַטיעס עלטערן פֿלעגן זיי קומען געלטן, אַמאָל פֿלעגן די עלטערן אין די זונטיקן קומען צו זיי.

געבוירן האָט קאַטיע אַ טאָכטער. חוץ דער שטוב־געהילפֿין האָט ער אויך צוגענומען אויף די ערשטע פֿאַר חדשים אַ מעדיצינישע שוועסטער, זי זאָל קאַטיען צוהעלפֿן דערציען די טאָכטער.

— איר ווייסט — האָט ער מיט אַ שטיל קול אַרויסגעזאָגט — ערשט איצט, ווען קאַטיע איז געוואָרן אַ מוטער, האָב איך דערפֿילט, אַז איך האָב זי באמת ליב באַקומען... מיין טעכטערל וויעראָטשקע איז געווען זייער אַ געראָטן מיידעלע. אַ שוואַרצינקע מיט שמייכלענדיקע אייגעלעך, אַ פּוכלענקע מיט פֿאַרשנירעוועטע ליפּעלעך. אַן עלטערע פֿרוי האָבן מיר

צוגענומען אַלס ניאַניע צום קינד. קאַטיע פלעג אַרומגיין אין די קראָמען איינקויפן אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן אין שטוב און פאַרן קינד.

ער האָט ווייטער דערציילט:

„איך האָב זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אַרבעט אין דער אָוונט־שול, כדי צו קענען זיין צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד אין שטוב. נאָר די הוצאות זענען געווען גרויסע און איך האָב געמוזט וואָס מער אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען מער, עס זאָל קלעקן אויף אַלץ און פאַר אַלעמען. גיי ווייס, וואָס דער גורל גרייט פאַר דיר! און ווען איך האָב זיך שוין דערוווסט וועגן דעם, איז שוין געווען צו שפּעט. אין די אָוונטן ווען איך פלעג אַרבעטן אויף די אָוונט־קורסן, פלעג קאַטיע פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון מענער. און נישט גלאַט אַזוי פאַרברענגען, נאָר צונויפגעבונדן זיך אויף גאָר אַן ערנסטן אופן מיט איינעם אַ יונגן לייטענאַנט פון מ.וו.ד. (אינערן־מיניסטעריום), ווען איך בין איינמאָל געקומען שפּעט אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָב איך שוין קאַטיען מיטן קינד אין שטוב נישט געטראָפן, נאָר אויפן טיש איז געלעגן אַ בריוול: „זיי מיר מוחל, וואַניע, איך מוז דיך פאַרלאָזן, ווייל איך האָב זיך פאַרליבט אין אַן אַנדערן. ער נעמט מיך צוזאַמען מיט מיין טעכטערל, מיר פאָרן צוזאַמען אַרויס פון לעמבערג. אינגיכן וועל איך דיר אָנשרייבן... — קאַטיע".

## זיין פאַמיליע־טראַגעדיע

קאַטיע איז פון אים אַוועק און צוגענומען מיט זיך דאָס קינד. פאַריתומט איז ער פאַרבליבן איינער אַליין אין שטוב. ער האָט זיך געפילט שרעקלעך. אַזוי קורצזיכטיק צו זיין און גאַרנישט באַמערקן אפילו! עס איז דאָך נישט געשען במשך פון אַ טאָג אָדער צוויי. צוליב וואָס און צוליב וועמען האָט ער אַזוי שווער געהאָרעוועט?

אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן.

עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַרויסצופאָרן פון דער שטאָט, וואָס האָט אים אַזויפיל אומגליקן געבראַכט, נאָר ווי קאָן אַ לערער אַוועקוואַרפן זיין אַרבעט אין מיטן שול־יאָר?

אין דער פרי האָט ער זיך אויפגעהויבן פון געלעגער אַ מידער און אָן שום האָפענונג, אַז די לאַגע זאָל זיך ענדערן צום גוטן. ער האָט דערפילט אַ הונגער, נאָך פון נעכטיקן מיטאָג אָן האָט ער גאָרנישט געגעסן. אויפן וועג צו דער אַרבעט איז ער אַריין אין אַ באַר און געהייסן זיך דערלאַנגען פרישטיק. ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו עסן, נאָר נישט פאַרענדיקט און באַצאָלט דעם חשבון. אין טעכניקום האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט, ווען ער איז אַריין אין טראַנס פון זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיינע שילער זענען היינט אַ סך אומרואיקער, ווי שטענדיק. ער האָט מער געפרעגט און וויניקער דערקלערט און אפשר דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע צערודערונג פון זיינע שילער.

באַלד נאָך דער אַרבעט האָט ער באַשלאָסן פאָרן צו קאַטיעס עלטערן. אפשר איז זי דאָרטן. זיי האָבן אים אויפגענומען גאָר פריינטלעך ווי אַן אומגעריכטן גאַסט. דערביי האָט זיך קאַטיעס מוטער אפילו דערשראָקן און מיט צערודערונג געפרעגט:

— וואָס איז עפּעס געשען מיט קאַטיענקען, אפשר מיטן קינד?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט ער זיי געגעבן איבערצולייענען קאַטיעס בריוועלע. זיי זענען געווען דערשטוינט. בייט טאַטן האָט זיך אפילו אַרויסגעריסן אַ קללה. „פּשיאַקרעוו" (הונטיש בלוט) און די מאַמע האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט...

די דערציילונג פון דאָזיקן עלנטן מענטש האָט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַראינטערעסירט:

...אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך מיין אַרבעט אין טעכניקום, בין איך פאַרבליבן לענגער אין שול, ווייל ס'האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַ „קורצע פּעדאַגאָגישע באַראַטונג פון די לערער, ווי דער דירעקטאָר האָט וועגן דעם געמאָלדן. אומגעריכט איז צו מיין טיש צוגעקומען אַננאַ סיעמאַנאָוונאַ, אָט די לערערין, ביי וועלכער איך האָב זיך באַקענט מיט קאַטיען.

איצט ווען זי איז צוגעקומען צו מיין טיש, האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

„אפשר ווייסט זי עפּעס וועגן קאַטיען, וועגן קינד". איך האָב זי געבעטן זיך זעצן און נאָך אַ קורצן שמועס האָט זי מיך איינגעלאַדן צו זיך.

אין דעם אָוונט בין איך אַרויפגעקומען צו אַננאַ סיעמיאַנאָוונען אין שטוב. זי האָט געוווינט איינע אַליין אין אַ וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון איין גרעסערן צימער און אַ פּיצל קיכל, וואָס זי האָט פאַר זיך אַליין איינגעאָרדנט, כדי זיך אָפּצוטיילן פון דער אַלגעמיינער קיך. אַ גרויסן טייל פון צימער האָבן פאַרנומען בלומען. זי האָט, ווייזט אויס, זייער ליב געהאַט צו פלעגן בלומען. זי האָט אויך געהאַט אַ גרויסן קודלאַטן הונט, אַ זוך־הונט, וואָס האָט אָפּגעהיט איר הויז און מיט אים פלעגט זי זיך טיילן מיט איר ביסן.

## דער סוד

ביים סוף פון אָוונט־ברויט, האָט אננא סיעמיאַנאָוונאַ אַליין אָנגעגאָסן צוויי פולע בעכערס מיט בראָנפן און נעמענדיק איר כוס אין דער רעכטער האַנט איז אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן: — איצט, איוואַן פּיעטראָוויטש, טייערינקער, ווען מיר אויסטרונקען, כדי מיר זאָלן זיך קיינמאָל נישט קריגן און לעבן בשלום.

זי האָט אָנגעקלאַפּט איר בעכער אין זיינעם און מיטאַמאָל אויסגעטרונקען. איוואַן פּעטראָוויטש האָט נישט געפּאַסט פאַר איר און אויך אויסגעטרונקען.

— אַזוי האָב איך ליב — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ שיכור־קול — איר זענט אַ בראַטקע, איוואַן פּעטראָוויטש. און דערפאַר גאָט אייך און לייענט, כאָטש דער בריוו איז נאָר פאַר מיר געשריבן און פאַרמאַגט אין זיך נישט ווייניק סודות. איך מיין, אַז איר קענט שוין לעזן און פאַרשטיין אויף אוקראַיניש. זי שרייבט נאָך אַלץ אויף כלאָפּסקע לשון.

„דאָראָגאַ, אַנושקאַ מאָיאַ. פּריוויט! (טייערע אַנושקע מיינע, זיי באַגרוסט!).

„דאָס, וואָס האָט געמוזט געשען — איז געשען. איך בין אַוועק מיט וויעראַטשקען פון וואַניען און אַריבערגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ, צו

סיעמיאָנען. ער איז דאָ דער פירער פון מ.וו.ד. דו געדענקסט דאָך, ווען ער איז פאַראַיאָרן אַרויסגעפאָרן פון לעמבערג אָן אַ „זיי געזונט״, בין איך אויף אים זייער ברוגז געווען און אויך געוועז צופרידן: — בעסער אַזוי — האָב איך געטראַכט, איך האָב דאָך אַזוי מורא געהאַט פאַר אים, געווען אים אונטערטעניק ווי אַ הונט. זיין וואָרט איז פאַר מיר געווען אַ באַפעל. דעמאָלט האָט זיך מיר אונטערגערוקט וואַניע. ער איז דאָך אַזוי גוט געווען צו מיר, אַזאַ איידעלע און חברישע באַנעמונג. איך האָב אים נישט ליב געהאַט און דאָך פאַרשריבן זיך מיט אים אין זאַגס. ער האָט פאַר מיר אַלץ געטאָן. געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און צוגעשטעלט פאַר מיר אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט. ווי נאָר סעמיאָן האָט זיך דערוווסט, אַז איך האָב חתונה געהאַט, איז ער געקומען קיין לעמבערג, ער האָט מיר טעלעפאָניש אַרויסגערופן צו זיך אין האָטעל „סאַוואָי״. ווי איך האָב אים נאָר דערזען, האָב איך פאַרלוירן מיין שטאָלץ, מיין זעלבסטשטענדיקייט. די פריערדיקע מורא האָט זיך אומגעקערט. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך לאָזן צורו. ער האָט געלאַכט פון מיינע נאַאיווע רייד. איך האָב אין אים דערפילט אַזאַ מין אומבאַזיגבאַרן כוח, וואָס קען מיר און וואַניען צוזאַמען צעקוועטשן ווי פליגן — און איך האָב זיך אים אונטערגעגעבן. פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען אין „קאָמאַנדיראָווקע״ קיין לעמבערג און יעדעס מאָל פלעגן זיך איבערחזרן זיינע באַגעגענישן מיט מיר. בסוד וועל איך דיר דערציילן, אַז אַלס מאַן איז ער מיר א סך ליבער געווען ווי וואַניע. דער רוח נעמט אים נישט — ער קען געפעלן יעדער פרוי.

ווען איך האָב געבוירן מיין וויעראָטשקען, איז ער דווקא געווען צופרידן. ער איז איבערצייגט, אז וויעראָטשקע איז זיין אייגענע טאָכטער. איך מיין אויך, אַז ער איז גערעכט. דעריבער בין איך אָן שום קווענקלענישן, אויף זיין באַפעל, אַריבערגעפאָרן מיט מיין קינד צו אים. מיר איז וואַניע אַ שאַד, אַ גרויסער שאַד. אים האָב איך נישט געטאָרט אַזוינס אָפּטאָן! איך ווייס, אַז דו, אַנושקאַ, וועסט מיר בעסער פאַרשטיין פון אים. סעמיאָן איז גאָר נישט קיין שלעכטער, נאָכדעם ווי ער איז זיך באַגאַנגען מיט אונדז ביידע. אַזאַ גורל איז פאַרט בעסער פון אַלע אנדערע... גרוס וואַניען פון מיר און פון וויעראָטשקען. צו אים דערלויבט מיר נישט סעמיאָן צו שרייבן. בעט

אים, אין מיין נאָמען, ער זאָל מיר אַרויסשיקן לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס מיינע קליידער (איך גלויב, אַז ער וועט דאָס טאָן).

דיין קאַטיע.

דעם גאַנצן וועג איז איוואַן פּעטראָוויטש געגאַנגען צופוס. אַריינקומענדיק צו זיך אין שטוב אַריין איז ער אַ מידער אַרויף אויף זיין געלעגער און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אויפן אַנדערן טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט ער פאַרפּאַקט אין אַ וואַליזע אַלע קליידער, וואָס קאַטיע האָט איבערגעלאָזט, אויך דעם רעגן־מאַנטל, וואָס ער האָט איר געקויפט און אַוועקגעשיקט קיין טשערנאָוויץ. דעם זעלבן טאָג האָט ער אויך געפונען אָט די מיידל, וואָס פלעגט קאַטיען צוהעלפן ביי איר באַלעבאַטישקייט און געדונגען זי אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג, זאָל קומען און אויפרוימען די שטוב. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין אָוונט אַהיים, איז אַלץ געווען אויפגערוימט ווי פריער, די בעטן פאַרבעט. אויף זיין שרייב־טיש זענען געשטאַנען עטלעכע בלויע בלימעלעך „פאַרגעס מיך נישט״ אין אַ קריגל מיט וואַסער.

אָט די בלימלעך האָט געבראַכט אַננאַ סיעמיאָנאָוונע. זי האָט זי איבערגעגעבן דעם מיידל און בייגעלייגט אַ קוויטעלע: „איוואַן פּעטראָוויטש! איך פאַרבעט אייך אויף היינט אין דער פילהאַרמאָניע. איך האָב שוין געקויפט בילעטן. איך וועל קומען אַרום 7 אייך נעמען. אננא״.

„נו, איר האָט חתונה געהאַט מיט איר, מיט דער אננא סיעמיאָנאָוונא״? — האָב איך צום ערשטן מאָל אים געשטעלט אַ פראַגע אין מיטן זיין דערציילן. עס איז מיר זייער אינטערעסאַנט געווען זיין דערציילונג, דאָך האָב איך שוין געוואָלט וויסן דעם עיקר: ווי אַזוי און פאַרוואָס האָט מען אים פאַרמשפט, פאַרוואָס האָט ער באַקומען 10 יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעט לאַגער.

—איך זע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — אַז מיין דערציילונג לאַנגווייליקט אייך שוין. איך וועל פאַרקירצן.

— חתונה האָבן מיט אננא סיעמיאָנאָוונען האָב איך נישט געקענט, ווייל איך האָב זיך דאָך מיט קאַטיען נישט געגט. און קאַטיע האָט נישט געוואָלט

זיך גטן, אַזוי ווייזט אויס איז געווען דער ווילן פון סיעמיאָנען. אויב זי וועט זיך גטן מיט מיר, וועט ער דאַרפן מיט איר חתונה האָבן. ס'איז גאָר געווען אַ סברה, אַז ער האָט ערגעץ אין טיף רוסלאַנד געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. פאַר קאַטיען פלעגט ער זיך פאַרענטפערן, אַז זיין לעבן איז תמיד אין געפאַר. דעריבער מוז מען אָפּלייגן די צייט פון פאַרשרייבן זיך... דערצו האָט ער געהאַט, ווייזט אויס, אַ ווייטגייענדיקן פּלאַן...

— מיט דער הילף פון קאַטיען האָט מען קעגן מיר אָרגאַניזירט אַ פּראָצעס, אַז איך העץ די באַפעלקערונג צו קעמפן פאַר אַ פרייער אוקראַינע.

דער סוף — מען האָט מיך פאַרמשפּט אויף 10 יאָר אַרבעט־אויסבעסערונגס לאַגער, לויט דער סטאַטיי 10־54, די צווייטע טייל, פון דעם אוקראַאינישן שטראַף־־קאָדעקס. מיין אַפּעלאַציע האָט מען אָפּגעוואָרפן. איצט וואַרט געוויס סעמיאָן, קאַטיעס געליבטער, זיין ווייב זאָל מיך ירשנעןביים לעבן, ווייל פאַרמעל איז זי נאָך אַלץ מיין ווייב און וויעראָטשקאָ איז מיין טאָכטער...

## פאַר פאַרשוועכן די טרויער־טעג

אין די טורמעס און לאַגערן האָט מען געקענט געפונען הונדערטער מענטשן, וועמענס באַשולדיקונג איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, אַז זיי זאָלן זיך האָבן אויסגעדרוקט, אָדער אפילו געטראַכט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן, חלילה, אַנרירן דעם כבוד, אָדער פאַרשוועכן דעם הייליקן נאָמען פונעם גרויסן פירער מיט אַ וואָרט, מיט אַ ווונק.

אין אונדזער קאַמער נומער 110 איז געווען איינער אַ הויכער מאַן, מיט טונקל־געלע, כמעט מעשענע האָר, מיט אַ סך, אַ סך זומער־שפּרענקעלעך אויף זיין קיילעכדיקן פּנים. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קאַצישע אויגן און אַ גראָבע רויטע נאָז. ער האָט געאַרבעט אויף דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן אַלס מעכאַניקער אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן אין קיעוו. ער איז געווען אַ באַזיצער פון אַ רויט פּאַרטיי־ביכל און מיט אַ מיליטערישן טיטל:

„טעכניק לייטענאַנט״. דעם 6־טן מערץ 1953 יאָר, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט דורכן ראַדיאָ, אַז „סטאַלין איז געשטאָרבן״, האָט ער זיך ווי אַ פּיצל קינד צעוויינט, באַלד אָנגעטאָן אַ שוואַרצן טרויער־פּאַס אויפן אָרבל. זיין ווייב האָט אים געוואָלט באַרויקן און טרייסטן — איז איר נישט געלונגען. האָט זי אים דערלאַנגט אויפן ניכטערנעם מאָגן אַ הונדערט גראַם בראָנפן, איז דאָס געווען צו אַ קליינע פּאַרציע, ס׳זאָל ווירקן. האָט ער אויסגעטרונקען נאָך און נאָך... ביז ער איז שוין אַביסל איינגעשטילט געוואָרן. צוגעביסן האָט ער נישט און איז אַרויס אין גאַס.

זיינע שכנים האָבן באַלד געקוקט אויף אים קרום.

— פּיליפּ, — האָט זיך צו אים די ערשטע, געווענדעט זיין בלאָנדע שכנטע, די לערערין, — ווי שעמט איר זיך נישט?! אַ וועלט טרויערט היינט און איר שיכורט גאָר! פּע!

ער האָט אָנגעכאַפּט די לערערין ביי איר האַנט און אָנגעהויבן זי קושן.

— איר זענט גערעכט. פון ווייטיק און טרויער האָב איך עס געטאָן. איך ווייס, ווער ס׳איז שולדיק אין אונדזער גרויסן פּירערס טויט.

עס האָט זיך דערוויל פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרעסערע גרופּע מענטשן צווישן זיי אויך מיטאַרבעטער פון מ.וו.ד. אין ציווילע קליידער.

— אָט זיי, די „זשידעס״, די יידן, די שפּיאָנען. זיי האָבן אונדזער סטאַלינען אומגעבראַכט. זיי האָבן אים זיכער פאַרסמט. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן עס טאָן. נישט אַלע האָט מען געכאַפּט און אַרעסטירט. אַלע „זשידעס״ דאַרף מען שיסן, הענגען, אומברענגען. היטלער האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן. ווייניק! זייער ווייניק... אַלע ווי איינעם... — האָט ער זיך צעיאָמערט און צעשריגן אויף אַ קול.

צווישן עולם האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע יידן, עלטערע און ייִנגערע. די עלטערע האָבן זיך באַמיט אַרויסרוקן זיך אין אַ זייט און מאַכן פיס, די ייִנגערע ווידער האָבן זיך צעשריגן.

עמעצער האָט פאַרהאַלטן אַ טעקסי און עטלעכע יונגעלייט האָבן אים אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד און אַריינגעשלעפּט אין דער מאַשין. די מאַשין האָט אים פאַרפירט, וווּ מען דאַרף.

געמשפּט האָט אים דער מיליטערישער טריבונאַל. עדות האָבן נישט

געפעלט. פאַר באַליידיקן דעם כבוד פון פאַרשטאָרבענעם פירער, פאַר רופן צו פּאָגראָמען אויף אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, פאַר כוליגאַנישער אויפפירונג אין טאָג פון אַלמענטשלעכן טרויער, און נאָך, און נאָך... איז ער פאַרמשפט געוואָרן אויף טויט־שטראָף, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר אויסבעסערונג־אַרבעטס־לאַגער, מיט פאַרלירן די בירגער־רעכט אויף 5 יאָר. דעם זעלבן טאָג נאָכן משפט האָט מען אים אָוועקגעפירט אויף לוקיאַנאָווקע אין אַן איינצל־קאַמער. זיין ווייב האָט באַלד גענומען אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט איינגעגעבן אַן אַפּעלאַציע קעגן דעם אורטייל. אין רעזולטאַט האָט דער קיעווער הויפּט־געריכט אים געמינערט די שטראָף אויף 10 יאָר. דעריבער האָט מען אים אַריבערגעפירט צו אונדז אין קאַמער. האָט ער מורא געהאַט מער צו אַפּעלירן, כאָטש ער האָט געקאָנט עס טאָן. עס איז דאָך געבליבן דער העכסטער געריכט פון ס.ס.ס.ר., נאָר ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט ערגער מאַכן.

דער יונגער עטלעכע און צוואַנציק יעריקער לאָקאָמאָטיוו־פירער האָט אויך באַקומען 10 יאָר פאַר באַליידיקן דעם כבוד פונעם פירער אין טאָג פון אַלגעמיינעם טרויער. ער, ניקאָליי, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן קאָליאַ, איז פון דער משפחה אייזנבאַנער. דער טאַטע זיינער איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה, פירנדיק צום פראָנט אַמוניציע. קאָליע האָט פאַרענדיקט די 7 קלאַסן און אַוועק זיך לערנען 3 יאָר אין אַ שול פאַר לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן. נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט ער פריער געאַרבעט אַלס „קאָטשעגאַר", קוילן־אונטערוואַרפער אין אַ דאַמף־לאָקאָמאָטיוו, שפּעטער שוין אַלס געהילף פון מאַשיניסט. אין יאָר 1951 האָט מען אים שוין געטרויט צו פירן זעלבשטענדיק אַ לאָקאָמאָטיוו אויף אַ ווייטערער שטרעקע. אין דער אומגליקלעכער נאַכט פונעם 6־טן מערץ 1953 יאָר האָט ער געפירט זיין לאָקאָמאָטיוו מיט אַ פאַר צענדליק לאַסט־וואַגאָנעס אין דער ריכטונג צו קיעוו. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. פון איין זייט די היץ פון קעסל־אויוון און פון דער צווייטער — די אַרומיקע קעלט. אויף דער סטאַציע קאָראָסטיען איז ער, קאָליאַ, אַראָפּ אויף דער

סטאַנציע און געקויפט אין בופעט אַ פלעשל בראָנפן פון 250 גראַם .ווי ער האָט אָנגעהויבן צו טרונקען, איז צו אים צוגעגאַנגען איינער אין מיליטערישער קליידונג, אַן אָפיציר, און אַ זאָג געטאָן:

— ווי שעמט איר זיך נישט צו טרונקען, איר פאַראַוואָזניק?

— צום טייוול, ווער בעט אייך זיך מישן נישט אין אייער זאַך — האָט קאַליע אַ בייזער אים אָפּגעענטפערט, ער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער איז געווען אין וועג און נישט געהערט קיין ראַדיאָ. ער האָט געמיינט, אַז יענער וואַרפט אים פאָר וואָס ער טרונקט, כאָטש ער פירט אָן מיט אַ לאָקאָמאָטיוו.

— און דער טרויער נאָך אונדזער...

— איך האָב עס אין דער ערד. צום טייוול אַלץ, ווען מיר איז קאַלט...

ער האָט נישט דערהערט אפילו דעם אָפיצירס רייד ביזן סוף. יענער האָט באַלד אַרויסגערופן צוויי אַנדערע פון דער מיליץ.

קיין קיעוו איז ער שוין געפירט געוואָרן. קיין שום טענות און פאַרענטפערונגען, אַז ער האָט בשום אופן נישט געקענט וויסן, זייענדיק אַ גאַנצע נאַכט אין וועג, אַז סטאַלין איז געשטאָרבן, האָבן נישט געהאָלפן. זיין „דיעלאָ" איז געווען אַ קורצע, איינגאַנצן 6 זייטלעך. דער אורטייל איז געווען אויך אַ קורצער: 10 יאָר. די אַלטע מאַמע זיינע איז געקומען דעם צווייטן טאָג צולויפן אויף פראַנקאָ 19, געיאָמערט, געליאַרעמט, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן...

## נאָך צוויי יידן

נאָך דעם וואָס איך, אַלס דער צווייטער עדות אויפן פראָצעס פון אַלטן לערער־פענסיאָנער באַראַך, האָב אים גאָר פאַרטיידיקט, בין איך כמעט ווי געווען זיכער, אַז ער וועט באַפרייט ווערן, לויט דער אַמנעסטיע פונעם 27־טן מערץ 1953. ווי גרויס איז געווען מיין פאַרוווּנדערונג, ווען מען האָט אים אין אייניקע טעג אַרום אַריינגעטריבן צוזאַמען מיט נאָך איינעם, אַ יידן, אין אונדזער קאַמער נומער 110.

קליין און איינגעשרומפּן איז ער געווען. די ברילן האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט אויפן שפּיץ נאָז. כאָטש אין דרויסן זענען געשטאַנען גרויסע היצן, איז ער געווען ווינטערדיק אָנגעטאָן מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. אַריינקומענדיק אין קאַמער האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע כמעט בלינדע אויגן אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך דערשראָקן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן נערוועז צו פינטלען. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן צוריק צו דער טיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר מיר און מיט אַ ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן זיך בעטן: „זייט מיר מוחל, איך בין נישט שולדיק. זיי האָבן פאַר מיר אַזוי פיל אָנגערעדט אויף אייך. בשעתן משפּט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אַלץ איז ליגן״.

דערזעענדיק ווי עטלעכע פון דער קאַמער דערנענטערן זיך און צווישן זיי עטלעכע יידן־שונאים, אָט די, וואָס האָבן געדינט אין דער היטלעריס־טישער פּאָליציי אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ קענען זיי זיך אָפּרעכענען מיט אים, ווי בכלל מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָב איך אים אויפגעהויבן און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן אויף רוסיש: „ס׳איז נישט אַזוי לייכט זיך קעגנצושטעלן די כיטרע פּאַסקודניאַקעס. איר מיינט, אַז אַן אייערע באַשולדיקונגען וואָלטן זיי מיך נישט פאַרמשפּט? אַ סימן האָט איר, אַז אויך אייך האָט מען נישט געפּאַנקעוועט...״

אַזוי אַרום איז מאַראַך אַרויס דערוויילע גאַנץ. דער צווייטער ייד, וואָס איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט באַראַכן, איז געווען אַ מיטל־וווקסיקער, קרעפּטיקער יונגערמאַן, אין עלטער פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. כמעט מיליטעריש געקליידעט, נאָר אָן פּאַגאָנעס. ער האָט, ווייזט אויס, שוין געוווסט וועגן דעם, אַז באַראַך האָט מורא אַריינצופאַלן אין דער קאַמער, וווּ איך געפין זיך. ער האָט אפילו געבעטן ביים פּענצטערל, מען זאָל אים נישט פירן אין דער קאַמער, וווּ איך געפין זיך, נאָר ס׳האָט אים נישט געהאָלפן. מיין האַלטונג לגבי באַראַכן איז אים, ווייזט אויס, געפעלן. דעריבער האָט ער מיר זיין האַנט געגעבן און זיך פאָרגעשטעלט: „פינקעל אַנאַטאָלי״.

— ווו איז דאָ אַ פריי אָרט פאַר מיר ? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב אים אָנגעוויזן דאָס פרייע בעט אויפן צווייטן שטאָק, בשכנות מיט מיר. באַראַכן איז שוין אויסגעקומען צו פאַרנעמען דאָס פרייע אָרט פון דער צווייטער ריי. דער סטאַראָסטע האָט אָבער געזען, אַז ער איז כמעט בלינד און אַלט, האָט ער באַפוילן איינעם אַ ייִנגערן צו באַפרייען זיין פּלאַץ פון אונטן פאַר אים.

אויפן צווייטן טאָג, בשעת דעם שפּאַציר, האָט באַראַך זיך אָנגערופן צו מיר :

— איר ווייסט, אַז איך האָב שוין אַ ביסל אויסגעקויפט מיינע זינד לגבי אייך. אין מיין קאַסאַציע צו דער ריכטער־קאָלעגיע פון קיעווער קרייז־געריכט האָב איך געשריבן, אַז די אַלע באַשולדיקונגען קעגן אייך, וואָס איך האָב געמוזט אונטערשרייבן, זענען פאַלשע, אַז אייער אויספאָרשער ליסענקאָ האָט זיי ביי מיר אַרויסבאַקומען מיט דראָאונגען, אַ סימן, אַז פאַרן אויספאָרשער גאַזאַראָוו האָב איך אויף אייך כמעט גאָרנישט געזאָגט.

זעענדיק אין מיין פּנים, אַז איך צווייפל, צי ער זאָגט אמת, האָט ער צוגעגעבן : „ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך עס באַשטעטיקן נאָך אַמאָל".

— אויב ס'איז אייך נישט שווער — האָב איך אים געבעטן — די טעג, זאָגט מען, וועט מען אונדז געבן אַ מעגלעכקייט צו שרייבן אָנקלאַגעס, ביטעס, קאַסאַציעס, שרייבט עס אָן נאָך אַמאָל מיט אייער האַנט און איך וועל עס אַוועקשיקן און בעטן בייצולייגן צו מיין קאַסאַציע.

ער האָט דערויף מסכים געווען.

בעתן שפּאַציר האָט באַראַך מיר דערציילט מיאוסע אויפטוען פון אונדזער ביידנס פּראָוואָקאַטאָר גרופּין אַראָן סאַמאָילאָוויטש. אָט איז איינער פון זיי :

— אין קיעוו, אויף סטאַלינקע, האָט געוווינט אַן עלטערער ייִד, אַ הדרת־פּנים. מיט זיין ברייטער גראָער באָרד פלעגט ער זיך אויסטיילן פון אַנדערע. קיין רב איז ער נישט געווען, כאָטש ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות. צו אָט דעם ייִד האָט אים געבעטן גרופּין ער זאָל אים פירן.

— צוליב וואָס דאַרפט איר אים ? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך וויל אים בעטן, ער זאָל אין טאָג פון מיין מאַמעס יאָרצייט זאָגן נאָך איר קדיש.

— דאָרטן, ביי אים אין שטוב, האָט גרופּין מיט אַ דראַמאַטישער שטימע, כמעט מיט טרערן אין די אויגן, זיך מתוודה געווען פאַרן אַלטן ייד:

— איך בין אַ ייד מיט אַ יידיש האַרץ, כאָטש דער גורל און די לאַגע מיינע האָבן געבראַכט, איך זאָל האָבן אַ קריסטלעך ווייב און דעם אמת זאָגנדיק, איז מיין טאָכטער שוין אויך נישט קיין יידישע. ווען נישט היטלער, וואָלט איך געהאַט מיין ערשט ווייב און מיין זון; זיי זענען געווען יידן און אומגעקומען אין באַבי־יאַר. די נאָענטסטע וואָך האָב איך יאָרצייט נאָך מיין מאַמען, וויל איך אייך בעטן, איר זאָלט פאַר מיר זאָגן „קדיש" נאָך איר. איך אַליין בין שוין כמעט אויך א גוי און קען קיין „קדיש" נישט זאָגן. דערצו בין איך אַ לערער אין אַ סאָוויעטישער שול. עס פּאַסט נישט אויך. איך וועל אייך שיין באַצאָלן דערפאַר. — דערביי האָט ער אַרויסגענומען אַ פינפאונצוואַנציקער און געגעבן דעם יידן.

דער עלטערער ייד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געלט.

— „קדיש" וועל איך זאָגן נאָך אייער מאַמען, נאָר פאַר קיין מצווה נעמט מען קיין געלט נישט.

— טאָ בעט איך אייך צעטיילן דאָס געלט פאַר אָרעמע לייט. איך מיין, אַז מען זאַמלט אויך געלט פאַר אָרעמעלייט פון ישראל, קענט איר זיי אויך אַוועקגעבן.

דער עלטערער ייד האָט אויסגעגלאָצט אויף גרופּינען אַ פּאָר גרויסע אויגן:

— ישראל? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר מיט ישראל? מיר פאַרנעמען געלט און גייט געזונטערהייט. „קדיש" וועל איך סיי־ווי זאָגן.

זיך בכלל נישט מיט קיין פּאָליטיק. נעמט, איך בעט אייך, יונגערמאַן, אייער

מיט די רייד האָט דער עלטערער ברייט־באָרדיקער ייד כמעט אים אַרויסגעשטופּט פון זיין שטוב.

— איצט — האָט באַראַך פאַרענדיקט — פאַרשטיי איך דעם גאַנצן מיין זיינעם. ער האָט אויך דעם יידן געוואָלט אַריינשלעפּן אין אַן אומגליק.

עס איז אים נישט געלונגען. איך קען נאָר נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס ברענגט ער אַזוי פיל אומגליקן אויף אומשולדיקע יידן?

— ס׳איז גאָרנישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין — האָב איך אים קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט — ס׳איז אַ סיסטעם אַזאַ. עס זיצט אַ גרויסער שטאַט פון פראָקוראָרן, אויספאָרשער און זייערע געהילפן און דאַרפן עפּעס אויפטאָן. שלעפּן זיי דעריבער אַריין מענטשן און פאָדערן פון זיי „פּאָדאַוואַי״, שטעל־צו וואָס מער מאַטעריאַל, און ער איז איינער פון זיי...

## אז מען לעבט — דערלעבט מען

מיין שכן אַנאַטאָלי פינקעל, וואָס האָט געטראָגן אַ מונדיר פון אַן אָפיציר, האָט גערעדט רוסיש מיט אַ שיינעם אַקצענט. די פראַזן, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, זענען געווען אָפּגעהאַקטע. מען האָט געזען, אַז דער מענטש פלעגט אָפט אַרויסגעבן באַפעלן. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, גוט אויסגימנאַסטיקירט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגן מענטשן, וואָס האָט 12 יאָר געדינט אין מיליטער, אין דער רויטער אַרמיי. אַריינגעטרעטן איז ער אַלס רעקרוט אין יאָר 1940. ער איז געווען אַ פּוסגייער, באַדינט אַ קוילנוואַרפער. און נישט איינמאָל פלעגט ער מיט זיין התלהבות מיטרייסן מיט זיך אין אַנגריף צענדליקער פון זיינע חברים. וויפל אָרדנס און מעדאַלן האָט ער באַקומען פאַר זיינע העלדנטאַטן?! די מלחמה האָט ער פאַרענדיקט אַלס לייטענאַנט און דערצו מיט אַ רויט פאַרטיי־ביכל אין דער בוזעם־קעשענע.

במשך פון דער גאַנצער מלחמה האָט ער גאָרנישט געוווסט וועגן זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע און זיין שוועסטער. עפּעס האָבן זיך דערטראָגן צו אים אָפּגעהאַקטע ידיעות, אַז אַ גרויסער טייל פון די בעסאַראַבער יידן זענען לעבן געבליבן, אָבער געננוי וואָס עס איז געשען מיט זייניקע האָט אַנאַטאָלי נישט געוווסט. ווי גרויס איז געווען די פרייד, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען אין בעסאַראַביע, אין קישיניעוו. דער

טאַטע איז שוין גאָר אַלט געוואָרן, די מאַמע האָט געקרענקט. אויך זיין שוועסטער וווינט צוזאַמען מיט זיי, דער מאַן אירער, יחיאל, איז נישט געקומען צוריק פון דער מלחמה. די איינציקע טרייסט אירע איז איר קינד רחלע, אַ בלייך שוואַרץ מיידעלע מיט צעפּעלעך און פלאַמענדיקע אייגעלעך.

די עלטערן האָבן געוואָלט, ער זאָל זיך דעמאָביליזירן און קומען זיך באַזעצן אין קישיניעוו, אָבער זיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אים פאַרגעלייגט צו בלייבן אין דער אַרמיי. נאָך פאַר דער מלחמה האָט פינקעל געענדיקט אַ טעכנישע מיטלשול און איצט האָט מען אים פאָרגעלייגט ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג איבער די מיליטערישע פאַך־וואַרשטאַטן, וואָס באַזאָרגן די אַרמיי מיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפן. מען האָט אים געהעכערט זיין ראַנג אויף קאַפּיטאַן, געגעבן אים אין „מיליטערישן שטעטל", נישט ווייט פון זשיטאָמיר, אויף אוקראַינע, אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך אין אַ באַזונדער הייזל. אין קיעוו האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יונג מיידל, וואָס איז מיט איר מוטער געקומען פון דער עוואַקואַציע, פון אוזבעקיסטאַן. חוה האָט זי געהייסן. דער פאָטער אירער מיט אַ ברודער זענען אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה ערגעץ אויף די פראָנטן. זיי האָבן נישט געקענט אָפּנעמען צוריק זייער דירה, וואָס איז געווען רואינירט, אָבער דאָך געשטאַנען אויף דער רויט־אַרמייער גאַס. נאָך עטלעכע באַגעגענישן מיט חוהן האָבן זיי באַשלאָסן חתונה צו האָבן. נאָך דער חתונה איז די מוטער פאַרבליבן אין צימער און חוה איז אַריבער וווינען אין דעם „מיליטערישן שטעטל".

זיי האָבן געלעבט צופרידן. אַ גאַנצן טאָג איז חוה געווען אַליין אין שטוב, געבאַלעבאַטעוועט און געלייענט. אָפט פלעגט זי צופאָרן צו איר מוטער קיין קיעוו. אין די אָוונטן פלעגן זיי פאַרברענגען צוזאַמען, אָדער גיין אין קינאָ.

אין אַ יאָר אַרום האָט חוה אים געשענקט אַ טעכטערל, אַ בלאָנד שיין מיידעלע. חוה האָט געבוירן דאָס קינד מיט גרויסע שוועריקייטן און איז געווען אָפּגעשוואַכט. איר מוטער איז דעריבער צו זיי צייטווייליק אַריבער־געפאָרן און געהאָלפן האָדעווען דאָס קינד.

אַנאַטאָלי האָט שווער געהאָרעוועט אין זיינע וואַרשטאַטן און די אַרבעט

זיינע האָט אים באַפרידיקט. נאָך פינף יאָר אָנפירן מיט די מיליטערישע וואַרשטאַטן, האָט אַנאַטאָלי אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. קריטיק איז געווען, אָבער מען האָט אים אויסגעדריקט אָנערקענונג און אַ דאַנק פאַר זיין אַרבעט. ער איז געוואָרן מאַיאָר. אין 1949 יאָר האָט זיין ווייב חוה געבוירן אַ זון. אַנאַטאָלי האָט געהאַט צוטריט צו די בעסטע דאָקטוירים. ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט ער זי געבראַכט אַהיים צוזאַמען מיט זיין זון אַלעקסאַנדער.

דער זיידע און די באָבע פון בעסעראַביע, אַנאַטאָליס עלטערן, זענען שוין גאָר אַלט געווען. זיי האָבן שטאַרק געוואָלט זען זייערע אייניקלעך. דער פאָטער האָט געשריבן, אַז מיט דער „אַלטער באָבען" האַלט שלעכט. און אויב אַנאַטאָלי און חוה ווילן זי דערהאַלטןביים לעבן, זאָלן זיי וואָס גיכער אַראָפּקומען קיין קישינעוו, צוזאַמען מיט די אייניקלעך.

## די שריפה

ס'איז געווען אָנהויב זומער. פון זיין העכערער מאַכט האָט ער באַקומען אורלויב אויף אַ חודש. דערביי האָט מען אים דערלויבט איינעם פון זיינע געהילפן פיאָדאָרענקאָ צו באַשטימען אַלס זיין פאַרטרעטער. גאָר שנעל האָט אַנאַטאָלי אַלץ דערלעדיקט און אַוועקגעפאָרן קיין קישיניעוו. מיט גרויס פרייד האָבן דער זיידע מיט דער באָבען אויפגענומען די קינדער און די אייניקלעך. די באָבע איז שוין גאָר אַלט געווען, זי פלעגט זיך שוין נישט אויפהויבן פון בעט. שטענדיק פלעגן טרערנען אירע אויגן. דער זיידע ווידער איז נאָך געווען רירערודיק געווען. זיי זענען געווען גליקלעך מיט די געסט. אַנאַטאָלי האָט געדונגען נישט ווייט פון זיינע עלטערנס דירה אַ דאַטשע־דירה אויף אַ חודש. אַרום איז געווען אַ סאָד מיט אַ סך פרוכטן־ביימער. די באַלעבאָסטע פלעגט אַלץ צוגרייטן פאַר זיי, קאָכן מיטאָגן און חוה פלעגט נאָר צוגרייטן פרישטיקן און אָוונט־ברויטן. די קינדער האָבן זיך געפונען אויף דער פרייער לופט און געשפּילט זיך.

איייניקע מאָל האָט געטראָפן, אַז ער, אַנאַטאָלי, פלעגט פון זיין צימער, דורך דער דינער וואַנט, הערן אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון ראַדיאָ אויף יידיש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען די ידיעות פון „קול ישראל". ער וואָלט מיט גרויס אינטערעס זיי געהערט, נאָר קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן.

אַנאַטאָלי האָט געמוזט אויף דער דריטער וואָך פאָרן שנעל אַהיים. ער האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פונעם יידישן זעלנער סאַשע גאָלדשטיין, וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט די שליסלען און געבעטן אַמאָל אַריינכאַפּן זיך צו זיי אין שטוב און באַגיסן די בלומען. די טעלעגראַמע איז געווען אַ קורצע און אַן איבעראַשנדיקע: „אַ שריפה אין די שניידער־וואַרשטאַטן. איינצלהייטן אויפן אָרט". דעם זעלבן טאָג האָט אַנאַטאָלי זיך געזעגנט מיטן פאָטער און מיט דער מוטער און אָפּגעפאָרן מיט זיין ווייב און קינדער קיין קיעוו. חוה מיט די קינדער זענען פאַרבליבן ביי איר מוטער. ער אַליין איז אַפּגעפאָרן קיין זשיטאָמיר און אַוועק אין דער ריכטונג פון די וואַרשטאַטן. זיין פּלוצימדיק קומען האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרוווּנדערונג ביי זיין פאַרטרעטער, דעם קאַפּיטאַן פיאָדאָרענקאָ. וואָס איז? ס'איז גאָרנישט געשען. ס'איז געווען אַ קורצשלוס פון דער עלעקטרישער ליניע. ווען דאָס געשעט ביינאַכט וואָלט אַ סך ערגער געווען. ביי טאָג האָבן די מיליטערישע פייערלעשער זיך אַליין אַן עצה געגעבן. ווען די זשיטאָמירער פייערלעשער זענען אָנגעקומען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

אַנאַטאָלי האָט געקוקט אויפן קאַפּיטאַן פיאָדאָרענקאָ און געטראַכט: „וואָס איז ער אַזוי רואיק?" צי פאַרשטייט ער נישט, דער קאַפּיטאַן, מיט וואָס עס איז פאַרבונדן אַ שריפה אין אַ מיליטערישן אָביעקט? ס'וועלן נאָך זיין אויספאָרשונגען און ס'וועלן קומען קאָמיסיעס אויף קאָמיסיעס.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער שריפה האָט זיך אין דער מיליטערישער צייטונג „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" באַוויזן אַ קורצע נאָטיץ א. נ. „אַ שריפה אין די וואַרשטאַטן". די נאָטיץ איז געשריבן געוואָרן גענוג שאַרף און צווייד'ייטיק: „אין די וואַרשטאַטן, וו עס איז נאַטשאַלניק דער מאַיאָר פינקעל, איז נעכטן אויסגעבראָכן אַ שריפה. די אָרטיקע פייערלעשער און אויך די אַרויסגערופענע פייערלעשער פון זשיטאָמיר, ביי דער מיטהילף

פון קאַפּיטאַן פּיאַדאָרענקאָ מיט זיינע זעלנער איז נאָך גרויסע באַמיאונגען געלונגען די שריפה צו לאָקאַליזירן. דער שאָדן איז נאָך נישט פעסט־געשטעלט געוואָרן. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש וואָס דער מאַיאָר פינקעל אַליין איז ביי דער שריפה נישט געווען. ער פאַרברענגט זיך רואיק אויף אַ דאַטשע... ס׳איז שוין צייט, אַז די פּאַרטיי און די אויספאָרשונגס־אָרגאַנען זאָלן זיך נענטער פאַראינטערעסירן מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין די מלוכהשע וואַרשטאַטן״...

די נאָטיץ האָט אַנאַטאָלי עטלעכע מאָל איבערגעלייענט. אַ געפיל פון אומרו איז אים באַפאַלן. ער האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן וועגן גרויסן פּראָצעס, וואָס גרייט זיך אין מאָסקווע, קעגן די יידישע פּראָפעסאָרן פון קרעמל. ער האָט באַמערקט, אַז אין דער נאָטיץ איז זיין נאָמען פינקעל אַנאַטאָלי געשריבן מיט גרעסערע אותיות.

## דער אומגעריכטער אומגליק

דערוויסנדיק זיך אַז דער מאַיאָר איז געקומען, איז דער יידישער סאָלדאַט, וועלכן מען האָט גערופן ביים נאָמען סאַשע, געקומען צולויפן מיט די שליסלען פון דער שטוב. ער איז געווען שטאַרק צערודערט. אין שטוב איז אַלץ געווען אין בעסטן אָרדענונג.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער טעלעגראַמע — האָט דער מאַיאָר פינקעל זיך געווענדעט צו אים — די שריפה איז נישט געפערלעך.

— אַנטשולדיקט, חבר מאַיאָר — האָט סאַשע זיך אָפּגערופן אין דער שטיל — נאָר אַלץ וואָס אַרום דער שריפה איז געפערלעך. מיר, די פּאָר יידן, וואָס אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן, האָבן עס שוין אָפּגעפילט. מיר האָבן עס נאָך אָפּגעפילט פון דעם טאָג וואָס די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן וועגן אַרעסט פון די יידישע פּראָפעסאָרן אין קרעמל. אָבער כל זמן איר, חבר מאַיאָר, זענט געווען, איז געווען שטיל. זיי האָבן געהאַלטן פּיסק... איצט מאַכן זיי אָפן חוזק פון אונדז. און אפילו פון אייך, חבר מאַיאָר, אויך...

אויפן צווייטן טאָג איז ער געפאָרן קיין זשיטאָמיר אין פּאַרטיי־קאָמיטעט. דאָרט האָט ער געטראָכט אַ שמועס־טאָן מיט דאַווידאָוון, דעם סעקרעטאַר פּאַר פּראָפּאַגאַנדע, וועגן דער נאָטיץ אין דער צייטונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זיין חבר דאַווידאָוו, דער אַלטער קאָמוניסט, אַרבעט שוין נישט דאָרטן. אויף זיין אָרט אַרבעט א נייער, אַן אוקראַינער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אויפצונעמען, ווייל ער האָט קיין צייט נישט... אויפן צווייטן טאָג איז ער געפאָרן קיין קיעוו, כדי צו באַרואיקן זיין ווייב און שוויגער. חוה איז אָבער רואיקער נישט געוואָרן, נאָך דעם וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון איר מאַמען וועגן אַלץ וואָס ס׳קומט פאַר אין קיעוו.

— כמעט אַלע טאָג קומען פאַר אַרעסטן פון יידן — האָט חוה איבערגעגעבן איר מאַן די נייעס. — דער „וויעטשירני קיעוו״ איז פול מיט אַרטיקלען וועגן יידן „לייִדיק־גייערס, ספּעקולאַנטן און אומזיסטע פרעסערס״. מען דערציילט, אַז פון אָנפירנדיקע פּאָסטנס באַפרייט מען יידן. אין „לענינסקאַיאַ קוזניע״, אין „באָלשעוויק״, אומעטום, אומעטום...

דעם זעלבן טאָג איז געקומען דער „דזיעלניצאָווי״ פון דער מיליץ צו חוהס מאַמען און געפאָדערט, אַז אירע געסט זאָלן ווערן צייטווייליק איינגעמאָלדן.

אַזוי האָט דער מאַיאָר אַנאַטאָלי פינקעל דערציילט מיר און אויך באַראַכן אַ טייל פון זיין לעבנס־געשיכטע בשעת אונדזערע שפּאַצירן. מען האָט געפילט ווי דאָס אַלץ האָט אים ווייַ געטאָן און דעריבער האָט ער באַמיט זיך צו פאַרקירצן:

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים אין „אָבקאָם״ (קרייז־קאָמיטעט) פון דער פּאַרטיי פאַרגעלייגט צייטווייליק אָפּצוגעבן זיין פּאַרטיי־בילעט, די מיליטערישע מאַכט האָט צייטווייליק צוגענומען ביי אים זיין טיטל מאַיאָר און אויך זיינע אָרדנס און מעדאַלן, די פּראָקוראָטור האָט פאַראָרדנט אים צו אַרעסטירן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שריפה אין די וואַרשטאַטן און אויך פּאַר אַנדערע חטאים, וועלכע וועלן ווערן אויפגעקלערט אין דער אויספאָרשונג. פיר חדשים פון פּיין און דערנידערונגען האָט ער אַדורכגעמאַכט אין אַן איינצל־קאַמער פון דער אויספאָרשונגס־טורמע. די באַשולדיקונג אין דער שריפה איז צערונען געוואָרן ווי אַ זייפן־בלאָז.

עס איז נאָר געווען אַן אויסרייד, כדי אים אַריינצונעמען אין זייערע לאַפּעס. אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים האָבן געטראָגן אַ ריין פּאָליטישן כאַראַקטער. פון אָנהויב האָט אַנאַטאָלי געלאַכט פון זייערע אומגעלומפּערטע געמיינהייטן, וועלכע זיי האָבן אויף אים אויסגעטראַכט. ער זאָל האָבן אַרויסגעזאָגט פאַר מענטשן אַנטי־סאָוויעטישע מיינונגען קעגן די קאָלכאָזן. ער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז אַרום אונדזער גרויסן פירער ווערט געשאַפן אַ קינסטלעכער אָרעאָל פון געטלעכקייט, אַז עס ווערט געפירט אַ דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער יידישער מינדערהייט אין לאַנד.

ווען דער יידישער סאָלדאַט סאַשע און אויך די באַלעבאַטעם זיינע פון קישיניעוו זענען געשטעלט געוואָרן מיט אים פנים אל פנים און זיי האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אונטערגעהאַלטן אַ סך פון די באַשולדיקונגען, איז זיין קעמפערישקייט געפאַלן. דאָך איז ער ביזן סוף געבליבן ביי זיינעם, אַז די באַשולדיקונגען זענען דורכויס פאַלש און ער האָט זיך נישט אָנערקענט פאַר שולדיק אין קיין שום זאַך.

אַ טויט מידן, סיי פיזיש, סיי גייסטיק האָט מען אים אונטער אַ שטרענגער וואַך געפירט אין מיליטערישן טריבונאַל. ער האָט זיך ביי פאַרמאַכטע טירן אַליין פאַרטיידיקט. דער אורטייל איז געווען: זיבן יאָר אַרבעטס־לאַגער.

## דער ,טיולקעס׳־שטרייק

מאָנטיק איז געווען דער באַשטימטער טאָג, ווען די קיעווער פלעגן ברענגען זייערע „פּערעדאַטשעס״ אין טורמע. דאָנערשטיק — דער טאָג פאַר די פּראָווינצער פון נאָענט און פון ווייט. די אַרעסטאַנטן פלעגט מען אַרויסרופן אין גרויסן קאָרידאָר. אויף דער פּאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קעסטעלע מיט מאַכלים, וואָס מען האָט פאַר זיי געבראַכט. מען האָט באַדאַרפט אַלץ אַריבערלייגן אויף אַ דיקטן־ברעטעלע און אַריינטראָגן צו זיך אין קאַמער אַריין. אויף דעם ברעטעלע זענען געלעגן מערסטנס פּרוכטן צעשניטענע אויף דער העלפט, אוגערקעס און פּאָמידאָרן צעשניטענע אויף דער העלפט

אָדער אין פיר טיילן. אויך די ברויטלעך אָדער חלות פלעגן זיין צעשניטן. קיין געטראַנקען אין גלעזערנע פלעשער פלעגן נישט צוגענומען ווערן.

די צעשניטענע פּרוכטן און גרינסן פלעגן באַלד אָוועקגעלייגט ווערן אויפן טיש. עס פלעגן זיך אַזוי אַרום אָנזאַמלען גאַנצע בערג. און ווען דער לעצטער האָט שוין זיין „פּערעדאַטשע" באַקומען, פלעגן צוויי, באַשטימטע דורכן סטאַראָסטע, טיילן אויף גלייכע דרייסיק חלקים. עס איז געווען אַ טאָג פון פרעסן, און איבערעסן זיך.

ווי אויף צו להכעיס פלעגט מען אין די מאָנטיקן און דאָנערשטיקן נישט געבן צו פרישטיק קיין טיולקעס. טיולקעס דאָס זענען קליינע געזאַלצענע פישעלעך, וואָס ווערן דורך פּאָמפּעס אַריינגעצויגן אויף גרויסע שיפן צוזאַמען מיט דעם געזאַלצענעם וואַסער. דאָס וואַסער רינט אָפּ צוריק און הונדערטער טאָנען פיצלעך הערינגלעך ווערן פּאַרפּאַקט אין הילצערנע פעסער און אַוועקגעשיקט אַלס אָנגייענדיקע סחורה פאַר די בירגער, אָנשטאָט הערינג. „ס'איז ביי אונדז אַ לעבן פון טיולקעס" — פלעגט אַרומגיין אַ ווערטל. טיולקעס מיט פּאָמידאָרן און אוגערקעס איז אַ מאַכל. נאָך דעם מאַכל האָט מען אָבער געמוזט טרינקען אַ סך וואַסער.

אין דער לעצטער וואָך זענען די טיולקעס, וואָס מען פלעגט אַריינגעבן צום פרישטיק, געווען ערגער ווי שטענדיק. פיצלעך פישעלעך, מיט געפּלאַצטע בייכעלעך, מיט און אָן קעפּלעך, דערצו אַזעלכע צעקראָכענע מיט אַן אומאָנגענעמען ריח דערצו. ס'ווייזט אויס, אַז די אָנגעהויבענע פעסער מיט טיולקעס פלעקט מען שעהנווייז לאָזן אָפן אין דרויסן אויף דער ברענענדיקער זון, זענען זיי קאַליע און פאַרפוילט געוואָרן. און אפשר האָט מען בכלל געבראַכט אַ מאַשין מיט פוילע טיולקעס?

נעכטן, מיטוואָך, איז געווען אַ טיולקע־שפּאַציר. אַלע האָבן געשמועסט וועגן טיולקעס.

נאָך נעכטן אין אָוונט האָט איינער פון אונדזערע פּרעלעגענטן אין קאַמער, דער דאָקטאָר ראַפּאַלענקאָ, געשמועסט וועגן דעזינטעריע־קרענק און דערביי דערמאָנט, אַז די קרענק קען קומען פון אַזעלכע טיולקעס, וואָס מיר באַקומען...

במשך פונם גאַנצן שפּאַציר אויפן צווייטן טאָג זענען געפלויגן די קאַר־

טאָנדלעך פון די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן פון הויף צו הויף מיט אויפ־שריפטן. „זאָלן זיי זיך אַליין אָנשטאָפּן די בייכער מיט די פאַרשטונקענע טיולקעס!״

מען האָט באַקומען ענטפערס: „קאַמער 106 איז מסכים״, „קאַמער 101 — מסכים״ „מיר־גנבים־מסכים״! א.א. וו.

אויף מאָרגן איז געשען דאָס, אויף וואָס די אַדמיניסטראַציע פון דער טור־מע האָט זיך נישט געריכט.

פון אַלע קאַמערן האָט מען זיך אָפּגעזאָגט צוצונעמען די שיסלען מיט די טיולקעס.

וואָלט איינע אָדער צוויי קאַמערן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די טיולקעס, — איז מילא. ווען וואָלט עס געאַרט? אָבער אַלע קאַמערן אין איין טאָג — דאָס איז געפערלעך, דאָס שמעקט שוין מיט אַן אָרגאַניזירטן בונט. וועגן דעם מוז מען שוין געבן צו וויסן דער העכערער מאַכט. קיינער וויל אויף זיך נישט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ווייטערדיקע פאָלגן. הייַנט ווילן זיי נישט צונעמען די טולקעס און מאָרגן קענען זיי דערקלערן אַ הונגער־שטרייק. דאַן וועט מען פרעגן: די סיגנאַלן? ווו זענען געווען אייערע סיגנאַלן?

דעם זעלבען טאָג נאָכמיטאָג, אַרום פיר בייטאָג, איז אַריינגעקומען צו אונדז אין קאַמער אַ קאָמיסיע פון פיר מענער, צוויי פון זיי אין מונדירן פון מיליץ־אָפיצירן און צוויי ציוויל געקליידעט. אַלע האָבן מיר זיך בליץ־שנעל אויפגעשטעלט, ווי זעלנער, אין צוויי רייען און דער סטאַראָסטע האָט זיי שטענדיק ראַפּאָרטירט:

— אין קאַמער נומער 110 זענען פאַראַן 30 פּאַרמישפּעטע. אַלע זענען געזונט! —

זיי, די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געשטעלט עטלעכע שטאַנ־דאַרטע פראַגן:

— צי זענען פאַראַן אָנקלאַגעס? צי זענען מיר צופרידן פון דער באַשפּיי־זונג? צי איז זי גענוגנד? צי ווערט עמיצער באַעוולט אין דער קאַמער דורך דער אַדמיניסטראַציע, אָדער דורך זיינע חברים? —

אונדזער דאָקטאָר האָט געענטפערט דער ערשטער: וועגן די טיולקעס,

וועלכע מען האָט לעצטנס אַריינגעבראַכט. זיי זענען נישט קיין פרישע און זענען שעדלעך פאַרן געזונט.

איוואַן פּיעטראָוויטש האָט צוגעגעבן: אונדזערע אייגענע קויפן איין פּאָר זייערע לעצטע גראָשנס די בעסטע פּרוכטן, אוגערקעס און פּאָמידאָרן און ברענגען פאַר אונדז. אין וועלכן צושטאַנד באַקומען מיר זיי? שטיקלעך און פּיצלעך. צי קענען אַזעלכע ליגן מער ווי עטלעכע שעה? איז טאַקע דעריבער איין מאָל גוסטאָ (געדיכט) און אויף מאָרגן „פּוסטאָ" — שוין פּוסט. מען דאַרף רעווידירן דעם נישט לאָגישן און שעדלעכן מנהג אין טורמע.

איוואַן גריגוריוק האָט צוגעגעבן: „פּונקט אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן אַ סך פּאָמידאָרן און אוגערקעס, גיט מען נישט קיין טיולקעס. און ווער ווייסט נישט, אַז טיולקעס מיט פּאָמידאָרן דאָס איז אַ מאַכל, כאָטש פּרעס און ווער צעפּלאַצט". אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון זיין חכמה. אויך די קאָמיסיע־מענטשן האָבן צוגעשמייכלט.

מיט דעם איז דער שמועס מיט דער קאָמיסיע פאַרענדיקט געוואָרן. זיי האָבן צוגעזאָגט אַלע פראַגן צו באַטראַכטן און, וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זיין, אויסבעסערן.

נאָכדעם ווי די קאָמיסיע איז אַוועק, האָט געהערשט אין קאָמער אַ געהויבענע שטילקייט. אַלע זענען כמעט זיכער געווען, אַז דאָס מאָל וועלן זיי אַראָפּלאָזן די קעפּלעך און נאָכגעבן.

קלענערע גרופּן זענען זיך צונויפגעקומען און געשמועסט צווישן זיך.

— זיי אַרט נישט, נאָר די העזה — האָט זיך אָנגערופן איוואַן פּעטראָוויטש צו מיר מיט אַ כיטרען טריאומף־שמייכעלע אויף די ליפּן — נישט די טיולקעס גייען זיי אָן. מאָרגן וועט איר זען, אז די טיולקעס וועלן שוין זיין פרישע. אָבער די אָרגאַניזאַציע? די אָרגאַניזאַטאָרן ווער זענען? — דאָס גייט זיי דווקא יאָ אָן. אַ קליייניקייט — אַלע קאָמערן זענען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן. קיין מגע ומשא קען צווישן איין קאָמער און דער צווייטער נישט זיין. דערצו פּאָליטישע און גנבים, ביטאָוויקעס און מערדערס, ווי קומט איינער צום אַנדערן? דאָך האָבן אַלע, ווי איינער, אין איין און דעם זעלבן טאָג אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אָרגאַניזירטע קראַפט — אָט דאָס איז די סיבה פון זייער קומען נאָך אין דעם זעלבן טאָג.

# נישט דערוואַרט זיך

אויף יענעם טאָג האָבן אַ סך פון די פּאַרמשפּטע אין דער קאַמער נומער 110 געוואַרט מיט אומגעדולד. געוויס איז ביי אייניקע פון אונדז דער בלוט־דרוק געווען אַ העכערער ווי געוויינלעך. דאָך האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז קיינער קוקט נישט אַזוי ווי איך אויף דער טיר מיט אַזוי פיל אומגעדולד און וואַרט, אַז אָט־אָט וועט מען אויסרופן דורכן פענצטערל מיין נאָמען, איך זאָל גיין אויף דער ערשטער „זעאונג" מיט מיין ווייב. איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויסגערופן געוואָרן די, וואָס זייערע אייגענע ווייבער וווינען ווייטער פון קיעוו. אַ סך פון זיי האָט מען נאָך אינדערפרי איבערגעגעבן די „פּערעדאַטשעס". אייניקע זענען אַריינגעקומען צוריק שמייכלענדיק, ווי זיי וואָלטן באַקומען אַ גוטע בשורה; אייניקע מיט גלייכגילטיקע פּנימער, וואָס זאָגן גאָרנישט, פּונקט ווי עס איז גאָרנישט קיין וויכטיקס געשען. ווען מען האָט גאָר פּלוצים אומגעריכט אַרויסגערופן אונדזער חבר פינקעל אַנאַטאָלי, בין איך געוואָרן צערודערט. פּונקט ווי ס'וואָלט נוגע געווען מיר. די גאַנצע צען מינוט בין איך נישט געווען אימשטאַנד צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. אויך אַנאַטאָלי האָט שוין זיין ווייב נישט געזען פון לאַנג. יאָ, ווען מען האָט אים געפירט אונטער אַ שטרענגער באַוואָפנטער וואַך צום מיליטערישן טריבונאַל, איז פּלוצים אַדורכגעלאָפן דורך די זעלנער זיין דריי־יאָריק זונדל אַלעקסאַנדער און מיט אַ געשריי „פּאַפּאַ" זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים און געקושט אים. אים איז דאַן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט מורא געהאַט מען זאָל, חלילה, זיין קינד קיין שלעכטס נישט טאָן. מען האָט דאָס קינד, וואָס האָט געשריען און געוואַלדעוועט אָפּגעריסן פון אים מיט כוח און איבערגעגעבן זיין חוהן, וואָס איז געווען דערביי און האָט נישט באַוויזן דאָס קינד צו פאַרהאַלטן. צי האָט ער זי דאַן געזען, האָט ער נישט געדענקט. אַפילו ווען ער, אַנאַטאָלי, האָט אונדז דערציילט וועגן דעם איבערגעלעבטן עפּיזאָד, איז ער געווען אַזוי צערודערט, פּונקט ווי ס'וואָלט ערשט היינט פאָרגעקומען.

די צען מינוט זענען בליץ־שנעל אַריבערגעלאָפן און ער, אַנאַטאָלי, דער געווזענער מאַיאָר און שטאָלצער ייד, איז אַריינגעקומען צוריק אַ צעבראָ־

כּעגער, מיט טרערן אין די אויגן. נישט וועלנדיק, אַז עמיצער זאָל אים זען אין אַזאַ דערשלאָגענעם צושטאַנד, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף זיין געלעגער און לאַנג געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ...

מיין ווייב האָט אויך פאַר מיר געבראַכט די „פּערעדאַטשע״ : דעם צוקער, ווורשט און אירע היימישע קיכעלעך האָב איך באַהאַלטן. די רעשט האָב איך אַרויסגעלייגט אויפן טיש.

ווען מ׳האָט מיר דערקלערט, אַז די, וואָס ווינען אין קיעוו גופא, באַקומען זעאונגען ערשט פון דריי בייטאָג, האָב איך זיך באַרואיקט און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. איך האָב אין געדאַנק צונויפגעשטעלט אַ גענויעם פּלאַן פון קורצע פראַגן וועלכע איך וועל שטעלן, כּדי ס׳זאָל, חלילה, קיין איין מינוט נישט גיין פאַרלוירן.

איוואַן גריגאָריוק איז געלונגען, בשעת דער זעאונג מיט זיין זון, זיך דער־וויסן אַ וויכטיקע נייעס פון דער פריי : „בעריאַ איז אַרעסטירט, אַלס שונא פונעם פאָלק. עס וואַרט אויף אים טויט־שטראָף״.

דער הייגטיקער שפּאַציר איז אַריבער האָפערדיק און אינטערעסאַנט. די נייעס וועגן בעריען איז געפלויגן דיסקרעט פון הייפל צו הייפל און עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען איך וועל באַשטעטיקן, אַז נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָבן כּמעט אַלע פאַרשלאָסענע דאָ אין טורמע „אונטער זיבן שלעסער״, געוווּסט וועגן דער נייעס. ווי אַזוי אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש איז געשען, האָט קיינער גענוי נישט געוווּסט. בעריאַ — די רעכטע האַנט פון סטאַלינען, דער הויפּט־אָנפירער פון די מ.ג.ב.־כּוחות, פון די גרענעץ־כּוחות — איז אַרעסטירט. דורך וועמען ? ווי אַזוי ? דערויף זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, איינע פאַנטאַסטישער פון דער צווייטער. עס זענען געוואָרפן געוואָרן נעמען : זשוקאָוו, מאַלענקאָוו, כרושטשאָוו און אַנדערע — אָט די וואָס זאָלן עס האָבן אָפּגעטאָן מיט בעריאַן, כּדי צו פאַר־כאַפּן דאָס בענקל נאָך סטאַלינען. מען מוז זיך אָבער גענויער וועגן דעם דערוויסן און דערצו נאָך הייגט, בעת די זעאונגען, וואָס וועלן פאָרקומען נאָכמיטאָג. פון אונדזער קאַמער האָט מען אַממערסטנס געלייגט האָפענונגען אויף מיר.

בעתן שפּאַציר האָבן מיר נישט געוואַגט צו פרעגן אנאַטאָליען, וואָס איז

געשען, מיר האָבן געוואָרט, ער זאָל אַליין דערציילן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

די גאַנצע צייט, בשעת ער איז געזעסן אין דער אויספאָרשונגס־טורמע, האָט זיין ווייב מיט די קינדער געוווינט אין „מיליטערישן שטעטל“. אין קיעוו, ביי דער מאַמען האָט מען זיי נישט דערלויבט צו וווינען. דערצו האָט זיין ווייב אַלץ געהאָפט, אַז מען וועט איר מאַן באַפרייען. אַ סימן האָט זי, אַז ער, פּיאָדאָרענקאָ, זיין פּאַרטרעטער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שרפה, ווייל איר אַנאַטאָלי איז דאָך דאַן געווען אין אורלויב, אַרבעט זיך רואיק ווייטער, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. וועגן דער פּאָלי־טישער זייט פון פּראָצעס האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט. די חברים זיינע, אויך פּאָדאָרענקאָ, פלעגן זיך צו איר נישט שלעכט באַציען, גריסן זיך, זיי האָבן אפילו געפּועלט, אַז מען זאָל איר אַרויסגעבן יעדן טאָג, נישט אָפיציעל, מיטאָגן אַהיים.

ווי נאָר ער איז פאַרמשפּט געוואָרן, האָט מען אָפיציעל אויפגעפאָדערט, זי זאָל פאַרלאָזן במשך פון צוויי וואָכן איר דירה, אין „מיליטערישן שטע־טל“, ווייל איר מאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַנטיסאָוויעטישע מעשים.

די מאַמע אירע האָט שוין געוואָלט אַרייננעמען די טאָכטער מיט די קינ־דער צו זיך, אין קיעוו. ווען חוה, צוזאַמען מיטביידע קינדער, איז געגאַנגען צו דעם נאַטשאַלניק פון איינמעלדונגס־ביוראָ אין קיעוו בעטן, מען זאָל זי איינמעלדן, האָט ער איר אָפּגעזאָגט. ווען זי האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן רחמנות האָבן אויף די קינדער, האָט ער, דער נאַטשאַלניק, אַ זאָג געטאָן: „ווערט פּטור פון אייער מאַן דעם אַנטיסאָוויעטשיק — וועל איך אייך דערלויבן...“

— איך האָב איר פאַרגעלייגט — האָט אַנאַטאָלי צוגעגעבן אין דער שטיל מיט אַן אומעט איז זיין קול — זי זאָל איינגיין אויף אַ גט, אַ ברירה האָט זי ?״

— ריכטיק האָט איר געטאָן — האָט אים אונטערגעהאַלטן באַראַך — אַז מיין זון וועט צו מיר קומען, וועל איך אים אויך הייסן זיך אָפּזאָגן פונעם טאַטן, אַבי מען זאָל אים נישט אויסשליסן פון אוניווערסיטעט.

— איך בין נישט מסכים מיט אייך ביידע — האָב איך מיט פאַרדרוס זיך

אַנטקעגנגעשטעלט — ווען מײַן זון וואָלט געוואָגט אַזוינס צו טאָן וואָלט ער פאַרלוירן זײַן טאַטן אויף אייביק.

— נאַרישקייטן רעדט איר — האָט זיך אַרײַנגעמישט אונדזער סטאַראָסטע — איר קענט נישט די סאָוויעטישע אָרדענונג. טויזנטער ווײַבער האָבן זיך געגט מיט זייערע מענער, וועלכע זענען אַרײַנגעפאַלן אין טורמע. טאַטעס זאָגן זיך אָפּ פון קינדער און קינדער פון די עלטערן... עס איז אַ טראַגיקאָ־מעדיע — נישט מער. לויטן סאָוויעטישן זאַקאָן האָט יעדע פרוי רעכט צו גטן זיך מיט איר מאַן, וואָס האָט באַקומען אַ שטראָף וואָס איז גרעסער פון 5 יאָר.

— ווינסטו צווישן וועלף, מוזטו וואָיען ווי אַ וואָלף! — האָט צוגעגעבן דער סטאַראָסטע.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דער טעמע אַ גאַנצע דיסקוסיע אין קאַמער. כמעט אַלע האָבן געהאַלטן, אַז כאָטש מײַן מיינונג איז לאָגיש גענומען אַ גערעכטע, אָבער זי שטימט נישט מיט דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. „נע טראַט, קומו, סילי — ספּוסקאַיסיא נאַ דנאָ״, האָט איוואַן גרוגוריוק צוגעגעבן זײַן אוקראַיניש ווערטל. ד.ה. „פּטר נישט, פרײַנט מײַנער, קיין כוח און לאָז זיך בעסער אַראָפּ אויפן דנאָ״. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און געשוויגן. צום סוף האָט ער פאַרענדיקט די דיסקוסיע: „ווען דעם יידיש־פראַנצויזישן קאַפּיטאַן דרייפוס האָט מען באַ־שולדיקט אין שפּיאָנאַזש און אים דעגראַדירט, האָט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט נישט געשוויגן. מען האָט אַזוי לאַנג געשריגן און געקעמפט, ביז ער איז געוואָרן ריינגעוואַשן און רעהאַביליטירט. ווער וועט זיך אָננעמען פאַר אונדזערע דרייפוסן, וואָס זענען ביי אונדז אין די טויזנטער, ווער וועט זיך אָננעמען פאַר דעם מאַיאָרס אומגליקלעכע ווײַב און קינדער? אָט, ווינט מײַן ווײַב מיט אַן אַנדערן מאַן, אַ נאַטשאַלניק פון מ.ג.ב. און פאָדערט גאָר־נישט ביי מיר קיין גט. ס׳איז אַ פּאַסקודנע וועלט און שוין״...

נישט מיר און נישט באַראַכן האָט מען דעם טאָג קיין „זעאונג״ מיט אונדזערע נישט געגעבן. פאַרוואָס? מײַן ווײַב האָט זיכער אָנגעקלאַפּט אין

אַלע טירן און געבעטן, מען זאָל איר געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו זען מיט איר מאַן נאָך אַזויפיל חדשים.ליידער, איז איר קול געווען ווי אַ קול קורא במדבר...

## באַגראָבן פאַר דער צייט

באַלד נאָכן פרישטיק האָט מען מיך צוגערופן צום אָפּענעם פענצטערל אין דער טיר פון קאַמער און מיט אַ גלאַסענער שטים מיר געמאָלדן, אַז די קאַסאַציע־ביטע איז דורך דעם קרייז־געריכט־קאָלעגיום אָפּגעוואָרפן געוואָרן. איך האָב געבעטן, מען זאָל מיר געבן איבערצולייענען אַליין די תשובה און די מאָטיוון פונעם אָפּזאָג. מען האָט מיר צוליב געטאָן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענטפער איז גאָר געווען אויף דער קאַסאַציע פון דעם אַדוואָקאַט פערעלמוטער, וועלכן מיין ווייב האָט ווייטער באַצאָלט די אויסגעבאָרגטע עטלעכע הונדערט רובל, און געבעטן אים אָנצוגעבן אַ קאַסאַציע אויפן אורטייל. ווו איז אַהינגעקומען מיין קאַסאַציע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין אויספאָרשונגס־טורמע אויף גאַנצע 18 זייטן? זי איז, ווייזט אויס, פאַרבליבן אונטערן טישטעך ביים אויספאָרשער. דער אַדוואָקאַט האָט אפילו נישט געפרוווט אָפּצולייקענען קיין איינע פון די באַשולדיקונגען. ער האָט נישט אָנגעוויזן אויף קיין שום אומגעזעצלעכקייטן ביי דער אויספאָרשונג און ביי די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. ער האָט נאָר געבעטן חניגה און פאַררופן זיך אויף דער אַמנעסטיע פונעם 27־טן מערץ 1953. דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס איך קאָן זיך נישט טרעפן מיט מיין ווייב און מיט איר זיך אַדורכשמועסן, זי זאָל פאַרשטיין וואָס עס קומט פאַר.

און אפשר צוליב דעם באַקום איך נישט קיין זעאונגען מיט איר? דער אויספאָרשער ליסענקאָ האָט זיין אַרבעט פאַרענדיקט. מעגלעך, אַז ער האָט שוין באַקומען אַ פּרעמיע פאַרן דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט ביים פאַרמשפטן מיך. אָבער ער וויל נאָך פון מיר זיין לאַפּע נישט אראָפּנעמען, וויסנדיק, אַז איך וועל נישט שווייגן און קעמפן ביזן לעצטן אָטעם פאַר דער

גערעכטיקייט און קעגן דער גרויסער עוולה, וועלכע זיי זענען קעגן מיר באַגאַנגען.

ווען איך האָב באַקומען אַ קליין בייגעלע פּאַפּיר און אַ פּעדער מיט טינט צו שרייבן אַ ווייטערדיקע קאַסאַציע אין העכסטן געריכט, האָב איך געשריבן: „צוליבן מאַנגל אין פּאַפּיר קאָן איך וועגן אַלץ נישט שרייבן. מיטן פֿאַרמשפּטן מיך, אַ סאָוויעטישן לערער, האָט דער אויספֿאָרשער ליסענקאָ און זיינע מיטהעלפֿער געמיינט אָפּצורוימען פֿון וועג אַ געטרייען, טעטיקן און נוצלעכן סאָוויעטישן מענטש, כדי אַזוי אָרום שאָדן ברענגען אונדזער מלוכה. גיט מיר אַ מעגלעכקייט, וועל איך עס באַווייזן. איך בין אומשולדיק. איך בין אַ קרבן פֿון אַ גרויסן פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ פּראָצעס פֿון עטלעכע צענדליק אָרנטלעכע סאָוויעטישע מענטשן, וועלכער איז אָרונטערגעריסן געוואָרן אַדאַנק דעם דורכפֿאַל פֿון מאָסקווער פּראָצעס איבער די פּראָפֿעסאָרן. איך בעט אַרויספֿאָדערן פֿון דער אויספֿאָרשונגס־טורמע, פּראַנקאָ 19, מיין ערשטע קאַסאַציע, געשריבענע אויף 18 זייטן".

ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן דעם גרויסן שאָדן, וואָס איך האָב זיך אָנגעמאַטערט מיטן אָפּגעבן דאָס בייגעלע פּאַפּיר אָן אַ קאָנווערט. איך בין זיכער, אַז עס האָט דערגרייכט נאָר צום אויספֿאָרשער ליסענקאָ און זיין באַנדע, ווייטער נישט.

אַ סימן האָב איך, אַז זייענדיק 6 וואָכן אויף לוקיאַנאָווקע אין טורמע, האָב איך קיין תשובה נישט באַקומען, אַז קיין איין זעאונג מיט מיין ווייב און זון האָב איך נישט באַקומען און אויף אַלע מיינע באַמיאונגען און אָנקלאַגעס אויף דער אומגעזעצלעכקייט. האָב איך באַקומען איין ענטפֿער: ביין אונטער פֿיר אויגן האָט מיר דער נאַטשאַלניק פֿון דער טורמע אויסגעזאָגט דעם סוד: „ליסענקאָ דערלאָזט נישט, איר זאָלט זיך זען מיט אייער ווייב". ס'איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ סך ביכער וועגן משפּטן און פֿאַרמשפּטן אין די צאַרישע צייטן רעוואָלוציאָנערן פֿאַר זייער אַנטימלוכהשער טעטיקייט, אפֿילו וועגן טעראָריסטן, אָבער עס איז כמעט נישט געווען קיין פֿאַל, אַז זייערע אייגענע זאָלן נישט וויסן אין וואָס מען באַשולדיקט זיי, זיי זאָלן נישט האָבן קיין מעגלעכקייט זיך צו זען פֿון צייט צו צייט מיט זיי אין טורמע; איך האָב געלייענט ביכער, וועלכע זענען דערשינען אין די סאָוויע־

טישע צייטן, „גערי כטס־רעדעס פון באַרימטע רוסישע יוריסטן: אַנדרעיעוו־סקי, זשוקאָווסקי און אַנדערע”. צי האָט אפילו איינער פון זיי זיך נישט געזען מיט זיין קליענט עטלעכע מאָל פאַרן געריכט? צי וואָלט איינער פון זיי דערלאָזט, אַז דער משפט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּוסטער פאַר־מאַליטעט און זיין ראָל זאָל זיך באַגרענעצן מיט בעטן פאַרמילדערן די שאַרפקייט פון באַשולדיקונגען, נישט וואַגנדיק אָפּצולייקענען קיין איינעם פון זיי?

אַז איך פלעג ליסענקאָן, מיין אויספאַרשער, אין מינוטן פון אויפרעגונג און נישט קאָנען זיך באַהערשן, פאַרוואַרפן, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, און אפילו אַן אוקראַאינישער נאַציאָנאַליסט, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן מיר מיט אַ טייוולאָנישן שמייכל אויף די ליפּן:

— און אַז יאָ, וואָס וועסטו מיר טאָן, דו טיפּש איינער? דו וועסט מיך מסרן, קיינער וועט דיר נישט גלויבן. זיי וועלן תמיד גלויבן מיר, דעם „סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע”.

און שוין רואיקער האָט ער צוגעגעבן:

— ווען איר זאָגט מיר אָפן: „איך בין אַ ייד. איך וויל פאָרן צו זיך אין לאַנד, קיין ישראל. איך האָב ליב מיין פאָלק, מיין שפּראַך, מיין קולטור” — אויף דערויף וואָלט איך נישט ברוגז געווען. פאַרקערט, עס וואָלט מיך נישט געאַרט, עס וואָלט מיך נישט פאַרדראָסן אפילו. עס איז נאָרמאַל. אָבער, ווען איר יידן, שטרעבט גאָר צו ווערן אויס יידן, אייך געפעלט אונדזער קולטור, אונדזער שפּראַך, אונדזער ליטעראַטור — דאָס איז מיר דערווידער. וואָס מער איר חנפעט און חנדלט זיך צו אַנדערע — אַלץ מער האָב איך אייך פיינט.

וועגן דעם געשפּרעך אין איינער פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט מיט ליסענ־קאָן, האָב איך זיך היינט דערמאָנט, בעת איך האָב אַזוי אומפאַרזיכטיק אַוועקגעגעבן דאָס אָנגעשריבענע בייגעלע פּאַפּיר אָן אַ קאָנווערט, וואָס האָט מיר געבראַכט גרויסן שאָדן און שיעור נישט באַגראָבן מיך פאַר דער צייט...

# פּאָליטישע אַקציעס

דאָס פּאָליטישע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד איז געגליכן צו א ים. אין געוויסע מאָמענטן איז ער שטיל, רואיק. פּלוצים באַווייזן זיך אויף אים קלענערע כוואַליעס, וואָס צעשפּילן זיך און צערווישן זיך אַלץ שטורמישער, אַז עס נעמט אַזש אָן אַ שרעק. יעדער שטורעם ברענגט קרבנות. אָט באַווייזט זיך אין דער אָפיציעלער פּרעסע אַן אַרטיקל פון הויפּט פּראָקוראָר ווישינסקי א.ג. „וועגן פאַרזיכטיקייט". דער אַרטיקל איז אָנגעשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם „באָמבע־אַטענטאַט וואָס אימפּעריאַליסטישע ציוניסטישע אַגענטן האָבן אויסגעפירט אויפן סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין תל־אביב". דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז אַ גענוגנדיקער סיגנאַל פאַר די הונדערטער פּראָקוראָרן און אויספאָרשער, מען זאָל אָנהויבן אַ פרישע „„פּאָליטישע אַקציע". קעגן וועמען? קעגן די, וואָס האָבן קרובים אין ישראל, וואָס האָבן זיך אַמאָל קאָרעספּאָנדירט מיט זיי, קעגן די, וואָס הערן שטילערהייט „קול ישראל" א.אַ. עס ווערן אַרויסגעצויגן פון די אָנצאָליקע אַרכיוון אַ גרעסערע צאָל טעקעס פון די יידן, אויף וועלכע עס האָבן זיך במשך פון עטלעכע יאָר אָנגעזאַמלט מאַטעריאַלן פון די אונטערזאָגער און צוטראָגער, און אַזעלכע זענען פאַראַן מיליאָנען, כמעט יעדער דריטער בירגער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נעץ. פון די טעקעס ווערן אָפּגעקליבן די ערשטע קרבנות. זיי דאַרפן דינען אַלס קנויל, אַרום וועלכן עס וועט זיך זיכער אָנקלייבן אַ סך, אַ סך אַנדערע קרבנות.

די „פּאָליטישע אַקציע" האָט זיך אָנגעהויבן.

קאָסמאָפּאָליטיזם. אַן אַלט־נייער באַגריף ווערט אַרויפגעפירט אויף דער אַרענע. נעכטן איז ער געווען אַ פּראָגרעסיווער, היינט איז ער געשטעמפּלט געוואָרן דורכן גרויסן פירער אַלס אימפּעריאַליסטישע, נעגאַטיווע דערשיי־נונג. דער סיגנאַל פון אַ נייער „פּאָליטישער אַקציע" איז געגעבן געוואָרן. מען זוכט „קאָסמאָפּאָליטן" צווישן די אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, און ווער זענען עס אַממערסטן קאָסמאָפּאָליטן אויף דער וועלט, אויב נישט יידן?

אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אויף אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אויף אַ גרויסער טייל פון רוסלאַנד, האָבן די דייטשן געהאַט

צענדליקער טויזנטער געהילפֿן מצד דער באַפֿעלקערונג. אוקראַינישע פּאָליי־צײַ־לײַט האָבן גאָר פֿלײַסיק אָפּגעטאָן די ארבעט פֿון אומברענגען צענדליקער טויזנטער סאָוויעטישע בירגער: קאָמוניסטן, קאָמסאָמאָלצעס און ייִדן. נאָך דער מלחמה האָט מען נישט ווייניק פֿון זיי געשאָסן אויפֿן אָרט, אַ סך אָוועקגעשיקט אויף 10 יאָר (דאָס איז געווען די העכסטע שטראָף אין יענער צײַט) אין די לאַגערן. דאָס האָט מען געטאָן מיט די „סטאַראָסטעס", מיט די פּאָליצײַ־אָנפֿירער און די, וואָס האָבן פֿאַרנומען אָנגעזעענע פּאָסטנס בײַ די דײַטשן. עס איז אָבער געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. צי קאָן מען זיך אָפּרעכענען מיט מיליאָנען פֿאַרברעכער מיט אַמאָל? בפֿרט נאָך, אַז אַ סך פֿון זיי האָבן באַצײַטנס צוריקגעצויגן זיך און אריבער צו די פּאַרטיזאַנער. מען האָט אַרעסטירט די, וואָס האָבן זיך ניט געקענט אַרויסדרייען. אויך דאָ האָבן די אויספֿאָרשער נישט באַמיט זיך פֿונאַנדערצוקלייבן. עס איז געווען אַן אַקציע און דער מולך האָט געפֿאָדערט קרבנות.

## דערווינט־טראַקטאָר

איוואַן גריגאָריוק איז אַן אוקראַאַניער אין די פֿופֿציקער יאָרן. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ ברייטן וואַרעמען שמייכל, אַ פּאָר קלוגע אויגן און לאַנגע געדיכטע וואָנצעס, וואָס האָבן אים ענלעך געמאַכט צום אוקראַאינישן פֿאָלקס־פּאָעט שעווטשענקאָ. מערסטנס האָט ער גערעדט אויף אוקראַיניש, אַפֿילו ווען ער האָט גערעדט רוסיש, פֿלעגט ער אויך די שפּראַך דורכפֿלעכטן מיט אוקראַיִנישע פֿאָלקס־ווערטלעך. אין קאָלכאָז, וווּ ער האָט זײַן גאַנץ באַוווּסט־זיניק לעבן געאַרבעט, איז ער געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ געלערנטן, כאָטש ער האָט מער נישט געענדיקט ווי פֿיר קלאַסן פֿון דער דאָרפֿס־שול. מען האָט אָבער געוווּסט, אַז איוואַן לייענט יעדן טאָג צײַטונגען, אַפֿילו ביכער. מערסטנס פֿלעגט ער זיך אינטערעסירן מיט דער נייער טעכניק. איידער מען האָט אים אויסגעקליבן אין דער אָנפֿירונג פֿון קאָלכאָז „דער רויטער שטערן", האָט ער געאַרבעט אַלס טראַקטאָריסט אין מ.ט.ס. (מאַשינען־טראַקטאָרן

סטאַציע). ווען זיין זון איז אויפגעוואַקסן האָט ער פאַרנומען זיין אָרט אויפן טראַקטאָר. איוואַן איז געוואָרן דער אינקאַסענט און קאַסירער פון קאָלכאָז. אפילו ווען זיין זון האָט פאַרענדיקט מיט דערפאָלג די מיטל־שול און אַריינגעטראָטן אין דער קיעווער „סעלכאָזאַקאַדעמיע״, איז איוואַן פאַרבליבן ביי דער אַרבעט, אַלס אינקאַסענט. דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט טעכניק. עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אויפצובויען אַן אָריגינעלן טראַקטאָר אָן אַ מאָטאָר, נאָר מיט פליגלען, וואָס ווערן געטריבן דורכן ווינט. אויף אַ פּשוטן אופן האָט ער אין אַ העפט באַשריבן יעדן דעטאַל און אפילו געמאַכט פּשוטע צייכענונגען פון זיי. ער האָט אפילו געמאַכט דעם חשבון ווי גרויס עס וועט זיין די עקאָנאָמיע ביים באַנוצן זיך מיט זיין נייעם ווינט־טראַקטאָר. נישט קוקנדיק אויף די פּראָטעסטן פון זיין ווייב, דער קאָלכאָזניצע, האָט ער דאָך פאַרקויפט זייער איינציקע קו און פאַרן געלט איינגעקויפט אַלע דעטאַלן, וועלכע מען האָט געקאָנט קויפן, פאַר זיין טראַקטאָר, איינציקע האָט ער באַשטעלט אין שלאָסער־וואַרשטאַט און קוזניע. במשך פון דריי יאָר פלעגט ער אין זיינע פרייע שעהן אַרבעטן ביים צוזאַמענשטעלן דעם נייעם טראַקטאָר. אויך פון מ.ט.ס. (מאַשינען־טראַקטאָרן סטאַנציע) ווו ער האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן, פלעג ער אַרויסבאַקומען איינציקע אַלטע טיילן פון טראַקטאָרן. ביי זיך אין קאַמער פלעג ער פּאַרמאַכטערהייט אַרבעטן ביי דער עלעקטרישער ליכט. ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען די אַרבעט זיינע האָט זיך דערנענטערט צום סוף. די אַרבעט־צייט האָט ער געפּלאַנירט צום ערשטן מאָל אַרויסצופירן זיין ווינט־טראַקטאָר אין פעלד און באַווייזן בפני כל עם ועדה, וואָס איוואַן גריגוריוק קען. דעמאָלט וועלן זיי שוין נישט לאַכן פון אים און חוזק, שטעלנדיק אים די פראַגע: „וואָס וועט ער טאָן מיטן געלט, ווען ער וועט באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע?״.

אין די סאַמע היציקע טעג פון יולי 1959 איז אָראָפּגעקומען פון קיעוו אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע, וועלכע האָט געפונען, אַז דער קאָלכאָז האָט נישט אויסגעפילט דעם פּלאַן פון די מלוכה־צושטעלונגען, אַז דאָס אויפמאַנען די שטייערן־חובות ביי די מיטגלידער פון קאָלכאָז פאַר זייערע פּריוואַטע ווירטשאַפטן איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן, דערצו זעבען געפונען געוואָרן צוויי

קוויטאַנציעס, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך גריגוריוקן און די סומעס אויף זיי האָבן נישט געשטימט מיט די קאָפּיעס, וואָס זענען געווען אין מאַן־ביכל. איוואַן גריגוריוקן האָט מען געמשפט אויף אַן עפנטלעכן מוסטער־געריכט אין קאָלכאָז און פאַרמשפט אים אויף צוויי יאָר אויסבע־סערונג־אַרבעטס־לאַגער מיט קאָנפיסקירן זיין אייגן האָב־און־גוטס, דע־רונטער די „טשוטעלא" ווי זיי האָבן אָנגערופן זיין שלימזלדיקן ווינט־טראַקטאָר.

— גאָרנישט האָט מיר נישט געאַרט, — האָט איוואַן פאַרענדיקט זיין טראַגעדיע־דערציילונג, — נאָר מיין ווינט־טראַקטאָר, וואָס האָט מיר געקאָסט דריי יאָר טראַכטן, דריי יאָר שווערע מי און דער עיקר — מיין שענסטער חלום איז צערינען געוואָרן...

— איך פאַרשטיי נישט, — האָב איך זיך אָנגערופן, — ווי אַזוי זענט איר געקומען אַהער צו די פּאָליטישע ? דוכט זיך, אַז אייערע צוויי יאָר האָבן זיך שוין פאַרענדיקט.

— וואָס מיינט איר, ס'איז אַזוי שווער צו ווערן ביי אונדז אַ פּאָליטישער פאַרברעכער ? — האָט איוואַן זיך אָפּגערופן. — מיין שטראָף בין איך אָפּגעקומען אין לאַגער, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון קיעוו, אין בעלי־טשי. דעם נאַטשאַלניק פון לאַגער האָב איך דערציילט וועגן מיין טראַקטאָר און געבעטן אים מיר געבן אַן אינזשינער, וואָס זאָל, לויט מיין באַשרייבונג און פּראָסטע צייכענונגען, מאַכן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן אַ פּלאַן פון מיין ווינט־טראַקטאָר. צווישן די פאַרמשפטע האָט זיך אַזעלכער געפונען און במשך פון איין וואָך האָבן מירביידע געהאַט פאַרטיק אַ גענויעם פּלאַן פון מיין ווינט־טראַקטאָר. דער נאַטשאַלניק האָט אים ערגעץ אַוועקגעשיקט, נאָר פון מיר האָט ער באַשלאָסן פּטור צו ווערן, כדי צו בלייבן דער איינצי־קער באַלעבאָס איבער מיינע פּלענער.

אין דער לעצטער וואָך פאַר מיין באַפרייאונג, האָט מיר געמאָלדן, דער אָפּעראַטיווער ארבעטער פון מ.וו.ד. אין לאַגער, אַז זיי האָבן באַוויזן און עדות, אַז איך פאַרנעם זיך מיט אַנטיסאָוויעטישער טעטיקייט. עדות באַשטע־טיקן, אַז איך זאָל האָבן באַרעדט די סאָוויעטישע קאָלכאָזן, אַז אין ראַטנ־פאַרבאַנד ווערן דערפינדער און געלערנטע גערודפט א.אַ.וו. דאָס קיעווער

קרייז־געריכט האָט מיר פּאָר די „פאַרברעכנס״, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך צוויי עדות, אייביקע עדות פון לאַגער, באַוווסטע אונטער־לעקערס, פאַרמשפּט לויט דער סטאַטיי 54,10. די ערשטע טייל, אויף 10 יאָר. איצט פאַרשטייט איר שוין? האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן איראָניע־שמייכל, אויף זיינע ליפּן, פאַרדרייענדיק דערביי מיט די פינגער פוןביידע הענט די לאַנגע וואָנצעס זיינע...

גאָנטשאַר מיטיא — ער איז נאָך א יונגער בחור. ער איז זיכער נישט עלטער פון 17 יאָר. ער האַלט זיך פאַר אַ פּאָעט. צוליב אים און זיינע לידער וועגן קאָלכאָז איז ער און נאָך 6 פון זיינע שול־חברים פאַרמשפּט געוואָרן צו 10 און צו 7 יאָר יעדער איינער. ער, גאָנטשאַר, האָט באַקומען 10 יאָר. ער איז איינער פון די, וואָס דער אויספאָרשער ליסענקאָ האָט אָנגערופן „אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן״ און אַנטיסעמיטן. מיט איינעם פון זיי בין איך געווען אַ קורצע צייט אין איין קאַמער אין דער אויספאָרשונגס־טורמע. פון אים טאַקע האָב איך זיך דערוווסט וועגן זיינע חברים און איבערהויפּט וועגן דעם הויפּט־העלד גאָנטשאַר. ער איז געווען אַ בלאָנדער מיט פאַר־חלומטע טונקל־ברוינע אויגן, מיט אַ פאַריסענער אוקראַינישער נאָז. אין דער אייזנבאַן שול אין קיעוו איז ער געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער וואַנט־צייטונג, דער הויף־פּאָעט. אין דער צייטונג פלעגט ער שרייבן באַלאַדעס וועגן סטאַלינען און וועגן „אוקראַינאַ, מיין אוקראַינאַ״. אין איינעם פון די זונטיקדיקע טעג, ווען ער פלעג אַהיימפאָרן אין דאָרף אַריין צו זיין מוטער מיט די צוויי קלענערע שוועסטערלעך, האָט ער צוגעזען דעם בידנעם גורל פון זיין מוטער דער אלמנה, וואָס האָט פאַרלוירן איר מאַן אין דער גרויסער מלחמה, פון זיינע דאַרינקע, אויסגעמאַגערטע שוועסטערלעך, וואָס זייערע בייכלעך זענען ווי געשוואָלן געווען פון די קאַרטאָפל מיט די טיולקעס און פונעם אומאויפהערלעכן טרינקען דאָס קאַלטע וואַסער. עס האָט אים אָנגענומען ביים יונגן האַרצן און ער האָט אויסגעגאָסן זיין ווי אין אַ גרעסערער ליד א.ב. „מאַמאַ, מאַמאַ...״ ער האָט באַדויערט וואָס זיין מאַמע, די קאָלכאָז־

ניצע, וואָס האָרעוועט אויפן פעלד אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון פון קאַיאָר ביז שפּעט ביינאַכט, באַקומט אפילו נישט קיין ברויט צו דער זעט. זיינע קליינע שוועסטערלעך מוזן אויסשטיין אויף זייערע שוואַכע פיסלעך אין די „אָטשערעדן״ אין שטאָט, כדי צו קויפן ברויט און טיולקעס. צוליב וואָס האָט ער, זיין פאָטער, אוועקגעגעבן זיין בלוט און לעבן ? געוויינלעך, איז אים נישט איינגעפאַלן צו זוכן די שולדיקע אין דער לאַגע פון זיין מאַמען און שוועסטערלעך ווייטער, ווי אין די פירערס פון קאָלכאָז, וואָס זענען נישט בעסער פון אַמאָליקע פּאָמיעשטשיקעס, אויך אין די ליי־דיקגייערס און פּוסט־און־פּאַסטיקעס די קאָלכאָזניקעס וואָס אַרבעטן קוים אויס דעם מינימום פון זייער אַרבעטס־טאָג. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו טייטלען די יידן, וואָס מאַכן זיכער גרויסע געשעפטן אין די מלוכה־געוועלבער און וויפל מען האָט זיי נישט אומגעבראַכט איז נאָך אַלץ וויניק... פאַרענדיקט האָט ער דאָס ליד מיט די ווערטער : אוקראַינאַ, דערוואַך, און ראַטעווע דיינע קינדער...

דאָס ליד האָט ער געלייענט אין צימער, וווּ ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיינע 6 חברים. זיי האָבן אַזש אַפּלאָדאירט, אַזוי איז זיי געפעלן. דעם זעלבן אָוונט האָבן זיי באַשלאָסן איבערשרייבן דאָס ליד אין מער עקזעמפּ־לאַרן און פאַרשפּרייטן צווישן דער באַפעלקערונג. די ערשטע זיבן עקזעמ־פּלאַרן, ווייל יעדער איינער האָט באַוויזן אָנצושרייבן נאָר איינעם, זענען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אין זאַל פון דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, וווּ זיי האָבן דעם אָוונט געזען „די חתונה אין מאַלינאָווקע״. זיי פלעגן פון צייט צו צייט העלפן אונטער די קוליסן ביים שטעלן די דעקאָראַציעס, האָבן זיי באַ־קומען דערפאַר אָפטמאָל אַ פרייען אריינטריט אין טעאַטער...

לויט זייערע „פּאָטשערקן״ — האָנטשריפטן — האָט מען זיי אַלעמען געפּאַקט. אַזוי אַרום איז געלונגען דעם אייזנבאַן־נ.ג.ב. צו אַנטדעקן אַ געפערלעכע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע יונגט־אָרגאַניזאַציע און גאָר שנעל איבערצורייסן זייער שעדלעכע טעטיקייט...

# משנה מקום, משנה מזל...

פון טאָג צו טאָג איז דאָס לעבן פון די פּאָליטיש־פּאַרמשפּטע געוואָרן שווע־רער, אפילו אומדערטרעגלעך. קיין נייע ביכער צו לייענען האָבן מיר נישט באַקומען. אויך די אַלטע איז געווען שווער צו לייענען צוליבן רעש און געפּילדער, וואָס האָט געהערשט אין דער קאַמער. אויך די לעקציעס, וואָס פלעגן פּאַרקומען אַ פּאָר מאָל אין וואָך וועגן מעדיצין, פיזיק און אויך מיינע לעקציעס וועגן אינטערעסאַנטער מאַטעמאַטיק, וואָס איך האָב פּאַרגעדענקט פונעם בוך „לילִיאוואטי״, האָבן אויפגעהערט צו אינטערעסירן. אומאויפהערלעך פלעגט זיך דערטראָגן דאָס קלאַפּן פון די שטיינער אין טיש, איין קלאַפּ שטאַרקער פונעם אַנדערן, פון די, וואָס האָבן געשפּילט אין „דאָמינאָ״. אומדערטרעגלעך איז געווען דער ריח פון שווייס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ברודיקע פיס און בכלל פון שווייסיקע מענער־קערפּערס, וואָס מען האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו וואַשן זיך אין באָד איינמאָל אין צען טעג, דערצו כמעט אָן זייף. יעדן פרימאָרגן, נאָכן פרישטיק, האָבן אַ סך פון אונדז שוין געוואָרט עס זאָל זיך עפענען דאָס פענצטערל אין טיר און מען זאָל אַ זאָג טאָן מיט אַ טאָן, וואָס דער־טראָגט זיך ווי פון אַ טרובע: „דער און דער זאָל זיין גרייט מיט די זאַכן״. אַכט פון אונדזערע זעבען שוין אַוועק. וווהין? קיינער ווייסט נישט. אייניקע זאָגן אַז מען נעמט זיי אין דער „פּערעסילני טורמע״ און פון דאָרטן וועט מען זיי פירן אין לאַגער.

אנדערע זאָגן, אז דעם „טרוימער פון לופט־טראַקטאָר״ איוואַן, וועט מען לאָזן אַהיים. מעגלעך, אַז די קאַסאַציע, וואָס איך האָב פּאַר אים געשריבן האָט געהאָלפן. אויך דעם געלן אייזנבאַן־אָפיציר, דעם יידן־פּרעסער,

זאָל מען האָבן באַפרייט, כאָטש ער האָט אין דער הייסער מינוט באַקומען 25 יאָר, דערנאָך האָט מען אים אַראָפּגענומען 15 יאָר פאַרן פאַרשווּעכן דעם הייליקן טרויער־טאָג איבערן גרויסן פירער. איצט בלאָזן שוין, זאָגט מען, אַנדערע ווינטן אין לאַנד. בעריען האָט מען דערשאָסן, מאַלענקאָוו איז דער פּרעמיער פון לאַנד און כרושטשאָוו איז גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

דער טאָג פון די אַלגעמיינע זעאונגען מיט די קרובים איז ביי מיר און אויך ביי באַראַכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג פון האָפנונגסלאָזן פּיין. חוץ אונדז פלעגן אַלע באַקומען זעאונגען, חוץ די, וואָס האָבן נישט געהאַט וועמען עס זאָל צו זיי קומען, ווי איוואַן פּעטראָוויטש, ווי פּעדיא, דער געוועזענער פּאַסטוך וואָס איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום.

איינער פון די געוועזענע פּאָליציאַנטן האָט זיך גענומען באַראַכן אויפרייצן קעגן מיר.

דער זון זיינער פלעג אים פריער ברענגען איין מאָל אין וואָך אַ בולקע פון טונקעלן מעל און אַ האַלבע קילאָ צוקער. שוין די דריטע וואָך, אַז ער איז קיין איינמאָל נישט געקומען. איך ווידער פלעג באַקומען יעדן טאָג די בעסטע מאכלים, וואָס מיין ווייב פלעג מיר ברענגען: ווי לאַטקעס פון קאַרטאָפל, קאַרטאָפל מיט הערינג, אַמאָל פליישׂ־קאָטלעטן. איך פלעג באַראַכן אויך געבן צו פאַרזוכן, אויך אַנאַטאָליען און איוואַן פּעטראָוויטשן. באַראַך פלעג אַרומשפּרייזן צערודערט איבער דער גאַנצער לענג פון דער קאַמער און רעדן מיט זיך אַליין אָפּגעהאַקטע ווערטער אויף יידיש. אַמאָל פלעג ער אויך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, אָדער די תפילה „אל תשליכנה לעת זיקנה״, נישט קוקנדיק, וואָס מען פלעג פון אים לאַכן און חוזק מאַכן. איינמאָל איז ער געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך געוואָרפן אויף מיר מיט די קולאַקעס „דו מערדער, דו ביסט שולדיק אין דעם, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין זון״. איך בין געווען שטאַרק איבערראַשט פון זיין האַנדלונג, נאָר זעענדיק פאַר זיך דאָס אויסגעדאַרטע פּנים פול מיט קנייטשן, די האַלב בלינדע אויגן, וואָס פאַרלירן פון טאָג צו טאָג די שיין, האָב איך אים נאָר אָנגעכאַפּט בייביידע הענט. אַנאַטאָלי האָט באַוויזן אים אָוועקצונעמען פון מיר, ביים אַקאָמפּאַנימענט פון געלעכטער פון די אַרומיקע. באַראַך האָט

ווייזט אויס, פאַרשטאַנען זיין אומגערעכטן ווילדן שריט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף דער פאָדלאָגע און זיך אויף אַ קול צעכליפּעט.

ביי דער אַלגעמיינער „פּראָוויערקע" האָט איוואַן פּעטראָוויטש געבעטן מען זאָל מיר מיט באַראַכן צעטיילן אין באַזונדערע קאַמערן, ווייל מיר זענען פון איין „דיעלאָ" און קריגן זיך. וועגן דעם האָט מען מיר און באַראַכן באַזונדער אַרויסגערופן צום אָפּעראַטיוון מיטאַרבעטער פון מ.וו.ד. און אויס־געפרעגט די סיבות פון אונדזער געקריגעריי, און צי ווילן מיר זיין אין באַזונדערע קאַמערן. איך בין מסכים געווען, נאָר ער, באַראַך, האָט שוין באַוויזן צו באַטראַכטן זיין אומגעלומפּערטן טאַט, געפּרוווט מיך איבערבעטן. ער האָט נאָר געבעטן זיך: „גיט מיר אַ מעגלעכקייט צו זען איין מאָל מיין קינד, איידער איך ווער אינגאַנצן בלינד".

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז ביידע אַרויסגערופן „מיט די זאַכן" און אין איין מאַשין אָוועקגעפירט אין דער צווייטער קיעווער טורמע אויף לוקיאַנאַווקע, אין דער „איבערשיקונגס טורמע". בעסער אַזוי, האָב איך געטראַכט. „משנה מקום, משנה מזל". עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָ וועט מען מיר שוין געבן די מעגלעכקייט צו זען זיך מיט מיין ווייב און זון, אויב נישט, איז שוין בעסער מען זאָל מיך וואָס גיכער אָוועקשיקן אין לאַגער. די, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט אַ געוויסע צייט אין לאַגער, האָבן געהאַלטן, אַז דאָרט איז אַ סך בעסער, ווי אין טורמע, דער מענטש פילט זיך אַ סך פרייער. אפילו די אַרבעט איז אויך נישט קיין קאַטאָרגע און בשעת דו אַרבעטסט פאַרגעסטו דיין אומגליק. איך האָב שוין נישט געוואָלט, אַז מיין ווייב זאָל אַזוי שטאַרק איבערלעבן מאָראַליש און מאַטעריעל. דאָס אָפּטע ברענגען די „פּערעדאַטשעס", אַרומלויפן אומעטום און קעמפן פאַר אַ זעאונג — דאָס אַלץ גיט איר נישט קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן, און אַז זי אַרבעט נישט — בין איך געווען זיכער. אַנדערש, ווי האָט זי צייט אַזויפיל מאָל צו קומען אין דער טורמע. זאָל זי זיך צוגעוווינען צו די צרות אירע און דאָס קען געשען נאָר דאַן, ווען מען וועט מיר שוין אָוועקשיקן ערגעץ ווייט...

א פעדאבאָגין מיט א גרויסן סטאזש, וואָס איז אזוי צוגעפּאסט געווען צו דער ארבעט אין קינדער־גאָרטן. אזא ווערעמער דוגאיג לוי זו האָט צו קינדער. איר געזאנג באצויבערט זיי. און איצט־דערווייטערט פון דער ארבעט. פארוואָס ?

פערטער טייל:

# אין דער אריבערשיקונגס־טורמע

# אין דער איבערשיקונגס טורמע

די נייע קאמער, אין וועלכער מען האָט מיך אריינגעפירט איז געווען גרעסער פון דער קאמער נומער 110. נאָר דאָ זענען קיין בעטן נישט געווען. ווי די אות „ח״ האָבן זיך געצויגן לאנגע צוויי שטאָקיקע נאַרעס, געמאכטע פון ברעטער. קיין בעטגעוואנט איז שוין נישט געווען. קיין באזונדערע ערטער פאר יעדן איינעם — אויך נישט. די צאָל מענטשן אין קאמער איז נישט געווען קיין באשטימטע. אהער פלעגט מען אריינטרייבן, ווי בהמות אין אַ וואַגאָן, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרפישע קרעטשמע אין אַ יאַריד־טאָג. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויספירן פארטיעס און דעם זעלבן טאָג פלעגט מען אַריינטרייבן נייע. דאָ איז ווידער געווען די „פאראשא״ די שווערע אייזערנע כלי מיט הענטלעך אין די זייטן און אַ שווער דעקל, וואָס פלעגט נישט אויפהערן צו קלאַפּן מיט אַ קליינ־גענדיקן הילך ביים פארמאַכן זיך. אין אַרום האָט זיך געפילט דער ריח פון שווייסיקע קערפערס צונויפגעמישט מיטן ריח פון אויסגעדעמפטער

אורין.

עסן פלעגט מען דאָ געבן בעסערס ווי אין דער אלגעמיינער טורמע: געדיכטע זופּן, קאשע און טיולקעס. דאָ האָט מען געקענט נעמען צו עטלעכע פּאָרציעס אויך, ווייל עס פלעגט אַ סך פאַרבלייבן. אַהער האָט מען געקענט ברענגען „פערעדאטשעס״ יעדן טאָג. האָבן טאקע אַ סך באַקומען עסן פון דער היים כמעט יעדן טאָג. דאָ פלעגט מען שוין נישט צעשניידן די פרוכטן און גרינסן אויף טיילן, אַזוי ארום פלעגן זיי קענען ליגן אַ טאָג, צוויי און מער.

שפּאַצירן פלעגט מען פירן יעדן טאָג אויפן גרויסן הויף. אויסגעשטעלט צו 5 און 6 אין אַ ריי פלעגן מאַרשירן אַ ריי נאָך אַ ריי אַרום און אַרום מיט פרייע באַוועגונגען.

און דער עיקר: צוויי מאָל אין וואָך האָט מען געקענט באַקומען בריוו, אפילו געלט. איך האָב באַקומען 2—3 פּאָסט־קאַרטלעך מיטאַמאָל, ווייל מיין ווייב פלעגט נאָכן איבערגעבן די „פּערעדאַטשע" אויך אַריינוואַרפן אַ פּאָסט־קאַרטל. די קאַרטלעך האָבן באַלויכטן מיין אומגליקלעך לעבן צווישן דער אייביק יוירנדיקער מאַסע אומגליקלעכע מענטשן, ווי שטערן אין אַ פינצ־טערער נאַכט. כאָטש זייער אינהאַלט איז געווען כמעט שטענדיק דער זעל־בער, צוליב דער צענזור: ווען געזונט, גרוסן פון באַקאַנטע, נאָר דאָך פלעג איך זיי עטלעכע מאָל איבערלייענען, זוכנדיק סודות צווישן די שורות.

אויך דאָ פלעגן אַנדערע באַקומען זעאונגען יעדן טאָג פון 11 ביז 1 אין דער פרי, נאָר איך — נישט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אַהער האָט דערגרייכט די מערדערישע לאַפּע פון מיין אויספאָרשער ליסענקאָ, נאָר דאָ בין איך שוין געוואָרן אַ סך געשליפענער, איך בין שוין אַריבער אין „דריטן" קלאַס. דאָ האָב איך זיך שוין ווי עס איז, כאָטש טיילווייז, אַן עצה געגעבן...

## די וועלט דורך אַ לעכל

די גרויסע צוויי פענצטער אין אונדזער קאַמער זענען געווען אַראָפּגענומען. אַנשטאָט זיי זענען געווען אַרויפגעקלאַפּט אויף די אייזערנע שטאַנגען, וואָס האָבן באַפּעסטיקט ווי מיט אַ נעץ די פענצטער, הילצערנע לייסטן איינס אויפן אַנדערן אַזוי, אַז די לופט פון דרויסן זאָל קענען אַריינדרינגען אין קאַמער און דאָך זאָל מען נישט קענען אַרויסקוקן אויף דער פרייער וועלט. פונעם פענצטער ביזן הויכן געמויערטן פּאַרקאַן, מיט שטעכלדיקע פאַר־זשאַווערטע דראָטן אויף אים, איז געווען נישט מער ווי 30—40 מעטער. נאָכן פּאַרקאַן איז געווען אַ שמאָל געסל, דורך וועלכן עס פלעגן אַדורכגיין

די, וואָס פלעגן טראָגן די „פּערעדאטשעס”. אין איינעם פון די שטאַפּלען איז געלונגען עמעצן נאָך גרויסער מי דורכצוקעבערן אַ לעכל. שטייענדיק אויפן צווייטן שטאָק פון די נאַרעס האָט מען געקענט, קוקנדיק דורכן לעכל מיט איין אויג און דאָס אַנדערע פאַרזשמורען, זען אַלעמען, וואָס זענען אדורכגעגאַנגען דורכן געסל.

נאָכן איבערגעבן די „פּערעדאטשעס” האָט מיין ווייב זיך אומגעקערט דורכן געסעלע. פלוצים האָט זי דערהערט, ווי עמעצער רופט זי ביים נאָמען. אַן איבעראַשטע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און מיט צעשראָקענע אויגן זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. דאָס קול האָט זיך איר אויסגעוויזן גאָר היימיש, דאָך האָט עס געקלונגען אביסל פרעמד, ווייל זי האָט שוין העכער אַ האַלב יאָר עס נישט געהערט. נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעחזרט דאָס רופן עטלעכע מאָל און אויסגעשריען: „מינדעלע, שרעק זיך נישט, עס רעדט יואליק, דיין מאַן”. אַ פרייד, אַדורכגעמישט מיט פחד האָט זי אַרומ־געכאַפּט. נישט ווייט פון דעם אָרט אין ווינקל איז געשטאַנען אַ באוואָפנטער שומר אויף דער „ווישקע”. עס איז געפערלעך די שפּיל מיט די טורמע־וועכטער. דאָך איז זי שטיין געבליבן און אָפּגעענטפערט: איך הער!

— גרופּין איז שולדיק אין אונדזער אומגליק! האָב איך אויסגעשריען.

— איך ווייס, האָט זי געענטפערט.

— איך קעמף מען זאָל אונדז געבן זעאונגען.

— איך אויך. ליסענקאָ דערלאָזט נישט דערצו, האָט זי מיט פאַרביטערונג געשריען.

— איך זע דיך, טייערינקע.

— איך דיך נישט, נאָר איך הער דיך.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער ערשטער שמועס, ווייל דער וועכטער האָט זי דערזען און אויפגעפּאָדערט נישט אָפּשטעלן זיך. זי איז אַוועק, נאָר פון דאַן אָן פלעגן מיר זיך קורץ אַדורכשמועסן כמעט יעדן טאָג עטלעכע מינוט. אויך אין קאַמער האָט שוין געוואוסט אויפן לעכל אַן אנדע־רער. מען טאָר עס לאַנג נישט פאַרנעמען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, צוגייענדיק צום לעכל, נאָכן באַקומען די געוויינ־לעכע „פּערעדאַטשע” בין איך דערשטוינט געוואָרן. איך האָב דערזען פאַר

זיך מיין זון. „מאַרקס, זונעלע מיינער״ — האָב איך אויסגעשריען. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן במשך פון דער צייט, העלדיש, פעסט געבויט און שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון. אקעגנ־איבער דעם וועג האָט אַן אַלטיטשקער געגראָבן ביי זיין פאַרקאַן, האָט ער איבערגענומען ביים אים זיין לאָפּאַטע און געגראָבן, דערביי געשריען אויפן קול „טאַטע, פאַר אונדז זאָרג זיך נישט. אינגיכן וועסטו זיין מיט אונדז. איך האָב אָנגעשריבן צו מאַלענקאָוון, צו כרושטשאָוון וועגן דיר״.

איך בין געשטאַנען, געקוקט אויף מיין זון, געפרייט זיך און געציטערט, עס זאָל אים, חלילה, קיין שלעכטס נישט געשען. אין מיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן פון פרייד. איך האָב פאַרשטאַנען, אז אויך די מאַמע שטייט געוויס אויף דער וואַך און ציטערט נאָך מער פון מיר.

ערשט ווען דער וועכטער האָט געדראָט, אַז ער וועט שיסן, איז ער, מיין זון, אַנטלאָפן.

אָט ווי אַזוי מיין זון האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר — האָב איך געטראַכט. אַ שאָד, וואָס בּאַראַך האָט אים נישט געזען. דאַן וואָלט ער פאַרשטאַנען, ווי נאַריש עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז זיין איינציקער זון זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין טאַטן. אייניקע, וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט מיר אין קאַמער 110, האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס ער, מיין זון, אַ סטודענט, אַ קאָמסאָמאָלעץ און האָט קיין מורא נישט.

דורך דעם לעכל אין דער לאַסט פון אַראָפּגעקלאַפּטן לאָדן האָב איך געזען מיין ווייב, מיין זון — די גאַנצע שיינע וועלט. זיי האָבן נאָר געהערט מיין קול, וואָס האָט געקלונגען אנדערש, ווייל אויך אויפן קול, ווי אויף מיר אינגאַנצן האָט דאָס איבערגעלעבטע געלייגט זיין חותם. נישטאָ שוין אין אים די פריערדיקע פעסטקייט, זיכערקייט אין קלאַנג. דאָס לעבן מיינס האָט באַקומען אַ „טרעשטשינע״, אַ שפּאַלט וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף אַלע־מען: סיי אויפן אויסערלעכן אויסזען, סיי אויפן געמיט. אפשר איז גלייכער אַזוי, האָב איך געטראַכט, וואָס זיי, מיין ווייב און זון זעען מיך נישט, נאָר הערן פון דערווייטנס מיין קול — אַ גרוס פון זייער מאַן און פאָטער.

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען דער האַרבסט. פון דיביימער זענען שוין אַראָפּגעפאַלן די פאַרגעלבטע בלעטער. בייטאָג פלעגן טריפן פון צייט

צו צייט קליינע רעגנס, אין די נעכט פלעגט זיך צעטראָגן דאָס געוואָי פון ווינט, וואָס פלעגט אָנזאָגן די בשורה: דער ווינטער גייט.

אין פּאַלאַטע איז געווען דושנע, יעדעס פּיצל אָרט אויף די נאַרעס פון אונטערשטן שטאָק און פון אויבערשטן איז געווען פאַרנומען. אויך אויף דער פּאָדלאָגע זענען געזעסן אַ סך. עס האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן געזעסן אויף אַ וואָקזאַל און געוואַרט אויפן אָנקומען פון אַ פּאַרשפּעטיקטער באַן. יעדערער האָט געוואַרט אויף זיין באַן. וווהין די באַן וועט אים פירן ווייסט ער נישט, צי אויפן צפון, צי גאָר ערגעץ אויף דרום. אייניקע האָבן שוין דורכגעמאַכט ביז איצט אַ היפּשן וועג.

מען פירט זיי פון לאַגער צו לאַגער, נישט אויסמיידנדיק די „איבער־שיקונגס־טורמע". פון זיי קען מען זיך אַסאַך דערוויסן. ווער ווייסט, צי דיר וועט נישט אויסקומען צו זיין במשך פון די 10 יאָר, אויף וועלכע דו ביסט פאַרמשפּט, אויף די ערטער, ווו ער איז שוין געווען. לאַנג האַלט מען נישט אין איין לאַגער, עס איז נישט געווונשן דו זאָלסט זיך נעענטער באַקענען מיט אַזעלכע אומגליקלעכע ווי דו, זאָלסט זיך נישט צופיל ברודערן מיט זיי, זאָלסט נישט זיין איינער פון אַ חברה, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָרט ווו קאָלעקטיוו־דאָרט איז פאַרשטאַרקטער קאַמף־דאָס איז צו געפערלעך.

דעריבער זענען די „איבערשיקונגס טורמעס" שטענדיק פול מיט נייע מענטשן, פאַרשידענע לויטן אויסזען, לויטן סטאַזש, איבערלעבונגען און כאַראַקטערן.

נאָר איין זאַך פאַראייניקט זיי: דער טרוים און שטרעבונג צו דער פריי.

אין יעדן אָרט וווהין מען ברענגט די פאַרמישפּטע, אין יעדער טורמע מוזן זיי איבערלאָזן זייערע שפּורן: דעם אָפּדרוק פון זייערע פינגער און הענט אויף פּאַפּיר. מען רופט עס דאָ: „די שפּיל אויפן אקאָרדיאָן". אויף אייניקע ערטער ווערט מען אויך פאָטאָגראַפירט אנפאַס און פּראָפיל.

צו וואָס באַדאַרף מען אַזוי פיל מאָל „שפּילן אויפן אַקאָרדיאָן" ?

דערצו מאַכן די אַרבעט פשוטע וועכטער — די דעזשורנעס. זיי שמירן אָן מיט אַזאַ שוואַרצער סמאָלע יעדן פינגער באַזונדער און לייגן אַוועק זיין שטמפּ אויף אַ באַשטימטן אָרט פון אַן אָפּגעדרוקטן פּאַפּיר מיט קעסטעלעך, דערנאָך די גאַנצע האַנט.

מערסטנס מוזן זיי די זשמודנע אַרבעט, וואָס דענערווירט די קרבנות, איבערחזרן עטלעכע מאָל, ווייל ערגעץ ווו האָט זיך נישט באַקומען אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

די „איבערשיקונגס־טורמע" איז אויך אַן אָרט פון אומגעריכטע באַגע־גענישן: דאָרטן קען מען טרעפן אַ מענטשן, וועלכן זיינע אייגענע האַלטן, אַז ער לעבט שוין נישט פון לאַנג, בפרט נאָך, ווען זיי האָבן באַקומען וועגן דעם אַן אָפיציעלע מעלדונג. אַסאַך פון זיי זענען געוועזענע אָפיצירן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי,וועלכע זענען גלייך פון דער דייטשער געפענקעניש, אין סוף פון דער מלחמה, אַוועקגעפירט געוואָרן ערגעץ ווייט צו די „ווייסע בערן", קיין קאַלימא אָדער אין אנדערע פאַרשיקונגס־ערטער, אין וועלכע ס'איז אַזוי רייך דאָס גרויסע רוסלאַנד.

נישט אומזיסט האָט סטאַלין אַמאָל געזאָגט: — אַן אונדזערער קען נישט זיין קיין געפאַנגענער — ער איז אַ פאַררעטער. —

איצט שיקט מען זיי אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט, מילדערנדיק אַזוי אַרום די שטראָף, וואָס זיי האָבן אויף אַ סודותפולן אופן באַקומען פון דער „טראָיקע" — דריי ספּעציעלע ריכטער.

עס איז מערקווירדיק, אַז זעלטן האָט מען געקענט טרעפן צווישן זיי מענטשן אין גאַנצן דערשלאָגענע, רעזיגנירטע, אָן האָפנונגען, אַפילו גלייכ־גילטיקע. פאַרקערט! — פון וואַנען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין זיי דער כוח פון ווידערשטאַנד, פון קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן, דער ווילן צו בייטן דאָס אָפּגעזעסענע אָרט אויף אַן אַנדערס, גלויבנדיק אין דעם „משנה מקום — משנה מזל"?...

# דער יידישער מאַיאָר

מיט זיין אַריינקום אין אונדזער קאַמער, אין דעם כמעט נישט צעקנייטשטן אָפיצירן־שינעל מיט די נאָך בלישטשענדיקע מעטאַלענע קנעפּ, מיטן אָפי־צירן־היטל אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען אָן האָר, אָפּגעגאָלט ווי די באָרד,

האָט ער, דער נייער, געמאַכט אויף מיר און נישט נאָר אויף מיר, כמעט אויף אַלעמען, אַן אויסערגעוועגלעכן איינדרוק.

וואָלטן אים נישט געפעלט די פּאַגאָנעס אויף די אַקסלען און דער „סערפּ און האַמער" אויפן היטל איבער דעם גלאַנצענדיקן דאשעק, וואָלט מען אים געקענט אָננעמען פאַר אַ שליח, וואָס איז אַראָפּגעקומען מיט אַ געוויסער מיסיע, אָבער נישט ווי איינעם, וואָס זיין גורל איז אויך ווי אונדזער גורל.

דאָס פּנים האָט מיר אויסגעזען גאָר באַקאַנט. ערגעץ ווו האָב איך אים געזען, נאָר געווען איז ער מיר אומבאַקאַנט.

עפּעס האָט ער געהאַט אַ גרויסע ענלעכקייט צו חנן דעם ישיבה בחור פון „דיבוק" — אַ גלאַטן הויכן שטערן, טיפע פאַרחלמטע שוואַרצע אויגן און אַ נאָז מיט אַן האָרבל, וואָס האָט אים אויסגעגעבן, אַז ער איז אַ ייד.

זעענדיק, אַז ער, דער נייער גאסט, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, זוכנדיק פאַר זיך אַ פּיצל אָרט אויף די נאַרעם, אַ מקום מנוחה, האָב איך אים אַ רוף געטאָן צו זיך:

— דערווייל קענט איר זיך דאָ צוזעצן, נעבן מיר, שפּעטער וועלן מיר זיך שוין, ווי עס זאָל נישט זיין, אַן עצה געבן.

ער האָט, ווייזט אויס, אויך אין מיר דערקענט אַ יידן, האָט ער אַזוי וואַרעם צו מיר אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט: — איך זוך טאַקע אַרום אַ יידן און איצט האָב איך געפּאַקט. —

ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם שינעל, אונטער אים האָט ער געטראָגן אַ שפּאָגל־נייעם מיליטערישן אנצוג, וואָס איז געלעגן אויף אים אַזוי אויסגעפּאַסט, נישט אַנדערש, אַז אינדיווידועל פאַר אים האָט מען אים גענייט.

— איר זענט אַ ייד, אויב איך האָב קיין טעות נישט — און אַ פּליער דערצו — האָב איך דער ערשטער פאַרפירט אַ שמועס מיט אים.

— געטראָפן, האָט ער זיס שמייכלענדיק געענטפערט. נאָר איך בין אַן אוויאַציע־אינזשיניער.

— איך בין שוין געווען אין דער לוקיאַנאָווער טורמע, איך בין שוין אויך דאָ עטלעכע טעג, נאָר אַזאַ „עלעגאַנטן" ווי איר האָב איך נישט געטראָפן. איר זייט, ווי מיר דוכט, אַ „רעקרוט" צווישן אונדזערע.

— יאָ, איר האָט געטראָפֿן, מיך האָט מען היינט געבראַכט מיט אַן עראָפּלאַן פון בערלין.

— מיט אַן עראָפּלאַן? און פון בערלין? האָב איך אויסגערופן מיט גרויס פארוווּנדערונג. איך בין נישט פון די נייגעריקע, דאָך...

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ סך, אַ סך נייע זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב קיין אנונג נישט געהאַט. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעביסן די געשמאַקע לאַטקעס, וואָס מיין ווייב האָט מיר דעם טאָג געבראַכט און פארביסן מיט אַ זיסן אַרבוז.

— אַ דאַנק! האָט ער געזאָגט. איך האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָך אַן אוקראַיִנישן אַרבוז.

ער אַליין האָט מיר שפּעטער דערציילט:

ער איז אַ געבוירענער קיִעווער. דאָ וווינט זיין מוטער און זיין עלטערע שוועסטער מיט איר מאַן. דער פאָטער זיינער האָט באַוויזן אַרויסצופירן זיין ווייב און טאָכטער פון קיִעוו, בעת דער דייטש האָט ווי אַ וויכער זיך געיאָגט און פאַרנומען גאַנץ אוקראַיִנע. בעת אַ באָמבאַרדירונג, וואָס איז פאָרגעקומען ערגעץ נעבן קרעמענטשוק, איז דער פאָטער אומגעקומען.

ער האָט נאָך פאַר דער מלחמה פאַרענדיקט דעם קיִעווער פּאָליטעכניקום, שפּעטער האָט ער זיך ספּעציאַליזירט ביים בויען אונטערערדישע אַעראָדראָ־מען אין מאָסקווע. אין ראַטנפאַרבאַנד איז זיין ספּעציאַליטעט געווען אַ נייע, זייער אַ וויכטיקע, ספּעציאַליסטן זענען געווען ווייניק, האָט ער די גאַנצע צייט פון דער מלחמה מיט דער ארבעט זיך פאַרנומען. נאָך דער מלחמה איז ער שוין געווען אַ מאַיאָר פון דער אַוויאַציע. ער האָט אַוועקגעפירט זיין מוטער און זיין שוועסטער צוריק אין באַפרייטן קיִעוו. די שוועסטער האָט בעת דער עוואַקואַציע חתונה געהאַט מיט איינעם אַ יידן, וואָס שטאַמט פון די לאָדזשער פאַבריקאַנטן. אויסנוצנדיק זיינע גרויסע פאַרבינדונגען און באַקאַנטשאַפֿט אין דער קיִעווער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז אים געלונגען צו באַקומען פאַר זיי אַ דירה, אַ גרעסערן צימער מיט בשותפותדיקער קיך און געפועלט מען זאָל זיי אַלע, אויך דעם שוואָגער, איינמעלדן אין קיִעוו.

— עס איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן, האָב איך באַשטעטיקט זיינע

ווערטער. ער אליין איז אַרומגעפאָרן פון אָרט צו אָרט און אָנגעפירט מיט וויכטיקע בוי־אַרבעטן.

נאָך גרויסע באַמיאונגען אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, האָט מען אים אין 1951 יאָר אָפּגעקאָמאַנדירט קיין דייטשלאַנד, קיין בערלין, כדי צו באַקענען זיך און אויסצושטודירן דאָס בויען פון די אונטערערדישע אַעראָדראָמען אין דייטשלאַנד. באַדינגונגען פון אַרבעט זענען געווען גוטע, געווען גענוג, האָט ער באַשלאָסן צו זאַמלען אַ סך מאַטעריאַלן און אָנשרייבן אַ וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, כדי צו באַקומען אַ דאָקטאָראַט.

אין חודש יולי 1953 האָט מען אים גערופן אין געוויסע אָנפירערישע אנשטאלטן און אים געמאָלדן, אַז ער ווערט אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד און אַרויספאָרן צוריק קיין מאָסקווע.

דער באַפעל האָט אים געטראָפן ווי אַ באָמבע. סטייטש, ער דאַרף פאַרענדיקן זייער אַ וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וועלכע וועט קענען ברענגען גרויסע נוצן דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט.. ער האָט געבעטן אים לאָזן אַרבעטן אין בערלין, כאָטש דריי חדשים. זיינע רייד זענען אָבער געווען אומזיסטע, קיין ביטעס און ווענדונגען האָבן אויך נישט געהאָלפן.

איינמאָל, האָט ער אין גרויס פאַרצווייפלונג אויסגעשריען:

— איך ווייס, פאַרוואָס איר ווילט פון מיר פטור ווערן, איך ווייס...

זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין זיינע רייד און אויפגעפאָדערט, ער זאָל אַלס פאַרטיי־מיטגליד, זאָגן דעם אמת, וואָס ער ווייסט. ווען מען האָט אים שוין שטאַרק צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט ער סוף כל סוף אַרויסגעזאָגט:

— קיין איין ייד איז שוין נישט פאַרבליבן אין בערלין, ווילט איר אויך מיר אַרויסשיקן...

עס איז געווען גענוג, אַז דער ענין זאָל אַריבערגעפירט ווערן אין מיליטערישן טריבונאַל. דאָרט האָט מען קעגן אים צונויפגעשטעלט אַ פּאָליטישע „דיעלאָ". מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער לייקנט אָפּ די סאָוויעטישע פּאָליטיק פון גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע סאָוויעטישע בירגער, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, וואָס איז גאַראַנטירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע. בעמענדיק אין אַכט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה, האָט מען אים פאַרמשפּט לויט דעם פּאַראַגראַף

10—58 (קאָדעקס פון ר.פ.ס.ר.), די ערשטע טייל, אויף 7 יאָר.

מען האָט אים, אויף זיין ביטע געבראַכט מיט אַן עראָפּלאַן קיין קיעוו, דאָ וועט ער זיך קענען זען מיט זיין אַלטער מוטער, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ האַלבער שעה צייט. זי, זיין מוטער, ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן איר גרויסן אומגליק.

פאַר אים איז שוין פאַראַן אַן אינדיווידועלער נאַריאַד פון מאָסקווע. מען שיקט אים ווייטער בויען אונטערערדישע אַעראָדראָמען, נאָר אַלס פאַרשיקטן און פאַרמשפטן.

— גלויבט מיר, האָט ער פאַרענדיקט, איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט אַרבעטן ביי שווערער שוואַרצער אַרבעט, דאַן וואָלט איך ווייניקער געווייטיקט און ווייניקער אָפּגעפילט די גרויסע עוולה, וואָס איז, לגבי מיר באַגאַנגען געוואָרן, אַלס ייד...

## דער הונגער־שטרייק

די „איבערשיקונגס טורמע״ ברויזט און זידט טאָג און נאַכט ווי אַ קעסל מיט ברודיקע וועש. אין יעדער שעה פון מעת לעת ווערן אַרויסגעטריבן אַלץ נייע אָנגעקומענע מענטשן, מידע, מיט נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, נישט קיין געוואַשענע מיט אַ שאַרפן, געזאַלצענעם ריח פון שווייס. אָפּטמאָל איז פאַר זיי קיין אָרט נישטאָ אויף די נאַרעס, וואָס זענען פאַרנומען מיט די, וואָס זיצן שוין עטלעכע וואָכן און וואַרטן אויף זייערע „קויפערס״, וואָס דאַרפן קומען פון ערגעץ זיי צונעמען. ליגן זיי טאַקע אויף זייערע זעקלעך אויף דער הוילער, ברודיקער פאָדלאָגע און נישט קוקנדיק אויפן אַרומיקן הו־הא — שלאָפן זיי מיט אַ שווערן, אומרואיקן שלאָף. קיינער ווייסט נישט וווהין מען פירט זיי און ווי לאַנג וועלן זיי אַזוי וואַנדערן. נאָך די ביז איצטיקע פאַרלאָזענע ערטער בענקען זיי נישט, נאָר נאָך אייניקע פון די איבערגעלאָזענע חברים, וועלכע זיי וועלן געוויס שוין קיינמאָל נישט זען, נאָך זיי בענקען זיי יאָ. אין דעם מוטנעם וואַסער איז נישט שווער צו כאַפּן פיש. נוצן דאָס טאַקע אויס אייניקע מענטשן מיט פאַרשידענע אַנשויאונגען און אידייען, וואָס אַלעמען פאַראייניקט די

אומצופרידנהייט מיט די, וואָס האַלטן זיי פאַרשפאַרט און וואָס האָבן זיי פאַרטריבן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון זייערע אייגענע.

אָט דער בלאָנדער יונגערמאַן מיטן אויסגעצויגענעם בלאַסן פּנים, מיט די קורצע שטעכלדיקע וואָנצעס אונטער זיין קאַנטיקער נאָז, האַלט שטענדיק אַרום זיך אַ קרייז פון יונגוואַרג און הערט נישט אויף מיט זיי צו שמועסן. ער רעדט אויף דער רוסישער שפּראַך, נאָר מיט אַ ווייס־רוסישן אַקצענט, זשעסטיקולירנדיק דערביי מיט ביידע הענט. ער רעדט שנעל, ווי ער וואָלט מורא געהאָט, אַז ער וועט נישט באַווייזן צו פאַרענדיקן. ער רעדט אין נאָמען פון עפּעס אַ פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „אַלרוסישער פאַרבאַנד פון קעמפער פאַר פרייהייט״. לויט אים נאָך, ציילט שוין דער פאַרבאַנד נישט ווייניקער פון דריי מיליאָן קעמפער. דער ציל: יעדער פאָלק בויט אַליין זיין מלוכה־לעבן אויף נאַציאָנאַלע יסודות, ער בויט זיין קולטור אויף זיין מוטערשפּראַך. אין דער ווירטשאַפט נעמען אָנטייל האַנט ביי האַנט סיי די מלוכה אַנשטאַלטן, סיי פּריוואַטע מענטשן, וואָס טראָגן צושטייער זייער איניציאַטיוו און פעאיקייטן... יעדן מאָל ווען ס׳עפנט זיך די טיר, רייסט ער איבער זיינע רייד אין דער מיטן, ווען די טיר פאַרמאַכט זיך, רעדט ער ווייטער.

דער קרייז פון זיינע צוהערער וואַקסט אומאויפהערלעך. פון צייט צו צייט שטעלט עמעצער אַ פראַגע און ער ענטפערט, כמעט נישט קלערנדיק, קלאָר און איבערצייגנדיק.

איך וואונדער זיך, וואָס אַ פאַרמשפּטער רעדט אַזוי אָפן על ה׳ ועל משיחו און האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט...

מיר איז געווען אינטערעסאַנט מיט אים זיך צו באַקענען. ער איז אַ ווייס־רוסישער, שטאַמט פון מינסק. אַ געוועזענער לערער פון ביאָלאָגיע. ער האָט פאַרענדיקט דעם ביאָלאָגישן אינסטיטוט אין מינסק. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אַן אַרויסגעבער פון אַ בלעטל אויף דער ווייסרוסישער שפּראַך, וואָס האָט געפּרעדיקט די אידעע פון צוזאַמענאַרבעט פון די ווייסרוסן מיט די דייטשן קעגן די באָלשעוויקעס. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויך קעגן די יידן, נאָר ער האָט עס נישט אַרויסגעזאָגט.

— ווי איז אייער שטעלונג לגבי די איבערגעבליבענע יידן. לויט אייער פּראָגראַם, האָב איך אים געפרעגט.

— יידן זענען אַ וויכטיקע נאַציע, — האָט ער געענטפערט. — זיי זענען ווי זאַלץ און פעפער פון דער מענטשהייט. זעלבשטענדיק קענען זיי נישט עקזיסטירן, זיי דאַרפן זיך צונויפמישן מיט די, מיט וועלכע זיי וווינען. — האָט ער, נישט טראַכטנדיק, אָפּגעענטפערט.

— און ווי איז אייער שטעלונג צו רעליגיע? האָב איך ווייטער געפרעגט.

— רעליגיע איז נישט קיין ציל, נאָר אַ גוט מיטל. ווען זי וואָלט נישט געווען, וואָלטן מיר זי געשאַפן. די מאַסן דאַרפן האָבן אַ רעליגיע, ווי דאָס לעבן.

אין אונדזער ווייטערדיקן שמועס, האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער האָט אין קיעוו אַ פעטער מיט אַ מומען. די מומע זיינע איז געווען אַ דירעקטאָרין פון אַ שול פון מיידלעך. איך האָב זי גוט געקענט. איר מאַן, זיין פעטער איז געווען אַ וואַזשנער פּאַרשוין, אַן אינסטרוקטאָר פון אָבקאָם (קרייז קאָמיטעט) פאַר פּראָפּאַגאַנדע. פלעגט ער שטענדיק אַרומפאָרן און לייענען רעפעראַטן אויף פּאַרטייאישע טעמעס. ווען איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זיי, איז ער שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן, ער איז אַזש רויט געוואָרן פון כעס. אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן בייזע פייערלעך. ער האָט זיך גאָר פלוצים היסטעריש צעלאַכט און דערביי אַרויסגעזאָגט: „זדראַוואָ דיאַדיושקאַ, זדראַוואָ פון אַן אָפּיציר ביי דעניקינען צו אַן אינסטרוקטאָר פון די באָלשעוויקעס! כאַ, כאַ, כאַ. אָט דאָס הייסט אַ כאַמעלעאָן!

די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע. ס׳האָט אַריינגעבלאָזן דורך די אָפענע פענצטער אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ געוואָי, ווי פון הינט אין דער נאַכט. די, וואָס זענען געלעגן אויף דער אויבערשטער נאַרע, האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. געמיינזאַם האָט מען זיך צוגעדעקט מיט אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָפן אונטער דער האַנט, נאָר ס׳האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. די קעלט האָט צוגערויבט דעם שלאָף. אייניקע האָבן געהוסט אויף אַ קול.

דער קאַיאָר האָט געטראָפן אין קאָמער אַ סך מיט פאַרביטערטע פנימער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

ווען מען האָט אין דער פרי אַריינגעטראָגן דעם קעסל מיט הייסן זופּ און שטיקער ברויט, האָבן אַ סך זיך אַ לאָז געטאָן מיט זייערע קעסעלעך, כדי צו באַקומען פון די ערשטע. ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט עפּעס הייס צו נעמען אין מויל אַריין. פּלוצים, אומגעריכט האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דעם בלאָנדן ווייסרוס:

— טראָגט זיך אָפּ מיט אייער זופּ צו אַלדע רוחות! מיר וועלן היינט נישט עסן. מיר דערקלערן אַן אַלגעמיינעם הונגער־שטרייק! שיקט אַריין דעם דיזשורנעם!

דער אויסרוף איז געווען אַזוי אומגעריכט. קיינער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן פּראָקלאַמירן אַ הונגער־שטרייק, דאָך איז דער רוף פון אַ יחיד אפילו געווען אין דער צייט. אַלע האָבן געשוויגן. די, וואָס זענען געלאָפן מיט די קעסעלעך צו נעמען זופּ האָב זיך צוריקגעצויגן.

ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן צוריק דעם קעסל מיט זופּ, האָט דער ווייסרוס זיך אָפּגערופן:

— ס׳איז שוין האַרבסט. זאָלן זיי אַרויפשטעלן די פענצטער, מענטשן זאָלן נישט פרירן אין די נעכט. נאָך היינט מוזן זיי עס טאָן.

— מיר האָבן אָבער ביז איצט נישט געפאָדערט, מען זאָל אַרויפשטעלן די פענצטער — האָט זיך אָנגערופן שטיל איינער, אַן אוקראַאינישער געוועזענער לערער.

— נישקשה, זיי וועלן זיך נישט באַליידיקן. „הונגער־שטרייק״ — דאָס איז אונדזער אויסגעפּרוווט מיטל, וואָס ווירקט אויף זיי.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און דער דיזשורנער־אָפיציר איז אַריינגעקומען.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? פאַרוואָס האָט איר נישט צוגענומען דאָס עסן? — האָט ער רואיק געפרעגט.

— מיר פאָדערן, מען זאָל באַלד אַרויפשטעלן די פענצטער. ס׳איז שוין קאַלט. מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צוצודעקן. מיר וועלן אַזוי לאַנג

הונגערן, ביז עס וועלן נישט זיין די פענצטער, — האָט זיך אָפּגערופן דער ווייסרוס.

— עס איז די ערשטע נאַכט געווען אַזאַ קאַלטע, דער צפון־ווינט האָט אָנגעיאָגט אַזאַ קעלט, ס׳וועלן נאָך זיין הייסע נעכט...

— וועלן מיר עפענען די פענצטער, — האָט עמעצער אויסגערופן.

— צו וואָס אַזאַ געפילדער מיטאַמאָל ? צו וואָס דאָס בונטעווען זיך ? מיר ווייטן ווער די בונטאָווטשיקעס זענען, מיר ווייסן...

ביי די ווערטער האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ פייפעריי, אַזאַ געפילדער פון אַלע זייטן. דער דיזשורנער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל איז אַ געפערלעכע און ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן.

— מיר דערקלערן, — האָט דער ווייסרוס אַרויסגעזאָגט, — אַז קיינער טאָר נישט נעמען עסן פון זיינע פּראָדוקטן, וואָס ער האָט, כל זמן אַנדערע הונגערן, אויב ער וויל נישט אַז זיינע פּראָדוקטן זאָלן אַריינפאַלן אין דער „פּאַראַשע״.

אַזוי אַרום איז פּראָקלאַמירט געוואָרן „איינשטימיק״ אַ הונגער־שטרייק.

שפּעטער איז אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק פון דער „איבערשיקונגס־טורמע״ — אַן עלטערער מענטש, מיט גרויע האָר, אַ פּולקאָווניק. ער איז אַריינגעקומען און אויסגערופן: גוט־מאָרגן !

אַלע האָבן אָפּגעענטפערט ווי געוויינלעך: „זדראַוויא זשעלאַיעם, גראַזשדאַנין פּולקאָווניק״״. (זייט געזונט, בירגער פּאַלקאָווניק).

— וואָס זאָגט איר אויף דער קעלט פון היינטיקער נאַכט ? איך מיין, אַז מען דאַרף שוין די פענצטער צוריק אַרויפשטעלן. אמת ?

אַ כאָר פון קולות האָבן אָפּגעענטפערט „אמת !״

— וואָס טוט מען אָבער, וואָס אויפן סקלאַד איז איצט קיין גלאָז נישטאָ, פּיצלעך, שטיקלעך זענען פאַרבליבן. די צווייטע וואָך דאַרף איך באַקומען גלאָז. איך האָב שוין אַ נאַריאַד. אדרבה, גיט אַן עצה, וואָס טוט מען ?״ האָט ער פּאַטערלעך זיך געווענדעט צו אַלעמען.

— זאָל זיין פון שטיקלעך, וואָס גייט אונדז אָן, אַבי ס׳זאָל נישט זיין אַזוי קאַלט ביינאַכט ! האָט דער ווייסרוס זיך אָפּגערופן.

— נו, גוט, זאָל זיין אַזוי. אין דער צייט פון אייער שפּאַציר און אפשר

וועט איר היינט שפּאַצירן אַביסל לענגער, וועט מען אין אייער קאַמער אַריינשטעלן די פענצטער מיט געשטוקעוועטע שייבלעך. מסכים ?

— מסכים !

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן אַלע מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן די געזאַלצענע טיולקעס מיט ברויט און פאַרטרונקען מיט הייסן זופּ...

# די ליבע פון ערשטן אויגנבליק

דער שפּאַציר אונדזערער אויפן טורמע־הויף האָט היינט זיך געצויגן לענגער ווי שטענדיק. דער טאָג איז געווען אַ האַרבסטיק־שיינער, אַ טרוקענער. דער נאַכטיקער שטורעם־ווינט האָט פאַרטריבן די קלאָטשעדיקע וואָלקנס אויפן הימל ערגעץ ווייט און אויסגעטריקנט די קלענערע קאַלוזשעס, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך פונעם פאַרגאַנגענעם רעגן. די שווערע שטיוול־טריט פון די שפּאַצירנדיקע אַרעסטאַנטן האָבן אומברחמנות־דיק געטרעטן די גינגאָלדענע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט אָנגעטראָגן פון אַלע זייטן.

צופעליק איז מיר אויסגעקומען צו שפּאַצירן אין דער ערשטער ריי, צוזאַמען מיט נאָך פיר מענער, צווישן וועלכע ס׳איז געגאַנגען פון מיין רעכטן זייט ניקאָליי, אָט דער יונגער אייזנבאַן־לאָקאָמאָטיוו־פירער אין זיין נישט איבעריק ריינעם אייזנבאַן מונדיר און פון דער לינקער זייט, איינער פון די נעכטן אָנגעקומענע, אַ בלאָנד׳ער יונגער בחור אין עלטער פון 16—17 יאָר, וואָס האָט גאָר באַדאַרפט איצט זיצן אויף דער שול־באַנק, אין אַ קאָרטענעם דינעם אַנצוג, מיט פאַרקירצטע אַרבל און קורצע הויזן, ווייל דער בחור איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן.

ביים ערשטן פענצטער, אויפן ערשטן שטאָק, פונקט אויף דעם אָרט, וווּ ס׳האָט זיך געפונען אונדזער פענצטער אויפן דריטן שטאָק, זענען געשטאַנען עטלעכע יונגע פרויען און האָבן אויף אונדז אַרויסגעקוקט. די ערשטע איז געשטאַנען איינע אַ יונגע מיידל מיט צעלאָזענע לאַנגע

שוואַרצע האָר, אַ הויכן גלאַטן שטערן, געדיכטע שוואַרצע ברעמען אויף טיפע פאַרחלומטע אויגן. זי האָט פאַרפלאָכטן אירע האָר אין צעפּ, האַלטנדיק די שפּילקעס אין מויל. ביי יעדן קרייז, ווען מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם פענצטער, האָט זי אַזוי וואַרעם געשמייכלט און עטלעכע מאָל אפילו געשיקט לופט־קושן.

צו וועמען שמייכלט זי אַזוי? געוויס צום יונגן שיינעם בחור, צו ניקאָלייען. צו וועמען דען? די אַנדערע דריי, און איך בתוכם, זענען שוין צו אַלט, און דער פערטער איז נאָך צו יונג — איז נישט אַנדערש, ווי צו ניקאָלאַיען.

איך האָב צו אים אַ שמייכל געטאָן ווי איינער רעדט: „דו ביזט אַ בר־מזל". ער האָט אַ צופרידענער אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל. ווען זי האָט אָבער צום צווייטן מאָל אַ געשריי געטאָן „דאַנילאָ" און דער יונגער בחור האָט דערביי, ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען זי און אויך אָפּגעענטפערט „קאַטערינאַ", האָב איך פאַרשטאַנען צו וועמען עס זענען ניקאָלאַי איז געווען אַביסעלע אַנטוישט, דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו שמייכלען צו דעם מיידל ביי יעדן אַדורכגיין דורך איר פענצטער.

— ווער איז זי — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם בלאָנדן יונגן בחורל, וואָס האָט שפּאַצירט נעבן מיר

— זי איז קאַטיע — מיין שוועסטער. פונעם פּראָצעס אָן האָב איך זי נישט געזען, — האָט ער אָפּגעענטפערט אויף אוקראַיניש.

— דו הייסט דאַנילאָ, ווי זי האָט דיך גערופן. פון וואַנען שטאַמסטו? — געווען געוועגדעט דעם שיינעם מיידלס לופט־קושן — צו אים, צו דאַנילאָ. האָב איך געפרעגט.

— פון אַ דאָרף דעמבאָוואַ קאַרטשמאַ, נישט ווייט פון לוצק, אויפן וועג קיין לעמבערג.

דער נאָמען פון דעם דאָרף איז מיר געווען באַקאַנט. ער האָט אין מיר דערוועקט אַ באַרג מיט זכרונות. מיין פרויס פאָטער און מוטער האָבן זיך אַמאָל אַריבערגעקליבן פון דער שטאָט לוצק אין דאָרף דעמבאָוואַ קאַרטשמאַ. דאָרט האָבן זיי געעפנט אַ מאַנופאַקטור־געוועלב און געוווינט אַ סך יאָרן. צו זיי פלעגן מיר, איך און מיין ווייב, קומען צו פאָרן כמעט יעדן זומער.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט אונדז געקענט. „דער דאָקטאָר״ איז געקומען, פלעגן זיי איבערגעבן איינער דעם אַנדערן — אַזוי פלעגן זיי מיך רופן. אַלץ איז פאַרביי. שוין נישטאָ מער ביים לעבן דער שווער און שוויגער, בעסער וואָלטן זיי געשטאָרבן אין דאָרף און נישט דערוואַרט זיך די היטלערישע רוצחים זאָלן זיי אומברענגען...

— פאַרוואָס האָט מען דיך, דאַנילאָ, און דיין שוועסטער פאַרמשפּט? האָב איך מיט נייגער געפרעגט, גייענדיק אין דער אַלגעמיינער קאָלאָנע.

— נישט נאָר אונדזביידע, נאָר אויך אונדזער פאָטער און מוטער. אַלע ביז איינעם... — האָט דאַנילאָ געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— צו אונדז אין קרעטשמע זענען אַריינגעקומען איינמאָל ביינאַכט אַ גרעסערע גרופּע באַוואָפנטע מענטשן אין דער אוניפאָרם פון מ. ג. ב. (מיניסטעריום פון מלוכהשער זיכערקייט). זיי האָבן געפאָדערט עסן, טרינקען. מיר אַלע פיר האָבן זיי באַדינט און דערלאַנגט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. זיי האָבן געטרונקען אַ סך בראָנפן און שיכורערהייט האָבן זיי זיך צעזונגען אוקראַינישע פאַרווערטע לידער. מיין שוועסטער קאַטיע, איז אַ לערערין געווען אין דאָרף, זי האָט זיך באַצייטנס אַרויסגערוקט, כדי נישט צו זיין אין דער חברה פון די שיכורים. שפּעט אין דער נאַכט האָט איינער פון זיי באַצאָלט דעם חשבון פאַר אַלעמען און זיי זענען אַוועק... גאַנץ פרי בין איך, ווי שטענדיק, אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן קיין לוצק אין שול אַריין, ווייל אין דאָרף זענען נאָר געווען די ערשטע פיר קלאַסן. קומענדיק צוריק, האָב איך געטראָפן אונדזער קרעטשמע אויפן שלאָס. אויך אויף מיר האָט מען אָפּגעוואַרט און מען האָט מיך פאַרנומען. מען האָט אונדז באַשולדיקט, אַז מיר זאָלן האָבן מיטגעהאָלפן די גרעסטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד — די באַנדעראָווצעס. פונוואַנען האָבן מיר געקאָנט וויסן, אַז די מ.ק.ווֹדיסטן זענען באַנדעראָווצעס? מעגלעך, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ פּראָוואָקאַציע — זיי האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיט די באַנדעראָווצעס, האָבן זיי אומשולדיקע אוקראַינער געמאַכט פאַר באַנדעראָווצעס, — האָט דער בחור פאַרענדיקט.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז נאָך אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע

איז אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון באַנדערען. ביים אָנהויב האָבן זיי מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און מיטגעהאָלפן אַדורכצופירן זייערע מערדערייען איבער די יידן, שפּעטער האָבן זיי זיך געמיינזאַם געשאָכטן: די באַנדעראָווצעס און די פּאָליאַקן. אין סוף פון דער מלחמה האָבן זיי אַדורכגעפירט טעראָר־אַקטן צווישן די דייטשן און נאָך דער מלחמה פירן זיי אַ פאַרביסענעם פּאַרטיזאַנער־קאַמף מיט די סאָוויעטן. זיי טעראָריזירן די אַרומיקע באַפעלקערונג. נישט איינמאָל האָבן זיי שוין אויפגעהאָנגען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו מיטאַרבעטן מיט זיי, אָדער זיי זענען חושד געווען זיי אין פּראָוואָקאַציעס. כרושטשאָוו, אַלס סעקרעטאַר פון צ.ק. פון אוקראַינע און פרעמיער האָט שוין נישט איינמאָל פאַרגעלייגט די באַנדעראָווצעס צו לייגן דאָס געווער, זיי צוגעזאָגט אַ פולע אַמנעסטיע פאַר זייערע זינד — אָבער זיי זעצן ווייטער פאָר זייער קאַמף מיט הייס געווער אין די הענט. מען פלעגט זאָגן, אַז זיי באַקומען גרויסע שטיצע פון חוץ לארץ. דאָס לעצטע יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אויף אוקראַינע אַן אַקציע קעגן די, וואָס העלפן די באַנדעראָווצעס, און די משפחה פון דעמבאָוואַ־קאַרטשמאַ איז גלייך מיט טויזנטער אַנדערע אוקראַינער געפאַלן אַ קרבן פון דער אַקציע...

אים, ניקאָלאַיען, האָט ווייזט אויס, ווייניק אינטערעסירט די גאַנצע מעשה, וואָס דער יונגער דאַנילאָ האָט דערציילט. אים האָט אינטערעסירט דאָס יונגע, שוואַרצע מיידל, מיט די לאַנגע צעפּ, די לערערין, וואָס האָט נישט פאַרלוירן איר חן אפילו אין די באַדינגונגען פון דער טורמע. איך האָב באַמערקט, אַז ער, ניקאָלאַי, געפעלט איר אויך. ביי יעדן אַדורכגאַנג אונדזערען קוקט זי אויף אים קאָקעטיש און שמייכלט מיט יענעם שמייכל, וואָס רעדט ווערטער.

— די שוועסטער דיינע האָט שוין אַ מאַן — האָט ער געפרעגט איר ברודער.

— ניין, זי איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט, האָט דאַנילאָ געענטפערט.

— וויפל יאָר האָט זי באַקומען? — האָט ניקאָלאַי ווייטער געפרעגט.

— צען יאָר.

אויב ס׳איז געווען אַמאָל אַ ליבע פונעם ערשטן בליק איז די ליבע פון ניקאָלאַיען צו קאַטיען אויך געווען פון דעם מין. ער האָט אָפט געטראַכט וועגן איר, וועגן איר גורל. צו דאַנילאָן פלעגט ער זיך באַציען ווי צו אַן אייגענעם. ער האָט אים געגומען צו זיך אויף די נאַרעס, שטענדיק פלעגט ער מיט אים שמועסן און טיף אין האַרצן האָט געטליעט ביי אים אַ פונק פון האָפענונג, אַז זי קאַטיע וועט זיין זיינע...

ווען מיר זענען אַריינגעפירט געוואָרן צוריק אין דער קאַמער, זענען שוין געווען אַרויפגעשטעלט די פענצטער, אָנגעגלעזטע מיט שטיקלעך גלאָז. זיי זענען אפילו נישט געווען אָפגעוואַשן פונעם ווינטער.

ערשט איצט האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז דער בלאָנדער ווייס־רוס איז שוין אין קאַמער נישט געווען. איך האָב נישט געבענקט נאָך אים, נאָך זיין דעספּאָטישן כאַראַקטער און נאָך זיינע אוטאָפּיש־פּאַרפירערישע אידעען.

איך האָב געבענקט נאָכן לעכל אין לאָדן, דורך וועלכן מען פלעגט קענען זען די גאַנצע וועלט, און איצט, מיט אַרויפשטעלן די פענצטער איז עס פאַרשווונדן געוואָרן...

# דער בונט

ער איז אַריין אין אונדזער קאַמער פון דער קיעווער איבערשיקונגס־טורמע פאַרנאַכטצו מיט אַ געוויש און אַ געפילדער. דעם סוף פון זיין דריי־גאָרנדיקער קללה האָט ער פאַרענדיקט אויף דער אינוויינקסטער זייט פון דער טיר. אַלע זענען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און געווענדעט די בליקן אין דער זייט פון דער ברייט געעפנטער טיר. אפילו דער אוקראַינער מיטן גלעזערנעם לינקן אויג האָט איבערגעריסן זיין ליד „אוקראַינע, מאַיאַ אוקראַינאַ...״ און מיט נייגער געקוקט אויף דעם נייעם, וואָס איז ווי אַ וויכער אַריין אין קאַמער. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער פאַרשוין, וואָס איז ווי אַן אייזל געווען אָנגעלאָדן אַרום און אַרום מיט פעק און פעקעלעך. ער איז שוין געווען אין די פופציקער יאָרן.

ווער קען ער זיין אָט דער נייער, וואָס האָט מיט זיין אָנקומען געמאַכט אַזאַ רושם? ער האָט באַמערקט ווי מען קוקט אויף אים, האָט ער וווילינגלעריש זיך אָפּגערופן: — וואָס גלאָצט איר מיט די אויגענעס, וואָס? איר האָט קיין „זאַקליוטשאָני״־אַרעסטאַנט נישט געזען? אמת, איך בין נישט קיין געוועגלעכער: ערשטנס בין איך אַן אָדעסיט, אַרקאַדי איליאיטש איז מיין נאָמען. צווייטנס — בין איך דער, וואָס האָט באַדאַרפט אַדורכפירן דעם בונט אין לאַגער נומער נ., דריטנס בין איך פון אַ ביטאָוויק געוואָרן אַ פּאָליטישער — אייערס גלייכן. פאַרן ערשטן באַקענען זיך וועט זיין געגנוג — פּאָרזעצונג קומט.

צו מיר האָט ער זיך אָפּגערופן אויף „דו״.

— מאַך נאָר פּאַר מיר אַן אָרט נעבן דיר, איך וויל דאָרט זיך לייגן — מיט די ווערטער, וואָס זענען עקסטראַ געווען געווענדעט צו מיר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ ייד.

נישט ווילנדיק האָב איך דעם נייעם יידן פאַרגלייכט אין דמיון מיט יענעם יידן, מיט דעם אַוויאַ־מאַיאָר, וואָס איז געווען אַזאַ קורצער גאַסט ביי אונדז. גאָרנישט יידישלעך פירט ער זיך אויף, אָט דער נייער. ער גייט און מאַכט זיך אַ וועג מיטביידע פויסטן, האָב איך געטראַכט. ער איז זיכער ניכטער, דאָך פירט ער זיך אויף, ווי ער וואָלט געווען שיכור.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אַרקאַדי איליאיטש צעלייגט אַרום זיך אויף דער נאַרע זיינע פּעקלעך.

— צום טייוול, צו וואָס האָבן זיי מיר אַזויפיל אָנגעבראַכט?! ווער דאַרף עס? האָט ער זיך געקלאָגט.

כדי לייכטער זיך מאַכן האָט ער עטלעכע פּעקלעך, וואָס זענען געווען גאָר עלעגאַנט פאַרפּאַקט געעפנט און פאַרזוכט פון די זיסע קאָנפעקטן, שאָקאָלאַדן, מכבד געווען מיך און אויך אנדערע, וואָס זענען געלעגן אַרום אונדז ביידן.

— אוי האָבן זיי זיך, בראַטקע, באַמאַכט, גאָר לייטיש באַמאַכט — האָט ער נישט איינגעהאַלטן זיך און אַרויס מיט אַ געלעכטער. דו ווייסט, וואָס איז אַזוינס פּאַר אַ סטאַטיי 54/2, לויט אוקראַאינישן שטראָף קאָדעקס?! האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז אַ פּאָליטישע סטאַטיי, מער ווייס איך נישט, — האָב איך געענטפערט.

— אַ פּאָליטישע צו אַ פּאָליטישע איז נישט גלייך. לויט דער סטאַטיי ווערסטו ברודער באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, כדי אָפּצורייסן אַ געוויסע טייל פון ראַטנפאַרבאַנד. ס'שמעקט מיט פיף־פּאַף, אָן וידוי אפילו. אָט די סטאַטיי מיט 54/11 אַ צוגאָב האָבן זיי מיר געגעבן.

— 54/11 איז דאָך אָ גרופּן־סטאַטיי. מען האָט אייך געמשפּט צוזאַמען מיט אַ גרופּע? האָב איך געפרעגט.

אַרקאַדיע איליטש האָט באַדאַרפט אַמאָל זיין אַ ריידנער, אַ מאַסאָוויק. ער האָט גערעדט אויף אַ זאַפּטיקער רוסישער שפּראַך מיט אַן אָדעסער אַקצענט. ער האָט אין זיין לעבן אַדורכגעמאַכט אַ סך און האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. אין קורצן איז זיין דערציילונג אַזאַ:

אַרקאַדי אילאיטש איז אַ געבוירענער אָדעסיט. ער איז געווען גרויס און שטאָלץ ביי זיך וואָס אָדעס איז זיין געבורט־שטאָט. דריי ברידער זענען זיי געווען, אַלע דריי מיט העכערער בילדונג און אַלע דריי אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן. פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר לעניגען, פאַר אַ פריי רוסלאַנד — זענען זיי גרייט געווען דאָס לעבן אַוועקצוגעבן. אין קאַמף מיט דעניקינען האָט טאַקע מאַקס, דער מיטלסטער ברודער, זיין יונג לעבן אַוועקגעגעבן. ער אַליין — אַרקאַדיע, האָט פאַרלוירן פיר פינגער פון זיין לינקער האַנט, נאָר איינער, דער גראָבער פינגער איז פאַרבליבן. דער עלטערער ברודער איז געווען דער צווייטער סעקרעטאַר פון קרייז־פאַרטיי־קאָמיטעט אין אָדעס ביז דער גרויסער מלחמה. ער, אַרקאַדי, איז געווען דער דירעקטאָר פון אַ גרויסער מיליטערישער פאַבריק. אין אָנהויב פון דער מלחמה האָט ער אפילו באַוויזן באַצייטנס די פאַבריק מיט אַלע מאַשינען צו עוואַקואירן ערגעץ אין ווייטן סיביר, אויפשטעלן דאָרט אויפסניי די פאַבריק און אַרבעטן, אַרבעטן, אָן רו און אויפהער, כדי דעם פראָנט מיט געווער צו באַזאָרגן. אָרדנס האָט ער באַקומען גענוג. נאָך דער זיגרייכער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט מיט זיין זאַוואָד אַהיים, אין באַפרייטן אָדעס.

דאָ האָט ער, אַרקאַדיע, דערפילט, אַז נאָך דער מלחמה, נאָך דער

היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָבן אָנגעהויבן אין אָדעס צו בלאָזן נייע ווינטן. ער האָט דערפילט, אַז די אָקופּאַציע־יאָרן האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן: נישט נאָר אין גרויסע פאַרניכטונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פּאָרט פונעם שוואַרצן ים, אָדעס, אין דער שטאָט דער „קראַסאַוויצע״, נאָר אין די נשמות פון די, וואָס האָבן צוגעזען און א סך פון זיי אויך צוגעהאָלפן אומצוברענגען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אונדזערע ברידער, זייערע ווייבער און קינדער. דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, זענען זיי אויך גרויס געווען אין די אויגן. זיי, די פּאַרטייער, ווי אַרקאַדיע, זיין ברודער און אַנדערע ווי ער — האָבן אַלץ געוואַרט, אַז מען וועט זיך אַ נעם טאָן צו זיי ווי געהעריק און מאַכן אַ באַלשעוויסטישע אָרדנונג. ליידער, איז די לאַגע מער פאַרשאַרפט געוואָרן. מיטן פאַרמאַכן די יידישע פּרעסע, די יידישע טעאַטערן, מיט די צענדליקער אַרעסטן פון יידן האָט ער אַרקאַדי דערפילט ווי דער באָדן ברענט אויך אונטער זיינע פיס.

דעם עלטערן ברודער זיינעם האָט מען אַריבערגעפירט אויף פּענסיע און באַפרייט פון זיין פּאַרטייאישן פּאָסטן. ביי אים אין פאַבריק זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען פון אומצופרידנקייט פון אַ טייל אַרבעטער. ער, אַרקאַדיע, פלעגט פערזענלעך זיך אינטערעסירן מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון זייגע אַרבעטער. ער האָט געהאַט אַ שטרענגן אויפזיכט אויף די קיכן און נישט זעלטן פלעגט ער זיך דערלויבן צו העלפן מיט קלענערע סומעס געלט די אַרבעטער, וואָס נויטיקן זיך אַממערסטן. די אַלגעמיינע לאַגע איז געווען אַ שווערע, פלעגן אַלץ מער און מער אַרבעטער מיט גרעסערע פאַמיליעס זיך ווענדן נאָך שטיצע. ווי ווייט עס איז געווען מעגלעך, האָט ער אַרקאַדיע, זיי געהאָלפן.

אין יאָר 1948, ווען די שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך אָנגעיאָגט אויף דער יידישער אינטעליגענץ, שרייבער און קינסטלער, איז אויך ביי אים אויף דער פאַבריק אַדורכגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע רעוויזיע, אין רעזולטאַט פון וועלכער, ער אַרקאַדיע האָט אַוועקגעלייגט זיין פּאַרטיי־בילעט, ער איז אַרעסטירט געוואָרן און באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרשווענדן אויף אַ נישט רעכטלעכן אופן זעכציק טויזנט רובל פון מלוכהשע געלטער. זיינע

באַוויזן, אַז ער פּערזענלעך האָט נישט געגאַנסן אַפילו פון קיין איין גראַשן — האָבן נישט געהאָלפן, כאָטש אויף די אַרויסגעגעבענע געלטער די אַרבעטער זענען געווען די געהעריקע קוויטירונגען... דאָך האָט ער באַקומען צוואַנציק יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעט־לאַגער.

די שטראָף איז ער אָפּגעקומען אין אינוואַלידן לאַגער, אין בעליטשעי, אונטער קיעוו, אין די סטאָלער־וואַרשטאַטן, שוין דריי מיט אַן האַלבן יאָר. אין לאַגער האָט ער שווער נישט געאַרבעט, נאָר דער פּאַרדרוס איז געווען גרויס. פאַרוואָס קומט עס אים? אומאויפהערלעך פלעגט ער שרייבן אָנקלאַגעס, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די תשובות זענען געווען, ווי געוועגלעך, „פאַרמשפּט ריכטיק!" אויך זיין ברודער, דער פּענסיאָנער, האָט נישט געשוויגן.

ביז איינמאָל אין די זומער חדשים, האָט מען אים פּלוצים אַריבערגעפירט פון לאַגער אין אויספאָרשונג־טורמע קיין קיעוו אויף ראָזאַ לוקסעמבורג־גאַס. סטייטש, פאַרוואָס?

עס האָט זיך פאַרקאָכט אַ נייע קאַשע, אַ פּאָליטישע. ער זאָל האָבן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לאַגערן אויף צפון, אפילו אין וואָרקוטאַ, און צוזאַמען מיט זיי, זאָל ער האָבן געזאָלט אַדורכפירן אין ביעליטשער לאַגער אַ בונט, מיט דעם ציל אויסצוהרגענען אַלע אָנפירער פון לאַגער און באַפרייען די פאַרמשפּטע. פון אָנהייב האָט ער אַרקאַדי געפּרוווט אָפּצולייקענען אַט די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען. ווען מען האָט במשך פון אַ וואָך צייט, טאָג ביי טאָג, געבראַכט עדות פון לאַגער, וואָס האָבן אין זיין אָנוועזנהייט באַשטעטיקט, אַז ער אַרקאַדי האָט זיי צוגערעדט צום „בונט". צוויי פון זיי האָבן אַפילו געשילדערט דעם „גענויען" פּלאַן, ווי אַזוי און ווען ס'האָט געזאָלט פאָרקומען דער „בונט", איז ער אַרקאַדיע אַריבערגעגאַנגען אויף אַ נייער טאַקטיק: פון חוזק מאַכן איבער זיי. אין אַלץ האָט ער זיך מודה געווען, אונטער אַלע פּראָטאָקאָלן זיך אונטערגעשריבן, פאַרקערט, ער האָט נאָך צוגעגעבן אַלץ מער פאַנטאַסטישע פּלענער, וואָס זיי זאָלן האָבן מכלומרשט געפּלאַנירט: צו מאַכן אַטאָם־באָמבעס און אומברענגען מיט זיי נישט נאָר דעם לאַגער, נאָר די גאַנצע וועלט...

## דער מלאך הגואל

איינמאָל אין חודש פלעגט אַרקאַדיעס ברודער קומען צו אים אויף אַ זעאונג אין לאַגער אַריין. ווען מען האָט אים דאָס מאָל געמאָלדן, אַז אַרקאַדיע איז שוין נישטאָ אין דעם לאַגער, האָט ער געוואָלט וויסן, ווו ער געפינט זיך. דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע האָט אים געזאָגט, אַז זיין ברודער געפינט זיך ערגעץ אין איינער פון די קיעווער אויספאָרשונג־טורמעס, אָבער ווו — דאָס ווייסט ער אַליין נישט. זיינער אַמאָליקער חבר, איינער פון די סעקרעטאַרן אין קרייז־פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אים געהאָלפן זיך צו דערוויסן, אַז ער, אַרקאַדיע, געפינט זיך אין אויספאָרשונגס־טורמע אויף ראָזע־לוקסענבורג־גאַס.

דאָרט איז אים געלונגען געוואָר ווערן, אַז זיין ברודער ווערט באַשולדיקט לויט דער סטאַטיי 2־54 און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אַז זיין ברודער איז אין גרויס געפאַר און מען מוז אים ראַטעווען. דעם זעלבן טאָג איז ער אָפּגעפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע צו אַ געוועזענעם חבר זיינעם, אַן אַלטן 70 יעריקן יידישן אַדוואָקאַט, כדי זיך מיט אים צו באַראַטן וועגן זיין ברודערס גורל.

דער אַלטער חבר זיינער האָט זיך דערפרייט מיט זיין אָנקומען, נאָר דערוויסנדיק זיך, צוליב וואָס און צוליב ווען ער איז געקומען, האָט ער פאַרלוירן זיין שמייכל. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאָך אַ קרבן! עך, סיעמיאָן, סיעמיאָן. ס'איז נאָך אַלץ נישט פול דאָס קריגעלע! נישט געזאָרגט, מיר וועלן פּרוּוון עפּעס אויפטאָן, כאָטש די סטאַטיי איז אַ שווערע, זייער אַ שווערע!

זיי זענען צוזאַמען אָפּגעפלויגן אויפן צווייטן טאָג קיין קיעוו. דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט פאַרשטאַנען צו באַזאָרגן זיך באַצייטנס אין מאָסקווע מיט אַ בריוול פון די העכערע פּראָקוראַטור־אינסטאַנצן, מען זאָל אים צולאָזן זיך צו זען מיטן באַשולדיקטן; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צו אַ באַשולדיקטן לויט דער סטאַטיי 2־54 קען מען אפילו זיין אַדוואָקאַט נישט צולאָזן.

אַרקאַדי אילאיטש האָט זיך גאָר דערפרייט, ווען ער האָט דערזען פאַר

זיך דעם אַלטן באַקאַנטן זיינעם, דעם אַדוואָקאַט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר ער קען זיין דער מלאך הגואל זיינער פונעם געפערלעכן תהום, אין וועלכן מען וויל אים אַריינשליידערן.

— וועגן ערשטן פראָצעס וועלן מיר איצט נישט שמועסן — האָט ער געזאָגט. דרך אגב, לויט דער אַמנעסטיע פונעם 27 מערץ 1953 יאָר דאַרף אייער שטראָף פאַרקלענערט ווערן אויף אַן העלפט, נאָר דאָס איז איצט ווייניקער וויכטיק. איצט איז וויכטיק די סטאַטיי 2־54, וועלכע מען וואַרפט אייך פאָר. ווען נישט די ערנסטקייט און געפערלעכקייט פון דער געשאַפענער לאַגע וואָלט מען געקענט זיך גענוג אָנלאַכן און אָפּשפּאָטן: ער אַליין איז דער פּלאַנירער, דער אָרגאַניזאַטאָר און דער אויספירער. ער אַליין מיט די ליידיקע הענט קעגן אַ מענגע שומרים מיט אויטאָמאַטן אין די הענט, און וווּ? אין בעליטשי, וואָס געפינט זיך אַזוי נאָענט פון דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, פון קיעוו. ס'איז קאָמיש, לעכערלעך, — אָבער געפערלעך.

דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט אים אויסגעהערט מיט גרויסער ערנסטקייט. ער האָט געזען, אַז זיין קליענט איז נישט פון די נעבעכדיקע, אומבאהאָל־פענע מענטשן, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע. עס איז נאָר אַ שאָד, האָט ער געטראַכט, וואָס דער פּראָצעס וועט פאָרקומען ביי „פאַרמאַכטע טירן" און ווייטער פון דעם געריכט־זאַל וועט קיינער וועגן אים נישט וויסן. דערפאַר קענען זיי די אויספאָרשער, די פּראָקוראָרן און ריכטער זיך דערלויבן אַדורכפירן אַזעלכע פּראָצעסן מיט אַזעלכע אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען

אַרקאַדי איליטש האָט אַפילו איבערגעגעבן זיין אַדוואָקאַט זיינע השערות וועגן די סיבות פון זיין פּראָצעס. די לעצטע צייט האָבן זיך דערטראָגן אין לאַגער קלאַנגען, אַז אין די לאַגערן אין וואָרקוטאַ, אין זאַפּאָליאַריע זענען אויסגעבראָכן גרויסע בונטן פון די „קאַטאָרזשאַנעס", מיט זיי זאָלן זיך האָבן סאָלידאַריזירט אויך די געוויינלעכע לאַגערניקעס. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַ נייעס, אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש. ס'איז אַ סברא, אַז זיי האָבן אפילו געפּויעלט, אַז דער קאַטאָרגע־רעזשים זאָל אָפּגעשאַפן ווערן. דעריבער האָט דער נאַטשאַלניק פון בעליטשי־לאַגער

באַדאַרפט ווייזן אויף וויפל ער איז פאַרזיכטיק און אויף דער וואַך, אַ סימן, אַז אים איז געלונגען אַנטפלעקן באַצייטנס דעם „בונט" און אַנגעמען די געהעריקע מיטלען...

פאַרוואָס האָט ער, דער נאַטשאַלניק, אויסגעקליבן פּונקט אים פאַרן קרבן איז פאַרשטענדלעך. ער איז אַ מענטש מיט העכערער בילדונג, אַ געוועזענער פּאַרטייער און אַ ייד דערצו. ער, דער נאַטשאַלניק האָט זיך זיינע מענטשן, זיינע שטענדיקע עדות, וועלכע זענען גרייט שטענדיק אים צו דינען.. אויף זיי שפּאָרט ער זיך אָן. אלא וואָס, ער איז נישט בכוח זיי צוצוגרייטן ווי געהעריק, ווי זאָגט מען עס: „העכער פון דיין נאָז וועסטו נישט איבערשפּרונגען". וואָס ער פאַרמאָגט, דאָס גיט ער אַרויס פון זיך, נישט מער.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביי פאַרמאַכטע טירן. אַזעלכע פּראָצעסן זענען אָפט שאַבלאָניש, פּאָרויס באַשטימטע, דער פּראָצעס איז געווען אָן אויסטערלישער. דער אַלטער גרייז־גראָער פאַרטיידיקער האָט נישט אַרויסגעלאָזט די איניציאַטיוו פון זיינע הענט די גאַנצע צייט. ער האָט אינגאַנצן צעטומלט די עדות, וואָס זענען געקומען אין געריכט מיט גרייטע באַשולדיקונגען.

— דער באַשולדיקטער זאָגט, אַז אייך האָט ער באַשטימט אַראָפּצונעמען פון דער „ווישקע" דעם וועכטער אין דעם רעכטן ווינקל פון לאַגער, ווי אַזוי האָט איר פּלאַנירט דאָס אויסצופירן? האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט איינעם פון די אונטערגעשטעלטע עדות.

— מיך? מיך האָט ער באַשטימט? ס'איז אַ ליגן. ער האָט מיט מיר קיינמאָל נישט גערעדט אפילו. ער אַליין האָט געזאָלט דערשיסן די וועכטער אויף די ווישקעס — האָט דער עדות מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— מיט וואָס? מיט ליידיקע הענט? מיט זיינע 6 פינגער? — האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט.

— איך ווייס? אַז אַ מענטש גרייט צו אַ „בונט", מנסתם איז ער באַזאָרגט מיט געווער.

— און צו געווער מוז מען האָבן מענטשן, די שיסער. ווער זענען זיי געווען? צי זענען זיי געווען אין לאַגער, אָדער אויסערן לאַגער?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

אַזוי אַרום האָט דער אַדוואָקאַט צעקלאַפּט די אויסגעלערנטע באַשולדי־קונגען פון אַלע זעקס צוגעגרייטע עדות. אייניקע האָבן זיך אפילו דערשראָקן, וואָס ער, דער אַדוואָקאַט נעמט זיי אויך אַריין אין קאָן אַריין, וואָס ער, דער באַשולדיקטער דורך זיי, לייקנט גאָר נישט אָפּ זייערע רייד, נאָר דערציילט וועגן אים, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די, וואָס האָבן באַדאַרפט אַדורכפירן דעם „בונט". זיי האָבן געפּרוווט זיך צוריקציען פון אַלעמען. איינער האָט אפילו אויסגעגעבן, אַז מען האָט אים אָנגערעדט אויפן באַשולדיקטן...

דער ריכטער האָט נישט געוואַגט צו שטערן דעם אַלטן אַדוואָקאַט פון מאָסקווע צו שטעלן פראַגן. ווער ווייסט וועלכע פאַרבינדונגען ער האָט דאָרט אין די „הויכע פענצטער" האָט ער געטראַכט. און ווער ווייסט, צי קען ער אים פערזענלעך נישט ברענגען קיין שאָדן. איצט, נאָך סטאַלינס טויט, האָט מען זיך שוין גענומען, זאָגט מען, צו די ריכטער אויך.

— איך ווייס נישט, האָט אַרקאַדי איליטש מיט שטאָלץ צוגעגעבן, צי נאָך איין אַדוואָקאַט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אַמאָל אַרויסגעוויזן ביי זיין פאַרטיידיקונג אַזויפיל מסירת נפש, אַזויפיל חכמה און לאָגיק, אַזויפיל מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן שטאָלץ ווי ער, דער אַלטער גרייז־גראָער אַדוואָקאַט זיינער.

אפילו אויף די ריכטער האָט זיין רעדע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אַזעלכע רעדעס פון אַדוואָקאַטן ביי פּאָליטישע פּראָצעסן האָבן זיי געהערט דאָס ערשטע מאָל. אַזעלכע רעדעס האָבן זיי נאָר געלייענט אין די ביכער „געריכט־רעדעס פון באַרימטע רוסישע אַדוואָקאַטן".

אויך דער פּראָקוראָר האָט נישט געוואַגט אונטערצוהאַלטן די באַשול־דיקונג אין דער פולער מאָס. ער האָט אים נאָר באַשולדיקט אין אַנטיסאָוויעטישע שמועסן מיט די פאַרמישפּטע אין לאַגער וועגן „בונטן" און וועגן דער אומגערעכטיקייט, וואָס זאָל כלומרשט האָבן אָן אָרט אין ראַטנפאַרבאַנד.

די באַראַטונג פון די ריכטער האָט געדויערט עטלעכע שעה. מעגלעך, אַז זיי האָבן באַדאַרפט אַנולירן דעם פאָרויס צוגעגרייטן אורטייל און

אַרויסטראָגן אַ נייעם.

דער נייער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן סמך פון דער סטאַטיי 10־54, די ערשטע טייל, פון אוקראַינישן שטראַף־קאָדעקס. די שטראָף איז זיבן יאָר. די פריערדיקע שטראָף איז, לויט דער אַמנעסטיע פונעם 27 מערץ 1953 יאָר, פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַן העלפט, ד. ה. אויף 10 יאָר. דריי מיט אַ האַלבן יאָר איז ער שוין אָפּגעזעסן, צוזאַמען בלייבט אים 13 מיט אַן האַלבן יאָר.

— דער עיקר, האָט אַרקאַדי פאַרענדיקט זיין דערציילונג, אַז איך בין שוין איצט אַ פּאָליטישער. דער אַלטער אַדוואָקאַט איז אַהיימגעפאָרן אַ צופרידענער. ביים געזעגענען זיך מיט מיר האָט ער מיר געגעבן האָפנונגען, אַז ער וועט נאָך ביי זיין לעבן מיט מיר זיך זען אויף דער פריי...

— בעסער אַזוי, וואָס זיי האָבן פּאַרט געגעבן אַ פּאָליטישע סטאַטיי. ס׳וועט מיר העלפן אין מיין ווייטערדיקן קאַמף פאַר מיין באַפרייאונג. איך בין זיכער, אַז ס׳וועט מיר געלונגען.

## דער יוריסט

דער גיכער נצחון וואָס אונדזער קאַמער האָט באַקומען פונעם הונגער־שטרייק, וואָס איז אויף אַ דיקטאַטאָרישן אופן פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן בלאָנדן ווייס־רוס, האָט זיך אַרויסגעוויזן אלס אַ דורכפאַל. די פענצטער אָנגעגלעזטע מיט פּיצלעך גלאָז זענען צוגעקלאַפּט געוואָרן פעסט מיט טשוועקעס. די פּאַלאַטע איז פול געווען מיט מענטשן, קיין פּיצל אָרט איז שוין נישט געווען אויף די נאַרעס. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט אַ סך פרישע אָנגעקומענע. די לופט האָט געשטיקט, עס איז שווער געווען צו אָטעמען.

אייניקע פון אונז און איך בתוכם האָבן געבענקט נאָך דעם לעכל אין די קראַטעס, דורך וועלכן מען פלעגט זען די וועלט און אויך די נאָענסטע.

ווען איך האָב דערציילט אַרקאַדי איליטשן וועגן „הונגער שטרייק״ צוליב די פענצטער, האָט ער זיך צעכעסט:

— גרינע, זענט איר, נאָוואָבראַנצעס! איך וואָלט אים געוויזן, ווי אַזוי צו פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, גלאָט אַזוי ווען אים האָט זיך פאַרגלוסט. מען דאַרף אַראָפּרייסן די פענצטער און שוין...

גערעדט און געטאָן. אַרקאַדי איז דער ערשטער אַרויף אויף דער אויבערשטער נאַרע און גענומען אַראָפּרייסן די אויבערשטע טיילן פון די פענצטער, די אויבער־לופטן. מערסטנס מענטשן זענען געווען צופרידן פון זיין אויפטו. ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעריסן דעם ערשטן אויבערלופט, האָט אַריינגעשטראָמט אין קאַמער אַ פרישער שטראָם לופט פון דרויסן, עס איז באַלד לייכטער געוואָרן צו אָטעמען.

נישט צופרידן זענען געווען נישט מער ווי צוויי: דער אוקראַאינער, אָט דער מיט דעם בלינדן אויג און נאָך אַן אוקראַאינער — אַ יונגער סטודענט, וואָס איז געלעגן ביי סאַמע פענצטער. זייביידע וואָלט אויך געפעלן דער אויפטו און די דרייסטקייט פון אַראָפּרייסן די פענצטער, נאָר ווען דאָס וואָלט געטאָן אַן אַנדערער, נישט אַרקאַדי איליטש, דער ייד. פון זיין ערשטן אַריינקומען אין קאַמער, האָבן זיי אים פיינט באַקומען, נאָר אַרויסווייזן עס האָבן זיי נישט געוואַגט. זיי האָבן געזען, ווי ער, דער ייד, האָט צעטיילט עטלעכע פעסטע יאַטן שטיקער וווּרשט און צוקער און אַזוי אַרום זיי אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט. ביי אַ געשלעג וועלן זיי זיכער זיין מיט אים.

איך האָב מיט זיי קיין צוויי ווערטער נישט פאַרביטן, זייט איך בין געקומען אַהער אין טורמע, דאָך האָב איך געזען, אַז זיי קענען אין מיין זייט נישט קוקן... עס איז נישט קיין וווּנדער. אָט דער, מיטן איינעם אויג איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער דייטשישער געסטאַפּאָ. אים איז געלונגען ביז איצט זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָנבאַס. ער האָט באַקומען 25 יאָר, כאָטש ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער פלעג אומברענגען בלויז יידן. דער אוקראַאינישער סטודענט פיליפ איז נאָך געווען אַ יונגער, דאָך האָט

ער באַקומען 10 יאָר פאַר פרעדיקן אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם.

דער ערשטער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַראָפּנעמען די פענצטער, פיליפּ. אים האָט אונטערגעהאַלטן דער אוקראַינער מיטן איינעם אויג.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעבאַלעבאַטעוועט דאָ, ווי אין דיין יידישער שול? ווער בעט דיך? האָבן זיי זיך צעשריגן אויף אַ קול.

אַרקאַדי האָט אויף אַ רגע איבערגעריסן זיין אַרבעט און האָט מיט ביטול אַ קוק געטון אויף זייביידע און אַ זאָג געטאָן:

— חברים, ווער נאָך, אַ חוץ די ביידע, איז קעגן דעם, מען זאָל אַראָפּנעמען די פענצטער?

— אַראָפּנעמען, אַראָפּנעמען — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן איצט? האָט ער, אַרקאַדיע, געפרעגט די אוקראַינער.

— אַ ייד מישט זיך אומעטום אַריין! האָט אויסגעשריגן דער מיטן איינעם אויג. אויך אויף אונדזער אוקראַינע וויל ער באַלעבאַטעווען. דאָ איז נישט פּאַלעסטינע. אַ הינצו גייט!

— דו היטלערישער אונטערלעקער, דו מערדער פון יידישע קינדער, דיין צייט איז פאַריבער. דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטן, דו הונטישער זון! האָט אויסגעשריען אַרקאַדי און אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אויבערשטער נאַרע און אַ וואָרף זיך געטאָן אויף דעם אוקראַינער.

ווען אייניקע זענען אונטערגעקומען און געוואָלט אים צוהעלפן האָט ער זיי געבעטן: — מען דאַרף נישט. מיט אַזאַ וואַנץ וועל איך זיך אַליין אַן עצה געבן...

דער צווייטער, דער יונגער סטודענט איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס אַ דערשראָקענער, געלאָפן גלייך צו דער טיר און אָנגעהויבן קלאַפּן אין איר.

באַלד איז נאָך אים אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס אַ צווייטער יונגער, דאַרער בחור, און אַראָפּגעלאָזט דעם אוקראַינישן סטודענט צוויי פלאַמיקע הילכיקע פּעטש אין פּנים אַריין, דערביי האָט ער קאַלטבלוטיק אַרויס־געזאָגט: — איצט וועסטו שוין וויסן, אַז וואָס ס'געשעט צווישן אונדז —

איז אונדזער זאַך. זיי דאַרף מען נישט אַריינמישן... דו ביזט נאָך אַ יונגער און אַ רעקרוט דערצו, דעפֿאַר האָסטו באַקומען נאָר צוויי פּעטש, אָנשטאָט אַ קיצל פֿון אַ פּינקע, פֿאַר אַזאַ האַנדלונג.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט דעם יונגען, דאָרן יונגערמאַן, כאָטש ער איז שוין געווען אַ צוויי טעג ביי אונדז אין קאַמער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוזע פֿון אַ ביליקן שאַרן צייג און אויך אין אַזעלכע הויזן. די שטעכלדיקע אָנגעוואַקסענע האָר אויפֿן פּנים האָבן אים צוגעגעבן יאָרן צו זיין יונגען עלטער. אין די אויגן, וועלכע זענען געווען ערנסט, אָן אַ יוגנטלעכן שמייכל, לאַנגע פּיס און לאַנגע הענט. כאָטש ער איז געווען שטאַרק מאָגער און דאַר, דאָך האָט געשפּרודלט פֿון אים אַ פֿיזישע קראַפֿט.

דער קאָנפֿליקט איז שנעל דערליידיקט געוואָרן. ביידע אוקראַינער האָבן געזען, אַז זיי זענען איינער אַליין, קיינער וועט זיך פֿאַר זיי נישט אָננעמען. האָבן זיי געמוזט זיך אונטערגעבן דערווייל, ביז אַ צווייטער געלעגנהייט.

אַרקאַדיע האָט שפּעטער פֿאַרגעלייגט דעם יונגן בחור ווורשט און קאָנפֿעטן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו נעמען.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט. איך האָב מיינע פּראָדוקטן. איך נויטיק זיך נישט. איך בין געווען נייגעריק צו וויסן ווער דער בחור איז, פֿון וואַנען קומט ער. לויט זיין אָנטון, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער קומט איצט פֿון לאַגער. איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט מיט אים זיך דורכצושמועסן. אויפֿן צווייטן טאָג איז דאָס מיר געלונגען.

זיין נאָמען איז סיאָמע, אַ געבוירענער אין אָדעס. איצט קומט ער פֿון וואָרקוטאַ. ער איז פֿיר יאָר געווען אין זאַפּאָלאַריע. אויף דער 501 סטראָיקע און אין וואָרקוטאַ. ער איז נאָך קיין פֿולע 25 יאָר נישט אַלט. ער איז אַ ייד. די עלטערן זיינע וווינען נאָך איצט אין אָדעס. איצט פֿירט מען אים אַהין. ס'איז אַ סברא, אַז מען וועט איבערקוקן דעם משפּט זייערן. אויף דעם ערשטן משפּט זענען געווען 5 יידישע סטודענטן, אַזעלכע ווי ער, וואָס האָבן געשטודירט רעכט אין אוניווערסיטעט, זיי זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צוזאַמען אויף 50 יאָר אויסבעסערונגס־אַרבעט־לאַגער.

— פֿאַרוואָס ? האָב איך געפֿרעגט.

— איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. לויט דער סטאַטיי 10־54 — דאָס ווייס איך, האָט ער מיט אַ ביטערן איראָנישן שמייכל אַרויסגעזאָגט. מיר האָבן פונקט פאַרענדיקט דעם דריטן קורס און צונויפגעקומען זיך אויף אַ „פיקניק" ביי איינעם פון אונדזערע חברים. מיר האָבן נישקשהדיק פאַרבראַכט, געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַנעקדאָטן האָבן זיך געשיט ווי אַן האָגל. דערנאָך האָבן מיר אַדורכגעפירט אַ שפּיל אַזאַ: אַ געריכט. דריי זענען געווען ריכטער, איינער אַ פּראָקוראָר און איינער אַ פאַרטיידיקער. ס'איז געווען אַ פּאַראָדיע אויף אונדזערע געריכטן. געמשפּט האָט מען איינעם אַ גנב, איינעם אַ מערדער און איינעם אַ פּאָליטישן פאַרברעכער. ס'איז געווען באמת אַ שיינע פאָרשטעלונג אָן שום צוגרייטונג. דערנאָך האָבן מיר געכאַפּט צווישן זיך אַ שמועס, וואָס וועט פון אונדז זיין ווען מיר וועלן ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט. אייניקע וועלן זיין פּראָקוראָרן, זיי וועלן שיטן פעך און שוועבל אויף די אָרעמע באַשולדיקטע, די אַנדערע וועלן זיין פאַרטיידיקער, געוויס וועלן זיי פאַרטיידיקן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און מורא און לסוף בעטן נעמען אין אַכט די „מילדערנדיקע אומשטענדן". די ריכטער — זיי וועלן פּונקטלעך אויספּולן די ליניע פון דער פּאַרטיי און לטובת דעם קומענדיקן קאָמוניזם זיין גרייט אויסצוראָטן אַלדאָס שלעכטס פון אונדזער לאַנד...

די שפּיל האָט אונדז טייער געקאָסט. צווישן אונדזערע האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דערטראָגן וווהין מען דאַרף...

פינף סטודענטן יידן האָט מען אַרעסטירט, געמשפּט און פאַרמשפּט אויף 50 יאָר צוזאַמען.

ער, סיאָמע, קומט איצט פון וואָרקוטאַ, ער האָט געאַרבעט אין די קוילן־גרובן. די עלטערן פון אַלע פאַרמשפּטע יידישע סטודענטן האָבן נישט אויפגעהערט צו אַפּעלירן. ענדלעך, איצט, נאָך סטאַלינס טויט, ווערט מען איבערקוקן זייערע דיעלעס אין אַדעסער געריכט, ביי אַ נייעם געריכט־צוזאַמענשטעל. ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד, קיין יוריסט וועט ער שוין נישט זיין. און עס אַרט אים נישט. הלואי וואָלט ער באַלד נישט אָנגעהויבן...

# וואַנקע

דער רעגנדיקער האַרבסט אין דרויסן האָט מרה שחורהדיק געווירקט אויף די געמיטער פון די פאַרשלאָסענע אין דער טורמע־קאַמער. שוין העכער צוויי וואָכן ווי מיר וואַלגערן זיך אויף די האַרטע ברעטער פון די נאַרעס און זען נאָך אַלץ נישט קיין סוף. נייע מענטשן קומען, אַלטע גייען אַוועק און איך בלייב אַלץ ווייטער. כמעט טאָג־טעגלעך ברענגט מיר מיין ווייב אירע „פערעדאַטשעס", זיי זענען נאָר אויף איין טאָג, עס דערמאָנט מיר אין מיין היים — דאָס היימישע געקעכץ. ס׳פעלן מיר די מיטעסער ביים טיש: מיין ווייב און מיין זון. אין די אָוונטן באַקום איך אַ פּאָסט־קאַרטל מיט געציילטע ווערטער. זיי זענען זיס און טייער, זיי זאָגן מיר אַזויפיל. מיין ווייב האָפט נאָך אַלץ צו באַקומען אַ זעאונג מיט מיר, בכלל פאַרלירט זי נישט די האָפנונג, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר זיין צוזאַמען. זי האָט אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין עטלעכע סטודענטן, זייער ווילדע יאַטן, דער זון האָט אָנגענומען אַ פּאָר פּריוואַטע לעקציעס. ווי עס זאָל נישט זיין — שלאָגט מען זיך אַדורך. זי, מיין ווייב, בעט מיך דעריבער וועגן זייער עקאָנאָמישער לאַגע נישט טראַכטן. מען זאָגט איר צו אַרבעט אין אַ פאַבריקל פון פודעלעך, וועט זי אָננעמען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כל זמן מען האָט מיך נישט אַוועקגעשיקט, וויל זי זיין פריי און ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין צו פאָרן מיט צוויי טראַמווייען טאָג־טעגלעך — וועט זי עס גערן טאָן.

ס׳איז אומעטיק. דאָס האַרץ קלעמט. צוליבן גרויסן רעגן קען מען נישט גיין אויפן שפּאַציר. די פאַרביטערונג פון די פאַרשלאָסענע מענטשן וואַקסט. די נערוון זענען אָנגעשטרענגט. אַלע ווייסן, אַז קיינעם וואַרטן נישט קיין גליקן, דאָך וויל מען, מען זאָל שוין אַוועקפירן אין לאַגער אַריין. זאָל זיין ערגער, אַבי עפּעס אַנדערש.

עס זענען אַריינגעפירט געוואָרן נייע דריי, צווישן זיי דער געוועזענער מאַיאָר אַנאַטאָלי פינקעל. זיין אָנקומען האָט אַ בלאָז געטאָן אויף מיר מיט היימישקייט. ווען נישט די אַרומיקע וואָלט איך זיך מיט אים צעקושט. ער האָט זיך אויך דערפרייט, ווען ער האָט מיך דערזען:

— אָ, מיר האָבן שוין געמיינט, אַז דו ביזט שוין ווייט ערגעץ אין לאַגער, האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו מיר דאָס ערשטע מאָל אויף „דו". דער פשוטער „דו" איז מיר דוקא געפעלן געוואָרן און איך האָב באַשלאָסן אויף להבא אויך צו אים זיך ווענדן אויף „דו".

— וואָס מאַכסטו, אַנאַטאָלי? ביי מיר איז קיין נייעס נישטאָ. אַלץ ווי געווען.

— דו האָסט שוין געזען זיך מיט דיין ווייב? האָט ער געפרעגט.

— קיין זעאונגען האָב איך נישט באַקומען ביז היינט. בריוו באַקום איך כמעט יעדן טאָג. דורך אַ לעכל אין פענצטער האָב איך גערעדט און געזען מיין ווייב און זון.

— און זון? האָט אַנאַטאָלי אויסגערופן.

— וואָס מיינסטו? ער, מיין זון, האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין טאַטן. דו געדענקסט אונדזער דיסקוסיע אויף דער טעמע פון „אָפּזאָגן זיך?"

— דו ביזט טאַקע געווען גערעכט, כאָטש אַלע זענען מיר געווען קעגן דיר. דו ווייסט, מיין חוה האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ גט. זי איז געווען ביי מיר אויף דער לעצטער זעאונג. נאָך דעם ווי מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו גטן האָט זי עטלעכע טעג געוויינט און געזאָגט: ניין! זי וועט עס נישט טאָן, נישט פאַר זיך און נישט צוליב די קינדעלעך. זי איז אַוועק צום פּראָקוראָר און געפּוילט, מען זאָל איר געבן אין זשיטאָמיר אַן אַנדערע דירה פון צוויי צימערן, מען האָט איר אפילו געגעבן אַ מאַשין אויף אַריבערצופירן די זאַכן. איצט האָט זי אַ קוואַטיראַנט, וואָס וועט צאָלן דירה־געלט און באַהייצן די דירה. זי לערנט זיך וועש נייען, וועט זי גיין אַרבעטן אין אַן אַרטעל. דערצו איז זי כמעט זיכער, אַז מען וועט מיך באַפרייען... און ווו איז באַראַך? האָט ער אַ פרעג געטאָן. איר זענט דאָך אַוועקגעפירט געוואָרן צוזאַמען.

— באַראַך איז אונטן אויפן ערשטן שטאָק. ביי די שפּאַצירן זעט ער מיך דורך אַ לעכל און שרייט: „פּריוויעט מאַרקאָוויטשו". ער באַקומט בריוו פונעם זון. זיין זון האָט דעם זומער געאַרבעט אין פּיאָנערן־לאַגער, דעריבער איז ער נישט געקומען — אַזוי האָט באַראַך צו מיר אַרויסגעשריגן אויף אַ קול.

דער צווייטער וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אַנאַטאָליען, איז געווען גאָר אַ יונגער, אַ דאַרער מיט קורצע וואָנסעלעך איבערן גרויסן מויל, אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן וואָס פינטלען נערוועז, דאָך הערן נישט אויף צו שמייכלען. און דאָס מויל זיינס הערט נישט אויף צו ריידן, די רייד פליסן ווי וואַסער פון אַן אָפענעם קראַן. ער איז אַריין געקומען כמעט מיט ליידיקע הענט, דערפאַר האָט ער מיטגעבראַכט לעבן, הומאָר און פריילעכקייט.

— פריער, גיט מיר עפּעס איבערצוכאַפּן. ס׳חלשט מיר, נעבעך, דאָס הערצעלע, דערנאָך וועל איך אייך עפּעס דערציילן. מיט די ווערטער האָט ער אָנגעהויבן. — איך הייס וואַנקאַ, ס׳גראַמט זיך מיט „ווסטאַנקאַ״, עס פעלט מיר נאָך אַ וואָך מיט אַ מיטוואָך צו 25. נו, ווער גיט עפּעס גוטס?

אַרקאַדיע איליטש האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק ווורשט, אַ צווייטער האָט דערלאַנגט אַ שטיק ברויט, איך האָב צוגעגעבן אַ באַר.

איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין פון אַלץ קיין זכר נישט געבליבן.

נאָכדעם איז אַוועק אַ קאָנצערט, גאָר אַן אינטערעסאַנטער קאָנצערט, מיט גאָר אַ ברייטן פּראָגראַם. אַמערשטן האָט ער דערציילט אַ מאָנאָלאָג אין גראַמען, צונויפגעפּלאָכטן מיט לידלעך, מיט קופּלעטן וועגן זיך: וועגן „וואַנקען דעם אויסשפּירער״.

די גרויסע מלחמה האָט אים דעם 14־יעריקן וואַנקען פאַרכאַפּט אויף די וועגן קיין סאַראַטאָוו, צווישן די טויזנטער אַנטלאָפענע פון זייערע היימען. דערנאָך אין א קינדער־היים, אין פ.ז.אָ. (פאַבריק אויסבילדונג). צו 18 יאָר — אין דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט, אויפן וועג צו דער נאָרע פון דער ווילדער חיה. וואַנקע איז אַן אויסשפּירער. ער גייט דער ערשטער מיט וויכטיקע שליחותן פאַר דער אַרמיי. זיין דרייסטקייט, זיין אויסשפּירער־פעאיקייטן ווערן אַ שם־דבר. מען שרייבט וועגן אים אין די צייטונגען. ער באַקומט מעדאַלן, אפילו אַן אָרדן. ביז מען איז שוין דערגאַנגען צו בודאַפּעשט. מען שיקט אים מיט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אויף 24 שעה, נישט מער. ער מוז ברענגען גענויע אינפאָרמאַציעס, אויף וועלכע מען וועט וואַרטן מיט אומגעדולד. אַנשטאָט אין 24 שעה אַרום קומט ער ערשט נאָך דריי מעת לעתן. וואָס איז? וואָס איז געשען? פראַסט פּשוט: וואַנקע האָט

שנעל דערליידיקט אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, נאָר די אונגאַרישע מיידלעך האָבן אים אינגאַנצן באַצויבערט מיט זייער ציגיינערישער שיינקייט. נו, האָט מען אַ הוליע געטון „אויף גאַנץ איוואַנאָווסקאָיע" און פאַרהאַלטן זיך. נישט מער און נישט ווייניקער! 58 .ב. האָט ער באַקומען — פאַררעטער פון פאָטערלאַנד. ווען אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן זיג, איז ער שוין געווען אין לאַגער.

עך, דו עפּעלע, דו קוילער זיך וואָס ווייטער —
פון סיביר ביז קאלימא איז דער וועג אַ ברייטער...

ער האָט דערציילט ווייטער, ווי מען האָט אים נאָך דער מלחמה באַפרייט פון לאַגער, מען האָט אים מוחל געווען די זינד און ער איז געוואָרן אַ שומר אין אַ לאַגער אויף אַ „ווישקע". מיט דער האַנדלונג זיינער האָט ער אויפגערייצט זיינע פריערדיקע חברים. ער האָט דעריבער באַלד פאַרלאָזט די אַרבעט, אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד זוכן ברויט ביז ער איז ווייטער אַריין אין לאַגער פאַר אַ נישט געלונגענעם משא ומתן. איצט איז ער שוין געקרוינט געוואָרן דורך די חברים מיטן נאָמען „סוקע" — איז שוין צווישן זיי פאַר אים קיין אָרט נישט געווען. דאָ האָט ער ווייטער אויפגעזונגען.

„זאַמאָרילי, סוקי, זאַמאָרילי. (די סוקעס האָבן מיך פאַרמאַטערט)
אי זאַבראַלי וואַליושקו מאָיו" (און צוגענומען ביי מיר די פריי...)

לויט דער אַמנעסטיע, נאָך סטאַלינס טויט איז ער ווידער באַפרייט געוואָרן. נאָר זיי האָבן, ווייזט אויס, חרטה געקריגן, און האָבן צוביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריינצונעמען די באַפרייטע צוריק אין „קאָטשומענט" אַריין. אַז קיין אַרבעט האָט מען נישט געגעבן, נישט געוואָלט פאַרמעלדן אין די גרויסע שטעט, וואָס איז זיי פאַרבליבן, חוץ גנבנען, רויבן און... זיך אומצוקערן צוריק.

שפּעטער האָט ער געזונגען לידער פון אַ סך פעלקער פון גאַנץ רוסלאַנד: קאַזאַכישע, אוזבעקישע, טורקמענישע און אַלץ אויף זייער שפּראַך, מיט זייערע אינטאָנאַציעס.

ער האָט אַריינגעבערענגט אַ פריש ווינטל אין לעבן ביי דער אַלגעמיינער מרה־שחורה שטימונג. אין טורמע איז גוט אַ חייה שעה און די שעה האָט ער וואַנקע געגעבן אין דער פולער מאָס.

אין אָוונט האָט ער צום ערשטן מאָל געוויזן ווי אַזוי מען קען איינאָרדענען אַ באַוועגלעכע פּאָסט צווישן די קאַמערן. דורכן אויפגעעפנטן אויבערשטן פענצטער האָט ער אַראָפּגעלאָזט אַ טאָרבע מיט בריוועלעך צו די פרויען אויפן ערשטן שטאָק. צווישן די בריוועלעך צו מיידלעך סתם איז אויך געווען דאָס ערשטע ליבע־בריוול פון ניקאָלאַיען צו קאַטיען, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרליבט בעת דעם שפּאַציר אויפן הויף. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר אפילו באַקומען אַ סך ענטפערס פון די מיידלעך. קאַטיע האָט צוריקגעענטפערט:

— איר איז זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אים, מיט ניקאָלאַיען. אַ דאַנק שיקט זי אים פאַרן גרוס פון איר ברודער. זי וועט וואַרטן אויף זיינע וויטערדיקע בריוו. — אויך די נייע פּאָסט־פאַרבינדונג האָט אַרויס־גערופן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. אַלע זענען געווען דאַנקבאַר וואַנקען פאַר זיין איינפאַל און אַדורכפירן די זאַך. ניקאָלאַי האָט אים דערפאַר אַוועקגעשענקט זיין לעצטן פּאַפּיראָס.

פינפטער טייל:

# אין וועג אריין

# אין וועג אריין

די „אָפּנעמער״ פון אַ גרעסערער פּאַרטיע אומזיסטע „פּאַראַבקעס״ זענען אָנגעקומען פון ערגעץ ווייט. דאָס האָבן מיר באַלד פאַרשטאַנען, ווען אייניקע פון זיי האָבן נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אונדזער קאַמער. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין וואַרעמע, ווינטערדיקע מלבושים — אַ סימן, אַז דאָרט פונוואַנען זיי זענען געקומען, איז שוין קאַלט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּראָצעדור: יעדן איינעם פון אונדז האָט מען אריינגעפירט אין אַ גרעסערן צימער האַלב נאַקעט. עלטערע ספּעציאַ־ליסטן דאָקטוירים האָבן אים אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט דאָס האַרץ, אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי מען וואָלט אים באַדאַרפט צונעמען צום „פּריזיוו״. זעלטן ווען מען האָט עמיצן אויסגעבראַקעוועט. „גאָדיען״ און שוין, כאַטש שפּאַן אים און וויאָ!

דערנאָך האָט מען ווייטער פאָטאָגראַפירט אין עטלעכע פּאָזעס און אויפסניי געהייסן „שפּילן אויפן אַקאָרדעאָן״ דאָס הייסט, איבערלאָזן שפּורן פון אַלע פינגער און פון דער גאַנצער פינגער־האַנט אויף אַ בלאַנקן פּאַפּיר.

מען האָט אַלעמען אַרויסגעגעבן קורטקעס אויף וואַטע, קורצע מיט וואַטענע גענעצטע הויזן און וואַלענע גענוצטע וואַליענקעס אויף די פיס.

אַלץ איז פאָרגעקומען אין אַ שנעלן טעמפּ, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט מען זאָל חרטה האָבן. ערשט איצט האָבן אַלע דערפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די דעצידירטע מינוט. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשידענע השערות פון מומחים, אָט די וואָס זענען שוין געווען אין די לאַגערן, אָבער כמעט אַלע האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז מען וועט אונדז פירן ווייט, אויף צפון. די וויבער האָבן זיך, ווייזט אויס, דערוווסט, וועגן דעם, אַז אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע שטייען שוין גרייט וואַגאָנעס, האָבן זיי דאָסמאָל געבראַכט גרעסערע פּערעדאַטשעס פון חזיר־פלייש און צוקער, וואַרעמע הענטשקעס

און ווינטערדיקע היטלען. מיין פרוי האָט מיר אויך געבראַכט וואלענקעס פון שוואַרצער וואָל מיט קאַלאָשן.

— אַזוי וועט מען מיך אָנוועקפירן, דער רוח ווייסט ווו ווייט און אויף ווי לאַנג, ווער ווייסט אפשר אויף אייביק און איך וועל זיך נישט זען מיט מיין ווייב און זון. — דער געדאַנק האָט ווי מיט אַ שאַרפער כלי געעקבערט מיר אין מוח.

אַנאַטאָלי פאַרט אויך מיט מיר, אַרקאַדי איליטש — נישט. אים האָט מען אויסגעבראַקעוועט, ווייל ס'פעלן אים פיר פינגער.

זעענדיק די אַלגעמיינע דערשלאָגענע שטימונג, האָט וואַנקע אויפגעזונגען עטלעכע געזאַלצענע קופּלעטן, אויסטאַנצנדיק דערביי פאַרשידענע קאָמישע טענץ, נאָר זיין שפּיל איז איצט קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז איבעריק און האָט אויפגעהערט.

איך האָב אַריינגעלייגט אַלע באַקומענע וואַרעמע מלבושים אין אַ זאַק, וואָס מיין ווייב האָט מיר געבראַכט, די פּראָדוקטן האָב איך פאַרפּאַקט באַזונדער און געוואַרט. נאָכמיטאָג־צייט זענען אַריינגעקומען אין קאַמער אַריין צוויי מיט אַ לאַנגן צעטל און אויסגערופן אַלעמען ביי נעמען. איך האָב זיך גוט צוגעהערט, נאָר מיין נאָמען און פאַמיליע, האָב איך נישט געהערט. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? האָב איך געטראַכט.

אַרקאַדי איליטש האָט געהאַלטן, אַז מיך וועט מען דערווייל נישט שיקן און איז געוועזן צופרידן, דאַקעגן אַנאַטאָלין האָט זיך נישט געוואָלט פאָרן אָן מיר.

— וועסט נישט פאַרשפּעטיקן די מציאה — האָט מיר אַרקאַדי געטרייסט. קיינעם וועט מען דאָ נישט איינזאַלצן...

איך בין געוועזן שטאַרק אומרואיק, עפּעס האָט מיר אַ פאַרגעפיל פאָרויס־געזאָגט, אַז דער ענין איז נישט אַזוי פּראָסט. פאַרוואָס האָבן אַלע באַקומען זעאונגען מיט זייערע ווייבער, סיי אין דער אַלגעמיינער טורמע, סיי דאָ, אין דער „איבערשיקונגס־טורמע" נאָר איך נישט? צי שטעקט נישט אויך איצט די האַנט פון אויספאַרשער ליסענקאָ אין דעם? דאָס האַרץ האָט געגנאָגט, אין מוח זענען אַנטשטאַנען געדאַנקען, איינער שוואַרצער פונעם

אַנדערן. צי מוז איך אָפּצאָלן אַזאַ טייערן פּרייז דערפֿאַר, וואָס איך בין איינער פֿון אַלע מיינע ברידער און שוועסטער לעבן געבליבן?

פּלוצים האָט מען דורכן פֿענצטערל אין דער טיר אַ רוף געטאָן:

— דער פֿאַרמשפּטער פּ. מיט די זאַכן זאָל אַרויסגיין!

איך האָב זיך שנעל געזעגנט מיט אַנאַטאָלין און אַרקאַדיען. אַלעמען אַ געשריי געטאָן „פּראָשטשאַיטע" און ארויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר אַריין.

צופֿעליק האָב איך דערזען אין איינעם פֿון די צעטלען, וואָס אַ זעלנער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, אויפֿן ערשטן אָרט מיין נאָמען.

— פֿאַרוואָס פֿירט מען מיך באַזונדער, נישט מיט אַלע פּאָליטישע? האָב איך אויסגעשריען.

— ס'איז נישט אייער זאַך — האָט איינער מיר אָפּגעענטפֿערט.

איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיין זאַק און דאָס פּעקל מיט פּראָדוקטן אויף דער ברודיקער פּאָדלאָגע, אַליין זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם זאַק, און אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד.

— איך וועל זיך נישט רירן פֿונעם אָרט. איך בין אַ פּאָליטישער. איר האָט קיין רעכט נישט. איך וועל נישט פֿאָרן! — האָב איך זיך צעשריגן אויף אַ הויך קול, אַז אינעווייניק אין קאַמער זאָל מען הערן.

צוויי פֿון די זעלנער האָבן געפּרוווט מיך אויפֿהויבן פֿון דער ערד מיט כּוח, האָב איך זיך געווערט און אַלץ העכער געשריגן: — איר קענט מיך דאָ הרגענען, איך וועל נישט גיין, איך בין אַ פּאָליטישער!

דאָס האָט באַוויגן די זעלנער אויפֿצוהערן זייער אַמפּעריי מיט מיר. איינער איז אַוועקגעגאַנגען און באַלד איז אָנגעקומען דער אַלטער נאַטשאַלניק פֿון דער טורמע מיט נאָך איינעם אַ יונגן אָפֿיציר, ווייזט אויס, פֿון די אָפּנעמער.

דער נאַטשאַלניק האָט געפּרוווט מיך באַרואיקן:

— קיין שלעכטס וועט אייך נישט געשען, בירגער פּ. (אפֿילו מיין פֿאַמיליע האָט ער געדענקט).

— גענוג שלעכטס איז שוין געשען. קיין איין זעאונג האָב איך נישט באַקומען. וואָס האָט איר צו מיר? צי בין איך דען אַזאַ געפֿערלעכער פֿאַרברעכער? האָב איך שוין רואיקער געענטפֿערט.

— מיר וועלן אייך פירן איינער אַליין, אין איזאָלאַטאָר. האָט זיך אָנגערופן דער נייער אומבאַקאַנטער אָפיציר.

— פאַרוואָס ? האָב איך אויסגעשריגן.

— מען דאַרף אַזוי. פאָלגט מיך און זייט נישט איינגעעקשנט — וועט איר בעסער מאַכן. איך בין אייער נייער נאַטשאַלניק. ס'וועט אייך קיין שלעכטס נישט געשען.

זיין רואיקער טאָן, זיין יונגער אויסזען און גאָרנישט קיין שלעכטע אויגן האָבן מיר אַביסל באַרואיקט. איך בין מסכים געווען צו פאָרן איינער אַליין.

אַראָפגייענדיק מיט מיינע פעק פונעם דריטן שטאָק, האָב איך פון דערווייטנס געזען אָט די, מיט וועלכע מען האָט מיך געוואָלט שיקן צוזאַמען. זיי האָבן אָפגעלאַכט פון מיר און זייערע פנימער האָבן עדות געזאָגט אויף זייערע באַזיצער — אויסגעשפראָכענע גנבים און מערדער.

— איך בין נאָך נישט זיכער, וואָס זיי וועלן טאָן מיט מיר. האָב איך געטראַכט, איך מוז זיין אויף דער וואַך.

מיט דער מאַשין „דער שוואַרצער קראָ" האָט מען מיך אָוועקגעפירט צו דער אייזנבאַן, ווו ס'איז געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מיט פראַכט־וואַגאָנעס און אין מיטן איז געשטאַנען נאָר איין פּאַסאַזשיר־וואַגאָן פאַר אַרעסטאַנטן. „די סטאָליפינקע". אין דעם וואַגאָן מיט די פאַרקראַטעוועטע אייזערנע פענצטער האָט מען מיך אַריינגעפירט. איבערן גאַנצן וואַגאָן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער שמאָלער קאָרידאָר. אין דער ערשטער קאַמער, וואָס האָט געהאַט נישט מער ווי אַ מעטער די ברייט, אַ באַנק פון הונטן, אַ פּאָלקע אין דער מיט און נאָך איינע אין דער הויך. פון דער צווייטער זייט ביים סאַמען סופיט איז געווען אַ פיצל פענצטערל מיט אייזערנע קראַטעס. אויך די טיר איז געווען אַ געגלעזטע מיט אייזערנע קראַטעס. אין וואַגאָן איז געווען גאָר שטיל, ווייזט אויס, אַז איך בין געווען דער ערשטער.

איך בין אַרויפגעקראָכן אויף דער מיטלסטער פּאָלקע און באַמיט זיך אַרויסקוקן דורך דעם קליינעם פענצטערל. פון דערווייטנס האָב איך דערזען אַ סך פרויען מיט קינדער אויף די הענט. מען האָט זיי, ווייזט אויס, נישט צוגעלאָזט נאָענט צו די וואַגאָנעס. צווישן אַלע האָב איך דערזען מיין ווייב,

אירע בלאָנדע האָר האָט צעבלאָזן דער ווינט אויף אַלע זייטן. זי האָט געקוקט אין איין פונקט, אין דער זייט פון דער „סטאַליפינקע". צי האָט זי געזען ווי מען האָט מיך צוגעפירט און אַריינגעפירט אין וואַגאָן ? צי קען איר גאָר איינפאַלן אַזאַ געדאַנק, אַז מיך זאָל מען גאָר פירן באַזונדער, אָפּגעטיילט פון אַלע ? !

— פאַרבלייב געזונט, מיין טייערע, האָבן שטיל געשעפּטשעט מיינע ליפּן. דער קאָפּ איז מיר פּלוצים אַזוי שווער געוואָרן, פאַר די אויגן האָבן זיך גענומען דרייען אין אַ ווילדן טאַנץ שוואַרצע קרייזן. די אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט אַ גלעזערנער פליסיקייט. זי האָט זיך ווי אַ וואַסער דורך אַ געעפנטער טאַמע זיך אַ גאָס געטאָן איינדרויסן און איך האָב זיך יאָמערלעך צעוויינט...

## דער באַן האָט גערירט

ווי די ניינטע כוואַליע אין שטורמישן, ברויזנדיקן ים רייסט זיך מיט רעש צום ברעג, אַזוי האָבן פּלוצים מיינע שכנים מיט רעש און געפילדער זיך אַריינגעריסן אין די עטלעכע אָפּטיילונגען פון דעם „סטאַליפּין"־וואַגאָן. די שטאַרקערע האָבן מיט זידלערייען און משונהדיקע קללות פאַרכאַפּט די אונטערשטע און די מיטלסטע פּאָלקעס, איבערלאָזנדיק פאַר די שוואַכערע די גאָר אויבערשטע, וואָס זענען גאָר באַשטימט פאַרן באַגאַזש. די באַוואָפנטע וועכטער, וואָס האָבן זיי אַהער אַריינגעפירט האָבן זיך צוגעקוקט פונעם קאָרידאָרל דורך די פאַרמאַכטע טירן צו די ווילדע רייסערייען און געשלעגן, נאָר זיי האָבן זיך נישט אַריינגעמישט. יעדער איינער היט זיין אייגענעם קאָפּ, וואָס איז תמיד אין געפאַר, ווער ער געפינט זיך צו נאָענט צו אַ ווילדע חברה פון דעם מין. מערסטנס זענען דאָס געווען די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון „אורלאַב", פון די וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן נאָך סטאַלינס טויט, לויט דער אַמנעסטיע פונעם 27־טן מערץ 1953 יאָר. מענטשן וועלכע זענען געווינט געווען במשך פון יאָרן צו לעבן אין

אַ שטרענגן רעזשים פון טורמע און לאַגער לעבן, זיי איז שווער געווען צו אָטעמען מיט דער פרייער לופט, צו זוכן און געפונען אַרבעט, צו בויען דאָס לעבן אויפסניי. זיי האָט זיך געגלוסט אַ הוליע טאָן אויף דער פרייער וועלט אין די רוישיקע גרויסע שטעט, אין די אַנצאַליקע פאַרוויילונגס־ערטער, אין דער געזעלשאַפט פון פרויען. דערצו דאַרף מען האָבן אַ געהעריקן אָנטון, אַ בייטל מיט געלט. ווו נעמט מען דאָס? די בעסערע האָבן געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ, זיי האָבן זיך געפּרוווט איינאָרדענען ביי וועלכע ס'איז ארבעט — ס'איז זיי גאָר שווער אָנגעקומען. האָט עמיצער שוין געהאַט אַ ווינקל צום שלאָפן, אויך אַרבעט מיט אַ קליינעם פאַרדינסט, האָט מען געמוזט זיך פאַרמעלדן און די פּראָצעדור איז אָנגעקומען אַמ־שווערסטן.

וואָס זשע איז זיך דאָ צו ווונדערן, וואָס באַלד נאָך דער אַמנעסטיע האָבן זיך איבערן גאַנצן לאַנד געשאַפן אַנצאָליקע באַנדעס פון גנבים, רויבער און אפילו מערדער?

אַן אַמנעסטיע איז לייכטער ארויסצוגעבן און אַדורכפירן — שווערער איז צו זאָרגן און באַזאָרגן די אַמנעסטירטע און וועגן דעם האָט מען, ווייזט אויס, ווייניק וואָס געטראַכט.

אָט אַזעלכע טענות האָט פאַר מיר אויסגעלייגט וואַנקע דער געוועזענער אויסשפּירער, ווען מען האָט צוזאַמען מיט נאָך איינעם אַריינגעוואָרפן צו מיר אין מיין איזאָלאַטאָר, טעגהנדיק, אַז אין אַנדערע אָפּטיילונגען איז אַזוי אָנגעפּראָפּט, אַז קיין שפּילקע קען מען נישט דורכשטיפּן און ביי מיר זענען פאַראַן צוויי פרייע פּלעצער.

ס'האָט מיר נישט געאַרט, אדרבה, פאַרוואָס נישט? ס'וועט קלעקן לופט און אָרט פאַר דריי. נאָר איין קוק אויפן צווייטן מיט דער צעשויבערטער קודלע בלאָנדע האָר, מיט די קאָסאָקע לענגלעכע אויגן, מיט די שטופּלען אויפן פּנים, בין איך אינגאַנצן פאַרציטערט געוואָרן. אָט אַזעלכער, האָב איך געטראַכט, קען קאַלטבלוטיק דיר אַריינרוקן אַ מעסער אין האַרץ אַריין און נאָך צושמייכלען דערביי...

דערפאַר אָבער איז מיר דער צווייטער — וואַנקע — געווען צום האַרצן. מיר האָבן זיך שוין געקענט פון דער קאַמער אין איבערשיקונגס־טורמע.

ער איז געווען אַ בראַטקע, כאָטש די חברים זיינע, די גנבים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „סוקע" און אַלס אַזעלכער האָט ער זיך נישט געטאָרט געפונען אין זייער געזעלשאַפט. איך האָב זיך דערמאָנט אין זיין ערשטן קאָנצערט אין קאַמער. ער פאַרמאָגט אינטעליגענץ, טאַלאַנט און אפילו איידעלע מאַניערן. וואָנקען האָב איך אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. איך האָב זיך בפירוש געפרייט צו האָבן אַזאַ פריילעכן שכן אין מיין איזאָ־לאַציע־קאַמער.

איך האָב אַרויסגענומען פונעם זאַק וווּרשט מיט ברויט, אפילו אַ קנאָבל דערצו און מכבד געווען זיי ביידע. וואָנקע האָט געדאַנקט, געפּרווט אפילו זיך אָפּזאָגן, טענהנדיק, אַז ער האָט ערשט נישט לאַנג געגעסן, דער צווייטער ווידער האָט ווי אַרויסגעכאַפּט דעם ווורשט פון מיינע הענט און געפרעסן אים צובייסנדיק מיטן קנאָבל, אָן ברויט — אַ סימן אַז ער איז נישט געווען הונגעריק.

נאָך — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אויסגעשטרעקט זיין לײדיקע רעכטע האַנט.

— ס'וועט זיין גענוג! האָט זיך וואָנקע אַריינגעמישט. דו מיינסט, אַז מאַרקאָוויטש האָט אַ קראַם פון ווורשט. מען דאַרף קיין חזיר נישט זיין. דו הערסט, איוואַן, מאַרקאָוויטש איז מיין פריינט און אויב דו קלערסט, איוואַן, אים עפּעס בייז טאָן, אַפילו באַליידיקן, טאָ געדענק, אַז איך וועל עס נישט לאָזן...

איוואַן האָט אַ ברום געטאָן, ווי אַ בער. נו, לאַדנאָ... אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געלעגן אויסגעצויגן אויף דער אויבערשטער פּאָלקע מיטן פּנים אַראָפּ און געדרימלט.

— איר ווייסט, וואַניאַ, האָב איך זיך שטיל אָפּגערופן. איך האָב דורכן פענצטער געזען מיין ווייב, זי שטייט ווייט צווישן די פרויען. כ'האָב זיך שוין מיט איר נישט געזען מער ווי אַן האַלב יאָר.

— וואָס, איר האָט נישט באַקומען קיין זעאונגען אין טורמע? האָט ער געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

— ניין! קיין איין מאָל נישט. איך בין געווען אַזוי אומפּאַרזיכטיק, אַז איך האָב פון טורמע אָנגעשריבן אַ קאַסאַציע צום גענעראַל פּראָקוראָר און

אויפגעדעקט דעם אמתן פּרצוף פון מיין אויספאַרשער... נו, איז ער זיך נוקם געווען...

— עך, נאַיווער מענטש, וואָס איר זענט. אַן עלטערער מענטש זאָל נישט פאַרשטיין, אַז ס'איז איין באַנדע. איר האָט באַדאַרפט בכלל נישט שרייבן, ביז איר וועט קומען אין לאַגער אַריין.

איך בין אַרויפגעקראָכן העכער און נאָכאַמאָל געזען מיין ווייב. די ווייבער האָבן זיך אַביסל דערנענטערט, אָבער דאָך זענען זיי געווען צו וויט. זי האָט אַלץ געקוקט אין מיין זייט אַריין, אַ סימן, אַז זי ווייסט ווו איך געפין זיך.

דער באַן האָט גערירט פונעם אָרט. פריער פּאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער. אין געדאַנק האָב איך זיך געזעגנט פון מיין פרוי, אפילו געקושט זי.

— אדיע, אדיע! האָב איך געשעפּטשעט.

— יאָגט זיך נישט, מאַרקאָוויטש, מיר פאָרן נאָך נישט. מיר געפונען זיך אין אַ „טופּיק", איצט דאַרפט דער לאָקאָמאָטיוו אַריבערפירן אונדזערע וואַגאָנעס אויף דער הויפּט־ליניע.

— מעגלעך, אַז מיר וועלן אייך נאָך געבן אַ „זעאונג" מיט אייער ווייב, — אויב זי איז נישט פון די שרעקעוודיקע, האָט וואַניע מיט אַ שמייכל אין די אויגן מיך געטרייסט.

אַזוי איז טאַקע געווען. דער באַן איז געפאָרן פאָרויס, זיך אָפּגעשטעלט און געשטופּט די וואַגאָנעס אויף צוריק. פריער זענען די ווייבער געווען אויף דער זייט פון אונדזער שטומער וואַנט, איצט שטייען די ווייבער אויף דער צווייטער זייט, נישט וויט פון דעם גרויסן פענצטער. אונדזער טיר־פענצטער געפינט זיך פונקט קעגן איבער דעם פענצטער פון קאָרידאָר, איך זע זי שוין גוט. זי שטייט גאָר נישט ווייט פון אונדזער וואַגאָן. איך האָב אַ געשריי געטאָן, ווען דער באַן האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעכער צו גיין:

— מ י נ נ אַ!

זי האָט דערהערט מיין קול. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גרופּע פרויען און אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג פון וואַגאָן.

— מ י נ נ אַ!... האָב איך נישט אויפגעהערט צו שרייען.

זי איז געלאָפן. דער ווינט האָט צעשויבערט אירע גאָלדענע האָר. איך זע

זי גאָר נאָענט. זי לויפט נישט מיט אירע כוחות. ווען דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זי שוין געשטאַנען נאָענט ביים פענצטער.

— טייערינקע, האַרצינקע מיינע, איך זע דיך, האָב איך געשריגן.

— איך זע דיך קוים, קוים, האָט זי אָפּגעענטפערט. טייערינקער מיינער, כ׳האָב זיך שוין נישט געריכט מיט דיר צו שמועסן, דאָס גוטע קומט אומגעריכט.

— מיננאַ. איך קוש דיר שטאַרק, שטאַרק. איך דרוק דיר צו מיין האַרצן. קוש אונדזער זון פאַר מיר. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך אינגיכן זען, מיר וועלן ווייטער זיין צוזאַמען. אַלע אָוונט 10 אַ זייגער וועל איך שטאַרק טראַכטן וועגן דיר. טראַכט אויך דאַמאָלס — וועלן מיר כאָטש אין דמיון זיין צוזאַמען.

ביי די רייד איז געוואָרן שטיל אין דער שכנותדיקער פּאַלאַטע. זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, איינגעהערט צו אונדזער שמועס.

— טייערינקער, איינציקער מיינער. זיי רואיק און פאַרליר נישט די האָפענונגען, מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערס, וועלן מיר דאָס אויך איבערלעבן. דער מענטש איז שטאַרקער פון שטאָל.

— מיננאַ, גיב איבער די חברים, אַז איך בין אַ קרבן פאַר זיי אַלע. זיי האָט געוואַרט דער זעלבער גורל, וואָס מיר. גרופּין האָט געשלעפּט אַלעמען אין תהום אַריין.

מען האָט איבערגעריסן אונדזער געשפּרעך. די וועכטער זענען אַרויס מיט די אויטאָמאַטן און אַוועקגעטריבן מיין ווייב.

— לאָזט מיך, לאָזט מיך כאָטש איצט צום לעצטן מאָל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. — האָט זי געשריגן.

— מאַמאַשע, האָט מען זיך צו איר געווענדעט. — שטערט נישט די אָרדנונג. ס׳איז נישט דערלויבט!

— נאָך אַ פּאָר ווערטער — האָט זי זיך געבעטן. — קיין חברים האָבן מיר נישט מער. אונדזער זון איז מיין חבר. מיר לעבן נישט שלעכט. ער לערנט זיך גוט און באַקומט סטיפּענדיע, ווי פריער. טראַכט וועגן זיך, וועגן דיין געזונט!

פּלוצים האָט מען אין קאָרידאָר אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט.

מיין ווייב האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן: — איך זע דיר, טייערינקער, איך זע דיר אינגאַנצן. איך וועל וואַרטן אויף דיין ערשטן בריוו און אַדרעס. אַלץ וואָס דו וועסט באַדאַרפן, וועל איך שיקן. איך זע דיר, טייערינקער, איך זע דיר. איך בין גליקלעך!!

— מאַמאַשע, האָט אַרויסגעשריגן צו איר וואַנקע, זייט רואיק! איך וועל אויף אייער מאַרקאָוויטשן אַכטונג געבן, ס׳זאָל אים קיין שלעכטס נישט געשען. בלייבט געזונט!

— אַ דאַנק! זייט אַלע געזונט!! קומט אַהיים צוריק געזונט! טויזנטער קושן פאַר דיר מיין טייערער, מיין איינציקער...

דער באַן האָט גערירט...

## צוריק צווישן פאַליטישע

דער שווערוואַגיקער לאַקאָמאָטיוו האָט געשלעפּט אונדזער עשאַלאָן אין דער נאַכט אַריין אויף צפון. שוין ווייט זענען אַוועק די פייערן פון דער גרויסער שטאָט קיעוו. דאָך זע איך זיי נאָך אין מיין דמיון. איך זע מיין בעסטן פריינט, מיין פרוי, מיט איר געצוווּנגענעם שמייכל אויף די ליפּן, מיט אירע גינגאָלדענע האָר אויפן ווינט. איך פיל איר פאַרקלעמט האַרץ, וואָס קלאַפּט אין איין ריטם מיט מיינעם. אין 1939 יאָר האָב איך זיך אויך געזעגנט מיט איר אויף אייביק, איבערלאָזנדיק זי אַ שווער־פאַרוווּנדעטע פון די ערשטע היטלער־באָמבעס אין וואַרשעווער שפּיטאָל.

„פּיערוושאַ" האָט מען זי גערופן. דער ערשטער קרבן אין דער דייטש־פּוילישער מלחמה. ווער האָט זיך דאַן געקאָנט ריכטן, אַז זי וועט אַלדאָס בייז איבערקומען, אַז זי וועט אַריבערשמוגלען דעם שנעל־פליסנדיקן טייך בוג און... מיר וועלן זיך טרעפן.

צי איז דען מיין איצטיקע לאַגע ערגער ווי איר לאַגע דעמאָלט?

נאָך עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר פראַגן האָבן מיר געעקבערט אין מוח!

הלמאַי פירט מען מיך באַזונדער אין איזאָלאַטאָר? צוליב וואָס האָט

מען מיר אַ פּאָליטישן צוגעוואָרפן צוויי גנבים און „סוקעס" דערצו? צי האָט מען נישט געהאַט קיין ציל מיך אָפּצורוימען אינגאַנצען? צוליב וואָס האָט וואַנקע געזאָגט צו מיין ווייב: „איך וועל אויף מאַרקאָוויטשן אַכטונג געבן, ס'זאָל אים קיין שלעכטס נישט געשען" — הייסט עס, אַז עס האָט געקאָנט געשען מיר שלעכטס. מיט וואָס בין איך זיכער, אַז מען נעמט נישט צו וואַנקען און מען שיקט אויף זיין אָרט אַריין איינעם פון די דאָרטיקע, פון שכנותדיקער קאַמער?...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פּחד. איך בין געלעגן און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אפשר שלאָפט ער גאָרנישט דער איוואַן, נאָר וואַרט, אַז וואַנקע זאָל אַנטשלאָפן ווערן און דאַן וועט ער זיך אַ נעם טאָן צו מיר. אַרום איז שוין געווען שטיל, ס'האָבן זיך נאָר געהערט די געמאָסטענע טריט פון דעם זעלנער איבערן קאָרידאָר.

דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון די רעדער און די אַרומיקע שטילקייט האָבן דאָך באַווירקט מיין מידן מוח, די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך אַליין פאַרמאַכט, נאָר איך האָב זיי געצוווּנגען צוריק זיך עפענען און וואַכן. דאָך האָבן די אַלגעמיינע איבערלעבונגען פון טאָג און די מידקייט אין די אברים מנצח געווען. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפן — ווייס איך נישט. דער אַלגעמיינער גערויש אין צווייטער קאַמער האָט מיך אויפגעוועקט. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. וואַנקע און איוואַן זענען נאָך געשלאָפן.

איצט טרייבט מען גרופּנווייז פון די שכנותדיקע קאַמערן אין בית השימוש. אינגאַנצן זענען פאַראַן נאָר צוויי אין וואַגאָן. דריי מאָל אין טאָג טרייבט מען זיך דערליידיקן, לויט דער ריי. מיר זענען שוין די לעצטע. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן פריער צו טרייבן...

ווי נאָר איוואַן וועט זיך אויפכאַפּן וועל איך אים באַלד מכבד זיין מיטן ווורשט, וואַניע זאָל דערפון נישט וויסן, האָב איך געטראַכט.

צום סוף זענען זיי ביידע אויפגעשטאַנען צוזאַמען, ווען אונדזער ריי איז געקומען. פאַרשלאָפענערהייט זענען זיי געגאַנגען.

— נו, מאַרקאָוויטש, ווי איז אייך געשלאָפן די נאַכט? — האָט וואַנקע מיך אַ פרעג געטאָן אויפן וועג.

— גאַנץ גוט! ס׳האָט זיך מיר אפילו קיין חלום נישט געחלומט.

ווייל מיר זענען די לעצטע, האָבן מיר די פּריווילעגיע צו פאַרהאַלטן זיך לענגער אין בית השימוש. מיר קענען זיך אויך אָנטרינקען מיט וואַסער פונעם קראַן, וויפל ס׳האַרץ גלוסט. אפילו ווען דער וועכטער קלאַפּט שוין אין טיר: „געַנוג״ — הערן מיר אים ווי דעם קאָטער.

צום פרישטיק האָבן מיר באקומען אין אונדזערע קעסעלעך הייסן זופּ פון הירזש און זעלטן ביי וועמען ס׳האָט זיך פאַרוואַלגערט א שטיקל קאַרטאָפל. אלע דריי צוזאַמען האָבן מיר באַקומען אַנדערטהאַלבן „קירפּיטשיקעס״ ברויט, מער ווייניקער 1½ קילאָ, אויף אַ גאַנצן טאָג. דערצו האָב איך צוגעלייגט דריי פּאַרציעס וווּרשט, דריי צייַנדעלעך קנאָבל און דריי שטיקלעך הארטן צוקער. ס׳האָט זיך באקומען אַן ערשטקלאסיקער פרישטיק. זייביידע האָבן געגעסן מיט אפּעטיט, מיר איז אָבער געווען שווער צו קייען דאָס ברויט, ווייל די פיר פּאָדערשטע ציין, וועלכע כ׳האָב פאַרמאָגט פון אויבן האָבן מיר ווי׳ געטאָן. די ציין־פּראָטעזע האָט שוין נישט געטויגט, זייט כ׳האָב אויסגעגלייכט דעם האטשיק. אלע פיר ציין האָבן זיך געשאָקלט און ביי יעדן ביס, האָבן זייערע שפּיצן אָנגערירט אין די נערוון און פאַרשאַפן מיר גרויסע ווייטיקן.

— איר קענט איצט שוין ניט עסן דאָס ברויט, ווען ס׳איז נאָך פריש, וואָס וועט איר עסן ווען איר וועט באקומען סוכארעס, הארטע ווי שטיינער?

— האָט וואַניע באמערקט.

— עס איז טאַקע ביטער נאָר איך וועל זיי מוזן איינגעצן אין וואַסער — האָב איך געענטפערט.

נאָכן פרישטיק האָבן מיר געשפּילט אין „דאמקע״. איוואַן פלעגט שטענדיק פאַרשפּילן, דערפאַר פלעגט וואַניע ביי אונדז ביידע געווינען. אין שפּיל איז שנעלער אריבער די צייט.

אָט איז שוין מיטאָג־צייט. מען צעטיילט יעדן א גרעסערן לעפל קרויט־באָרשט און צוויי קלענערע לעפל הירזש־קאַשע. איוואַן פּאָדערט ווורשט צום מיטאָג, וואַניע איז קעגן דעם. איך זע ווי איוואַן זיצט ברוגז, אַנגעבלאָזן. מיט א פּאָר בייזע אויגן קוקט ער אויף מיר.

„אָט אַזאַ איינער, טראַכט איך, קאָן אַ מענטשן דערהרגענען פאַר א שטיקל

ווורשט. אויף וויפל וועט בכלל קלעקן מיין ווורשט פאר דריי פאַרשוין? וואָס וועט זיין ווייטער?"

נאָכמיטאָג איז צו אונדז אַריינגעקומען אין קעמערל דער יונגער נאַ־טשאַלניק, אָט דער, וואָס האָט מיך צוגערעדט צו פאָרן אייגער אַליין, אין איזאָלאַטאָר.

— נו, ווי פילט איר זיך בירגער פּ. (ער האָט געדענקט מיין פאַמיליע). צי באַוואוילהן אייך נישט אייערע שכנים? — האָט ער געפרעגט מיט א שמייכל.

— ניין, פארוואָס זאָלן זיי מיך באַוואוילהן? דער גורל מיינער האָט מיר שוין געגנוג באַוואוילהט. — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— פונדעסטוועגן וועט איר אריבערגיין צו אייערע, צו די פּאָליטישע. מיר זענען שוין א מהלך פון קיעוו. דאָ בין איך דער באַלעבאָס. איך האָב אים אין דער ערד, אייער ליסענקאָ. נעמט די זאכן אייערע און קומט! די באַן איז פונקט געשטאַנען אויף אַ סטאַנציע.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע שכנים. איך האָב זיי ביידע איבערגעלאָזט א גרעסערן שטיק ווורשט, עטלעכע שטיקלעך צוקער און בין אוועק.

דעם וועג פון דער „סטאָליפינקע" ביזן פראכט־וואגאָן, ווו עס זענען געווען מיינע חברים, בין איך געגאַנגען טאַנצנדיק. ס'איז מיר נאָר אַ שאָד געווען וואַניע, דער הכול יכול, דער פעיקער, טאַלאַנטפולער יאַט, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אויף זיין לעבנס־וועג און אַנשטאָט צו גיין אַרויף פאַלט ער אַלץ נידעריקער אין תהום אריין...

מיין אריינקום אין וואגאָן אריין האָט ווייניק פאראינטערעסירט די, וואָס זענען דאָרט געווען. איין אנאַטאָלי פינקעל, וואָס איז געלעגן אויף דער מיטלסטער נאַרע אין דער טיף פונעם וואַגאָן, אין דער רעכטער זייט, איז אַראָפּגעקראָכן פון דאָרטן און געוואַגט מיך מקבל פנים צו זיין. ער האָט מיך געפירט צו זיין אָרט כאָטש ער האָט געוווסט, אז אַלע ערטער זענען פארנומען.

— וואָס ס'איז מיט דיר געשען, וועסטו שפּעטער דערציילן. נישט אלע דארפן וויסן. — האָט ער א זאָג געטאָן. אדאנק גאָט, וואָס איך זע דיך א לעבעדיקן...

די דריי שטאָקיקע נאַרעס, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס אַלע פיר ווענט פונעם גרויסן פולמאַן־וואַגאָן זענען געווען פול מיט מענטשן. אויך אין דער מיט זענען געווען אויפגעבויט דריי־שטאָקיקע נאַרעס. סיי אין דער רעכטער, סיי אין דער לינקער טייל פונעם וואַגאָן זענען געווען איינמאָנטירט צוויי אייזערנע אייוועלעך, „בורזשויקעס״, וועלכע זענען צייט־ווייליק נאָך נישט באַהייצט געוואָרן. ביי איינער פון די ברייטע טירן, וועלכע זענען געווען פאַרקלאַפּט, איז געמאַכט געוואָרן אַן אָפענער בית שימוש. ביי דער צווייטער טיר, ביים אריינגאנג איז געשטאַנען אַ פאַס מיט וואַסער, צו איר איז געווען צוגעקאָוועט א מעטאַלן טעפּעלע צום טרינקען. די פיר קליינינקע פענצטערלעך זענען געווען גאָר הויך, ביים סאַמע סופיט, זענען געווען אָפן, מיט אייזערנע שטאַנגען באַפעסטיקט.

נאָענט צום אייוועלע האָב איך זיך אָפּגעזוכט אַ שטיקל אָרט אויף דער נישט געוואַשענער פאַדלאָגע. כ׳האָב אויסגעשפּרייט מיין פוטער, וואָס האָט מיר געדינט ווי א געטרייע מוטער, מיטן רויטן פעלץ און שווענצעלעך אַרויף. צוקאָפּנס האָב איך אוועקגעלייגט מיין זאַק מיט די ווינטערדיקע מלבושים און וואַלענקעס. מיט מיר צוזאמען האָט זיך אַוועקגעזעצט אנאַטאָלי. איך האָב שעפּטשענדיק דערציילט אים וועגן אַלץ, וואָס איז געשען מיט מיר במשך פון דעם לעצטן מעת לעת.

— מיר וועלן זיך בייטן — האָט ער א זאָג געטאָן — איין נאַכט וועסטו שלאָפן אויף דער ערד, די צווייטע — איך. גוט?

— נו, נו, דו וועסט ביי מיר קיין עקשן נישט זיין! א גוטע נאַכט! און איז אַוועק אויף זיין געלעגער.

— א גוטע נאַכט!

## אין קעניגרייך פון ווינטער

טאָג און נאַכט האָט זיך געיאָגט די באַן. די רעדער האָבן געקלאַפּט צום טאַקט. צוזאַמען מיטן גאַנג פון די רעדער זענען געלאָפן די פרימאָרגנס, טעג

און פאַרנאַכטן, גאָר קורצע אין פאַרגלייך מיט די לאַנגע נעכט. מיר זענען שוין גאָר ווייט פון מענטשלעכע ישובים. מיר שניידן אַדורך פעלדער געדיכטע און שיטערע, וואָס ציען זיך אויף לאַנגע קילאָמעטערס. דאָ און דאָרט טרעפן זיך אויפן וועג ווישקעס פון לאַגערן, הויכע וויאַרסטיקע פאַרקנס פון שטעכלדיקע דראָטן. אין די נעכט וואַרפן די פּראָזשעקטאָרן אַריין צו אונדז אין קאַמער דורך די פענצטערלעך פּאַסמעס העלן שיין, וואָס ווערן שנעל פאַרשוווּנדן.

הוץ די פאַרביטערטע, פאַרוואַקסענע פּנימער פון די אומגליקלעכע, וואָס געפינען זיך מיט דיר צוזאַמען אין וואַגאָן, זעסטו קיינעם נישט.

נאָר צוויי מאָל אין טאָג, קאַיאָר און אין די אוונט־שעהן, ווען די באַן שטעלט זיך פּלוצים אָפּ, כדי זיך אָנצוטרינקען, אָדער פאַרפולן זיינע קוילן און האָלץ זאַפּאַסן, דערהערן זיך טעמפּע קלאַפּן אין די ווענט — דאָס איז אַ סימן, אַז מען דאַרף זיך גרייטן צו דער „פּראָווירקע״, צו דער קאָנטראָל.

די, וואָס געפינען זיך אויף דער רעכטער זייט, כאַפּן זייערע זאַכן און לויפן אַריבער בליץ־שנעל אויף דער לינקער זייט. מען שטייט צוגערוקט איינער צום צווייטן, נישט זעלטן הערן זיך אויסגעשרייען און קללות. ביז עס עפענען זיך די וואַגאָן — טויערן מיט אַ סקריפּ און עטלעכע יונגע זעלנער מיט אויטאָמאַטן פון פאָרנט לויפן אַריין אין וואַגאָן. זיי נישטערן אויף דער פוסטער זייט, קלאַפּן אָן מיט האַמערס אין די ווענט און אין דער פּאָדלאָגע, הערן זיך צו, צי מען הערט נישט קיין פאַרדעכטיקן קלאַפּ.

— דאַוואַי! גיט דער עלטסטער אַ געשריי.

איינער נאָך דעם אַנדערן לויפן מיר אַדורך פון דער לינקער זייט אויף דער רעכטער. יעדן איינעם מוז ער אָנרירן מיט דער האַנט, דערביי הערט ער נישט אויף צו ציילן:

— איינס, צוויי, דריי, פיר... פערציק איין און פערציק... פופציק און איין און פופציק.

נישט מער און נישט ווייניקער. דערנאָך פירן זיי אַדורך דעם „שמאָן״ אויף דער לינקער זייט. דער אָרדנטלעכער נומער איז פאַרענדיקט. די זעלנער שפּרינגען אַראָפּ. די טיר ווערט מיט אַ סקריפּ פאַרוקט און פאַרשלאָסן. אין דעם באַשטייט דער איינציקער קאָנטאַקט אונדזערער מיטן

„נאַטשאַלסטוואָ״. אין די אָונטן ביי דער „„פּראַוויערקע״ חזרט זיך איבער אָט די זעלבע צערעמאָניע. נאָר אין דער אַרומיקער פינצטערניש וואַרפט דער עלטסטער מיט זיין באַטעריע־לעמפּל אַ שיין אויף יעדן איינעם, גלייך אין פּנים אַריין.

אין די פרימאָרגנס דערלאַנגען אַריין די בריגאַדעס פון די קיך־אַרבעטער, מערסטנס פון די „ביטאָוויקעס״, איינער נאָכן אַנדערן עמער מיט וואַסער, ביז די גרויסע, דעמבענע פאַס ווערט אָנגעפילט.

דערנאָך גיט מען אַריין הונדערט מיט צוויי סוכאַרעס פון שוואַרצן ברויט און אַ קעסל מיט הייסער זופּ אויף פרישטיק. אויף מיטאָג גיט מען איין סוכאַר אויף יעדן, „טיולקעס״ אָדער שטיקלעך אָנגעשניטענעם הערינג און קרויט־באָרשט. צום אָונטברויט גיט מען אַריין „קיפּיאַטאָק״ — קאָכעדיקע וואַסער מיט צוויי סוכאַרעס, צוויי גרעסערע ליכט מיט צוויי שוועבעלעך, צו באַלויכטן דעם וואַגאָן.

אונדזערע באַשטימטע דיזשורנעס, לויט דער ריי, נעמען אַלץ צו און פירן אַדורך די חלוקה. יעדע טיולקע ווערט גענומען אין חשבון, אלע זאָלן באַקומען גלייך. דאָך געלונגט זיי זייערע נאָענטע צו געבן גרעסערע טיולקעס, אָדער גרעסערע סוכארעס, און אויך דאָס שאָפּט ביי אַ סך בייז בלוט.

אויף דער זעקסטער נאַכט פון אונדזער פאָרן האָבן מיר שוין דערפילט דעם אמתן ווינטער. בייזע צפון־ווינטן האָבן געוואָיעט ווי סטאַדעס וועלף אין דער נאַכט, די פענצטערלעך זענען געווען פאַרפּאָראָשעט מיט שניי און אַרום האָט געהערשט אַזאַ ביטערע קעלט, אַז די מענטשן אויף די נאַרעס האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, צוגעדעקט זיך מיט וואָס מען האָט נאָר געהאַט, און דאָך געציטערט פון קעלט.

מיר איז געווויס געווען קעלטער פון אַלעמען. איך בין געלעגן איינער אַליין אויף דער ברודיקער פאַדלאָגע. אין איר זענען געווען שפּאַלטן, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעבלאָזן די ווינטערדיקע קעלט. איך האָב אָנגעטאָן פאַרן שלאָפן די וואַטענע מלבושים, אַפילו די וואַלענקעס אויף די פיס און איינגעטוליעט זיך פעסט אין מיין טייערן פוטער.

אויף צומאָרגנס האָט מען שוין אַריינגעגעבן פיר עמערס קוילן און שטיקלעך האָלץ צום אונטערהייצן. פון אָנהויב האָבן די איינגעהייצטע

אייוועלעך שטאַרק געריכערט. דער ווינט האָט דורכן בלעכענעם קוימען צוריק אַריינגעבלאָזן דעם רויך, וואָס האָט געשטיקט און אָנגעפילט דעם אַרום. ווען דאָס פייער האָט זיך שטאַרקער צעברענט, האָט דער רויך אויפגעהערט. אַרום יעדן אייוועלע האָבן זיך געשאַפן קרייזן. די באַקן האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געפינקלט, עס זענען פאַרשטאַרט געוואָרן די פיס פון לאַנג זיצן אויף איין אָרט — דערפאַר אָבער איז געווען וואַרעם.

עך, ווי נעמט מען איצט וואַניען מיט זיינע לידער — האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן אים.

ביי אונדזער אייוועלע איז געזעסן אַ יונגער בחור מיט אַ פאַריסן אוקראַאינער נעזל, אַ בלאָנדער מיט בלויע אויגן, אַ דאַרינקער פון מיטעלן וווקס. ער האָט זייער שיין געזונגען מיט אַ ריינער טענאָר־שטימע, מערסטנס אוקראַאינישע לידער. אָפט איז ער גאָר געווען דער „זאַפּיעוואַלאַ" — דער פאָרזינגער און מיר אַלע פלעגן אין איין כאָר אים מיטהעלפן. די לידער זענען מערסטנס געווען אומעטיקע, צוגעפאַסטע צו אונדזער אַלעמענס געמיט. אַלע האָבן אויפגענומען די לידער ערנסט מיט געפיל.

איך בין זיך מודה, אַז בעת אָט די אַלע זינגען, פיל איך זייער ווייטיק, ווי מיין אייגענעם ווייטיק. זיי ווערן מיר אַזוי נאָענט. איך וויל זיי עפּעס זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל זיי טרייסטן און וועקן האָפענונג. איך בין נישט זיכער אָבער, צי זיי וועלן מיך הערן. איינמאָל האָב איך געפרוווט:

— חברים! — האָב איך זיך געווענדט צו די, וואָס זענען געזעסן ביי אונדזער אייוועלע, איר ווילט, וועל איך אייך איבערלייענען לערמאָנטאָווס אַ ליד.

— דאַוואַי, דאַוואַי! — האָבן עטלעכע זיך אָפּגערופן.

— דאָס ליד הייסט „דובאָווי ליסטאָק אי טשינאַראַ" (דאָס דעמבענע בלעטל און דער טשינאַרע־בוים). איך האָב דעקלאַמירט מיט געפיל און מיט אַ ריינער רוסישער דיקציע. אַלע כמעט האָבן געהערט מיט אינטערעס די געשיכטע פון דעם אומגליקלעכן דעמבענעם בלעטעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שטאַם. דער בייזער ווינט האָט אים געטריבן און פאַרטריבן ערגעץ ווייט, דורך מדבריות און סטעפּעס. אין וועג איז עס פאַרטריקנט און פאַרוועלקט געוואָרן פון קעלט און פון היצן. ביז אַמאָל איז ער צופעליק

פאַרקראָכן צום שוואַרצן ים. דאָרט איז די פאַרצווייגטע טשינאַרע געשטאַנען אין פולן בליען. עס האָט זיך נעבעכדיק אָנגעלייגט ביי אירע ברייטע וואָרצלען און געבעטן זיך מיט טרערן: „לאָז מיך כאָטש צייטווייליק רוען אין דיין שאָטן, איך בין אַלט און שוואַך, דערפאַר קען איך שיינע מעשיות דערציילן״.

„צו וואָס דאַרף איך דיך״ — האָט מיט שטאָלץ און באַרימעריי אים געענטפערט דער יונגער בוים. — „דו ביזט שטויביק און געל. ווי קומסטו צו מיינע פרישע, גרינע, שמעקעדיקע בלעטער? דו, גיי זיך דיין וועג ווייטער, אַ, וואַנדערער, איך וויל דיך נישט קענען. איך בין שיין און באַליבט פון דער זון, מיינע וואָרצלען זענען פעסט און צעשפּרייט אויף די ברייטע רחבותן און דער שווארצער ים אַליין טרינקט זיי אָן מיט זיינע קאַלטע וואַסערן...״

עס איז זיי, ווייזט אויס, געפעלן מיין דעקלאַמאַציע, אַ סימן, אַז זיי האָבן מיך געבעטן נאָך עפּעס צו דעקלאַמירן. אויך ביים צווייטן אייוועלע האָט מען אויפגעהערט זינגען און שטיל זיך צוגעהערט צו מיינע רייד.

פון דאַן אָן האָבן אויך מיינע דעקלאַמאַציעס פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם. אויך די באַציאונג צו מיר, דוכט זיך, איז געוואָרן בעסער, כאָטש איך בין אַ ייד...

דאָך האָט מען נישט געפּרוווט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם עלטערן חבר, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער שמוציקער, פאַרשפּיגענער פּאָדלאָגע שוין כמעט אַ וואָך צייט. ס'איז טאָקע ענג געווען, דאָך האָט מען געקענט, איצט ווען ס'איז געוואָרן קאַלט און דאָס אייזערנע אייוועלע ווערט אויף דער נאַכט איינגעאַנצן אָפּגעקילט, צונויפרוקן זיך אַביסל ענגער און מאַכן אַן אָרט פאַר מיר. אַנאַטאָלי האָט עס אפילו פאַרגעלייגט די חברים, וואָס זענען געשלאָפן צוזאַמען מיט אים אויף דער מיטלער פּאָליצע, נאָר זיי זענען דערויף נישט איינגעגאַנגען. די נאַכט האָט מיר אַנאַטאָלי געצוווּנגען צו לייגן זיך אויף זיין אָרט. ער אַליין האָט זיך איינגעוויקלט אין מיין פוטער און געלייגט זיך שלאָפן אויף מיין אָרט, אויף דער ערד...

# געשעענישן אין וועג

די באַן, וואָס פירט אונדז, שטייט מער ווי זי גייט. די שנייען־זאַוויערוכעס פאַרשיטן די צוויי־רעלסנדיקע אייזנבאַן־ליניע. די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו און אויך פון די וואַגאָנעס כאַרלירן אָפּט זייער אָנשפּאַר און דרייען זיך אויף איין אָרט. בייטאָג ווערן אַרויסגעשיקט בריגאַדעס אַרבעטער פון די דערבייִיקע לאַגערן אָפּצורייניקן די באַן־ליניע פון שניי. ווי נאָר ס׳ווערט אָפּגערייניקט אַ גרעסערער שטח, רוקט זיך אונדזער עשאַלאָן ווייטער. ס׳איז אַ גאַנג פון אַ טשערעפּאַכע, אייניקע געלונגט צו דערוויסן זיך, אויף וועלכן אָרט מיר געפינען זיך, טראָגט זיך עס באַלד איבער ווי דורך אַ טעלעפאָן, פון קאַמער צו קאַמער. עס געפינען זיך שוין אַזעלכע צווישן אונדז, וועלכע זענען שוין דאָרט געווען, מערסטנס אין די לאַגערן, וואָס געפינען זיך דאָרט. ס׳גייט אַוועק אַ סדרה פון דערינערונגען און דערציילונגען, וואָס ציען זיך ביז מיר פאָרן אַריבער אויף אַ ווייטערן אָרט.

מען זוכט עפּעס נייעסן, סענסאַציעס, וואָס זאָלן אַרויספירן פון דער איינטאָניקייט. עס לויפן פאַרביי מעת לעתן, קורצע טעג און לאַנגע נעכט. מענטשן נודזשען זיך, שוין אויסגעזונגען כמעט אַלע לידער, אויסדערציילט אַלע וויצן און מעשיות. ווילט זיך עפּעס נייעס.

עס ווערט נישט נמאס די שפּיל פון געבן און כאַפּן פּעטש. אַ צענדליק מענטשן שטעלן זיך אין איין קרייז. איינער אין דער מיט און אַן אַראָפּגערוקטע קוטשמע פאַרשטעלט אים די אויגן. איינער גיט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ. ער דאַרף טרעפן, ווער עס האָט עס געטאָן. אויב ער טרעפט, פאַרבייט דער צווייטער זיין אָרט און אויב נישט און דאָס געשעט זייער אָפט, מוז ער באַקומען קלעפּ ביז ער טרעפט. די קלעפּ זענען אָפט אומברחמנותדיקע, עס איז געווענדט ווער עס גיט און ווער עס באַקומט.

מען פּרוווט זיך פאַרווײַלן אויפן חשבון פון אַ צווייטנס אומגליק:

אָט האָט מען מיר פאַרגעלייגט זיך צו לייגן שלאָפן אין דער לינקער זייט, דוקא נישט אויף מיינער, אויפן דריטן שטאָק. אַלע האָבן זיך צונויפגערוקט ענגער און געמאַכט פאַר מיר אַן אָרט אין דער סאַמע מיט. מען קריכט אַרויף

איינער נאָכן צווייטן. די פיס צו דער וואַנט און דעם קאָפּ צום דרויסן. אַראָפּ־קריכן נישט לויט דער ריי איז זייער שווער, סיידן מען זאָל דיר אַראָפּשלעפּן מיטן קאָפּ פאָרויס.

איך האָב זיך געוווּנדערט, הלמאי טוען דאָס דווקא די, וואָס זענען נישט פון מיין רעכטער זייט. איך האָב זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן: „ניין, איך דאַרף נישט. איך בין שוין געווינט צו וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע". ס'האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. זיי האָבן מיך אַ נעם געטאָן גוטברודעריש און איידער וואָס ווען בין איך שוין געווען אויבן, ווו עס זענען שוין געלעגן דריי לינקס פון מיר. דערנאָך זענען אַרויפגעקראָכן נאָך דריי, אין דער רעכטער זייט פון מיר. איך האָב זיך באַמיט צו ליגן אויף אַ זייט, כדי איך זאָל ווייניקער אָרט פאַרנעמען. ס'איז טאַקע געווען ענגלעך, נאָר ס'איז געווען צו פאַרליידן. קיין פּריצים זענען דאָ נישטאָ. דערפאַר וועט זיין וואַרעמער. איך האָב זיי געפּרוּווט דערציילן אַ וויץ וועגן דעם אַלטן פּאַר־פאַלק, וואָס איינער האָט דעם צווייטן געשיקט פאַרמאַכן די טיר, ביז זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דער, וואָס וועט אַרויסרעדן דאָס ערשטע וואָרט, דער דאַרף עס טאָן.

ביידע האָבן עקשנותדיק געשוויגן. דער ווינט האָט געעפנט די טיר און אַריינגעבלאָזן אַ קעלט — זיי האָבן געשוויגן, פרעמדע מענטשן זענען אַריינגעקומען און געבעטן עסן, ווייל זיי זענען הונגעריק — זיי האָבן געשוויגן, די מענטשן האָבן אויפגעגעסן אַלץ וואָס די באַלעבאָסטע האָט אָנגעגרייט אויף מאָרגן, אפילו די וואַרעניקעס מיט דער שוואַרצער קאַשע, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט צו עסן אַ גאַנצע וואָך — זיי האָבן אַלץ געשוויגן.ביים אָוועקגיין האָט איינער זיך אָנגערופן: — געשמאַקע וואַרעניקעס, נאָר זיי זענען רוילעך, נישט דערקאָכט...

— ס'איז אַ ליגן, — האָט נישט איינגעהאַלטן זיך די אַלטיטשקע.

— האָסט פאַרשפּילט, טייערינקע, — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער מיט אַ געלעכטער, — גיי, פאַרשליס די טיר! דער וויץ איז אפילו געפעלן, אַלע האָבן געשמאַק געלאַכט. נאָר וואָס מער זיי האָבן געלאַכט אַלץ ענגער איז מיר געוואָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי לאַכן שוין נישט פונעם וויץ, נאָר פון דעם, וואָס איך געפין זיך ווי צווישן קלעשטשעס. זייער קוועטשן

פון ביידע זייטן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און זיי האָבן אַלץ געלאַכט. עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. כ'האָב זיך דערפילט טיף באַליידיקט און כ'האָב אַ רוף געטאָן אויפן קול „אנאַטאָלי!"

אַנאַטאָלי איז נאָך נישט געשלאָפן. ער איז אַראָפּ פון געלעגער און צוגעלאָפן נעענטער. דאָס קוועטשן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. אַלע האָבן זיך געמאַכט שלאָפנדיק, נאָר איינער האָט נאָך אַלץ אַרויסגעלאַכט מיט אַ טייוולאָניש געלעכטער: כי... כי... כי...

איך האָב זיך אַראָפּגערוקט מיטן קאָפּ פאָרויס און ער, אַנאַטאָלי, האָט באַוויזן מיך אַראָפּצונעמען.

די נאַכט בין איך ווידער געשלאָפן אויף דער פאָדלאָגע, נאָר דאָס אָרט האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן אַ סך באַקוועמער און בעסער ווי פריער...

דער ווייטיק פון מיינע פיר פאָדערשטע ציין איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און אומדערטרעגלעכער. וויפל איך האָב נישט געווייקט די האַרטע, שוואַרצע סוכאַרעס אין וואַסער, זענען זיי אַלץ געווען שווער צו צעקייען, מיט מיינע קראַנקע ציין. יעדער קלענסטער ביס האָט געגעבן אַ ווייטיקלעכן שטאָך אין די נערוון פון די וואַקלדיקע ציין און אָפּגעהילכט אין מוח מיט ווייטיק. מיט די פינגער פלעג איך אָפּט צעשאָקלען יעדן צאָן באַזונדער און געטראַכט, אפשר וועט מיר געלינגען זיי אַליין אַרויסרייסן. איך האָב אפילו געבעטן אַנאַטאָלין, ער זאָל מיר צוהעלפן אַרויסרייסן די ציין מיט אַ שטריקל. ער האָט נישט געוואָלט דאָס טאָן. „ער האָט קיין הארץ נישט דערצו", האָט ער געזאָגט. דערפאַר האָט זיין נאָענטער שכן, הערנדיק מיין ביטע, זיך אונטער־גענומען דאָס צו טאָן. ער איז בשעת דער אָקופּאַציע געווען אַ פּאָליציאַנט. מעגלעך, אַז ער האָט זיך ספּעציאַליזירט ארויסצורייסן גאָלדענע ציין ביי יידן.

ווי נאָר איך בין אַויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָב איך געפונען אַ דין שטאַרק שטריקל. איך האָב אַרומגעוויקלט מיט דעם איין צאָן און געפרווט אַליין אַרויסרייסן. עס איז מיר אָבער נישט געלונגען, כאָטש דער צאָן האָט זיך שטאַרק געשאָקלט. איך האָב אַ בעט געטאָן פראָכאָרן (אַזוי האָט מען אים גערופן), ער זאָל עס טאָן. ער האָט פאַרוויקלט מיטן שטריקל זיין רעכטע האַנט און איידער איך האָב אים עפּעס אַרויסגעזאָגט, איז שוין דער

צאָן געווען אינדרויסן. אַזוי האָט ער מיר אַרויסגעריסן איינעם נאָכן צווייטן. דער ווייטיק איז געווען גרויס, אין מויל האָט געברענט אַ פייער. איך האָב געהאַלטן אין איין שווענקען מיט קאַלט וואַסער, ביז ס׳האָט אויפגעהערט דאָס בלוטיקן. ענדלעך בין איך פטור געוואָרן פון דעם גרויזאַמען ציין־ווייטיק.

די סוכאַרעס האָב איך נישט אויפגעהערט צו ווייקן. גאַנצע שטיקער פלעג איך מוזן אַראָפּשלינגען נישט צעקייט, נאָר דערפאַר בין איך פטור געוואָרן פונעם שמערצלעכן ווייטיק. עס איז גוט, וואָס איך האָב די „אָפּעראַציע״ אַדורכגעמאַכט קאַיאָר, ווען כמעט אַלע זענען נאָך געשלאָפן. כ׳האָב זיי נישט געוואָלט צושטעלן אַ פרישן פאַרגעניגן...

פונעם אויבערשטן צאָן־פּראָטעז האָב איך אַראָפּגעבראָכן אינגאַנצן די האָטשיקעס ביי די זייטן. ער האָט זיך שוואַך געהאַלטן אין מויל, דאָך איז ער מיר צונוץ געקומען, ס׳איז אַלץ בעסער געווען, ווי אינגאַנצן אָן ציין.

איך האָב זיך באַמיט ווייניקער צו רעדן, פון דעקלאַמירן האָב איך זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט, ווייל דאָס רעדן האָט זיך באַקומען ווי שטאַמלענדיק...

דער יונגער בלאָנדער אוקראַינער האָט נישט אויפגעהערט צו זונגען מיט זיין יונגער טענאָר־שטימע די אוקראַינישע לידער. איינמאָל האָט ער אפילו אויפגעזונגען עטלעכע לידער אויף דער פראַנצויזישער שפּראַך. עס האָט מיך פאַראינטערעסירט, פון וואַנען קומען צו דעם אוקראַינער פראַנצויזישע לידער מיט אַ נישקשהדיקן פראַנצויזישן אַקצענט? ענדלעך האָב איך זיך דערוווּסט.

זיין נאָמען איז גריגאָרי, „גרישע״ האָט מען אים גערופן. אַ זון פון אַ „סערעדניאַק״ אין דאָרף. מיט גרויסע צרות האָט מען זיינע עלטערן אַנגענומען אין דעם קאָלכאָז, אויך גרישע איז געווען אין קאָלכאָז אַ פּאַסטוך. ער האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט, ווייל דאָרט אין רחבותדיקן פעלד זינגט זיך פרייער און שענער. ער האָט באַקומען בילדונג פאַר פיר קלאַסן און שוין.

אין אָנהויב פון דער מלחמה, אין 1941 יאָר זענען די דייטשן אַריין קיין אוקראַינע. זיינע עלטערן האָבן געהאָפט, אַז מען וועט זיי צוריקגעבן זייער ערד צו באַלעבאַטעווען, ווי פריער פאַר דער רעוואָלוציע. דעם דייטש זענען אָבער געפעלן די קאָלכאָזן. עס איז נאָר באַשטימט געוואָרן אַ נייער באַלעבאָס

איבערן קאָלכאָז און די פֿויערים האָבן געמוזט אַרבעטן ווי פֿריער. גרישען האָט מען שפּעטער צוזאַמען מיט אַ סך יונגע בחורים און מיידלעך וועגבירט קיין דייטשלאַנד. פֿון דאָרטן האָט מען אים, אין אַ שיינעם נייעם מונדיר מיט גלאַנציקע שטיוול, אַריבערגעוואָרפֿן קיין פֿראַנקרייך אין אַ דעסאַנטן־שול. מען האָט זיי געלערנט פֿראַנצויזיש, דייטש און אַנדערע לימודים, ווי ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג, אַראָפּלאָזן זיך מיט פּאַראַשוטן און באַנוצן זיך מיט קאַלט און הייס געווער. עס איז אים געווען מאַטעריעל נישט שלעכט. ער האָט געבענקט אַהיים צו זיינע עלטערן, נאָך אוקראַינע, נאָר וואָס קומט אַרויס פֿון בענקען, אַז ער איז געווען אַ פֿאַרקויפֿטער.

נאָך דער מלחמה, נאָך דער גרויסע מפּלה פֿון דעם פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד, איז ער, גרישאַ, אַריבער די סאָוועטישע גרענעץ מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט פֿון איינעם אַ רוסישן בחור, וואָס איז פֿאַרטריבן געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט און בשעתן באָמבאַרדירן אומגעקומען. צו די עלטערן האָט ער נישט געקענט פֿאָרן צוליבן פֿאַלשן נאָמען זיינעם, איז ער אוועק אַזש קיין קאָמי ס.ס.ר. דאָרטן האָט ער חתונה געהאַט מיט איינער, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אויף דער פּאָסט. אַליין איז ער געוואָרן אַ בוי־אַרבעטער. אַלץ איז געווען נישט שלעכט, ער האָט געאַרבעט און פֿאַרדינט, מיטן ווייב איז ער געווען צופֿרידן, זיי האָבן שוין געהאַט אַפֿילו אַ זון מיט אַ טעכטערל.

ביז מען האָט אים אַרעסטירט. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס און פֿאַרוועגן. ער אַליין האָט יאָ געוווּסט, מען האָט אים געוויזן זיין אָנקעטע מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע אין דעם דייטשן אוניפֿאָרם. זיי האָבן, ווייזט אויס, עס געפֿונען אין די אַרכיוון. אָפּלייקענען האָט קיין זין נישט געהאַט, האָט ער זיך מודה געווען אין אַלעמען. דערפֿאַר האָט ער באַקומען לויט דער סטאַטיי 16—58 נאָר 10 יאָר. מילא, ער האָט זיך גערעכנט אויף ערגערס. ער בענקט שטאַרק נאָך זיין זון און טעכטערל. ער פֿאַרלירט נישט די האָפֿנונג זיך צו זען מיט זיי...

# דער תענית

שוין צען טעג זענען מיר אין וועג און ס׳נעמט נאָר אַלץ נישט קיין סוף. מיר שלאָפֿן די גאַנצע צייט אין אָנטאָן, אין די וואַטענע הויזן און פופייקעס, ווייל בייגאַכט איז זייער קאַלט. קיין וועש בייט מען נישט, וואַשן וואַשט מען זיך אויבנאויפּיק, מען טוט אַ פּלוסקע מיט איין האַנט דאָס פּנים מיטן וואסער פונעם פולן מויל און שוין. מערסטנס ראַזירן זיך נישט, זענען זיי באַוואַקסן מיט בערד. און וואָס ווייטער באַקומען אַלע אַ משונהדיקן אויסזען פון וואַלד־מענטשן. אויך די שטימונג איז שוין אַן אַנדערע ווי אין אָנהויב: מענטשן רעדן ווייניקער, ווערן ערנסטער. זיי פאַרטראַכטן זיך אָפט וועגן זייער לאַגע, מען פאַרבענקט זיך צו דער היים, צום ווייב און קינדער, צו די עלטערן...

די באַן האָט זיך פאַרקערעוועט רעכטס, קיין מזרח. איבער דער נאַכט זענען מיר אַריבער אַ באַרג־קייט, ס׳ווייזט אויס, די אוראַלער בערג, זייער צפונדיקן טייל. ס׳איז געוואָרן אַ סך וואַרעמער. דער שניי איז ווי פאַרשוווּנדן. אייניקע זייענען זיך משער, אַז מיר געפינען זיך איצט אין אַזיע. וווהין זשע פירט מען אונדז?

לויטן פאַרקלענערן אונדזערע שפּייז נאָרמעס אויף דריי סוכאַרעס אַ טאָג, מיינען מיר, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון אונדזער רייזע. קיין קוילן באַקומען מיר איינגאַנצן נישט, כאָטש אין אָוונט און ביינאַכט איז קאַלט.

ס׳איז נישטאָ וועמען צו פרעגן. און אַז מען פרעגט, באַקומט מען סיי ווי נישט קיין ענטפער.

די אייגענע זאַפּאַסן שפּייז זענען שוין אויך פאַרענדיקט. זעלטן ביי וועמען ס׳האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט אַ פּאָר שטיקלעך צוקער.

מענטשן זענען אַלץ מער פאַרביטערט, זייערע נערוון זענען אָנגעשטרענגט. ביי דער קלענסטער געלעגנהייט איז מען גרייט זיך צו אַמפּערן, קריגן זיך, אפילו זיך שלאָגן.

אויפן צווייטן טאָג איז געשען אַזוינס, וואָס איז געווען פאַר אַלעמען אומגעריכט. קיין שום „פּראָוועקע״ איז אין דער פרי נישט געוואָרן. אַרום איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית עלמין, מען האָט זיך צוגעהערט, צי קלאַפּט

מען נישט אין אנדערן וואַגאָן. ניין! מען הערט נישט. אין פּאַס איז נישט פארבליבן קיין טראָפּן וואַסער. מען דערלאַנגט נישט קיין וואסער ווי יעדן טאָג. מען דערלאַנגט אויך נישט קיין פרישטיק. די באַן שטייט אויף איין אָרט.

וואָס זאָל דאָס באדייטן?

דורך די פּיצלעך פענצטערלעך זעט מען קיינעם נישט. אויך די בערג זענען שוין פארשוווּנדן פון די אויגן, אַרום און אַרום — איין פּוסטער פארגעלבטער סטעפּ, באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן און מאָך.

אין מויל טריקנט, דער הונגער הויבט אָן צו נאָגן. אפילו דאַן, ווען מיר האָבן שוין באַקומען די טרוקענע סוכארעס און אַ ביסל זופּ, זענען מיר תמיד געווען הונגעריק, איצט פילן מיר דעם הונגער אַ סך שטאַרקער.

איינער פּרוווט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט אין טויער פון וואַגאָן, נאָך אים קלאַפּן שוין מער און מער. ס׳קלאַפּן צענדליקער הענט, טאַך... טאַראַך... קיינער ענטפערט נישט.

אונדזער קלאַפּן דערהערט מען אין אנדערע וואַגאָנעס. זיי טוען אויך דאָס זעלבע. עס קלאַפּט דער גאַנצער עשאַלאָן. אַ סימן, אז די לאַגע איז אומעטום די זעלבע.

נאָר קיינער ענטפערט נישט אויף אונדזער קלאַפּן. ס׳ווערט נמאס דאָס קלאַפּן, א שאָד די ענערגיע, וואָס מען פטרט אומזיסט — הערט מען אויף.

ווו זענען אַלע וועכטער אַהינגעקומען, ווו זענען די נאַטשאַלניקעס? ווי די מייז זענען זיי זיך צעלאָפן אינמיטן סטעפּ און געלאָזט אונדז אין די פארשלאָסענע וואַגאָנעס אויף הפקר.

ס׳דערמאָנט מיך, ווי די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, ווו מיין ווייב איז געלעגן אין שפּיטאָל, זענען זיך בשעתן באָמבארדירן צעלאָפן אין די בונקערס, איבערלאָזנדיק די קראַנקע אָן השגחה.

די שעהן ציען זיך אַזעלכע לאַנגע. ס׳איז שוין זיכער מיטאָג־צייט און קיינער דערמאָנט זיך נישט אין אונדז. ארום און ארום הערשט אַ טויטע שטילקייט.

— לאָמיר צעברעכן די פּאָדלאָגע און אנטלויפן — גיט א זאָג דער אוקראַינער מיטן איינעם אויג.

— אנו, פּרווו עס טאָן. וועלן דיך באַלד די קוילן־וואַרפער, וואָס געפינען זיך אויף די דעכער מכבד זיין מיט א האָגל קוילן, אַז דו וועסט די הויזן דיינע פארלירן, און אַלץ וואָס דו פארמאָגסט אין זיי — האָט זיך אריינגעמישט א צווייטער.

— וואָס זשע קען דאָס פאַרט באַדייטן, דאָס שווייגן פון אונדזערע פירערס ?

— ס׳קען זיין, אז עס האָבן זיך פאַרענדיקט די שפּייז־זאַפּאַסן, זיי האָבן נישט אויסגערעכנט צו שלעפּן זיך אין וועג אזוי לאַנג.

— פארוואָס זשע פאָרן מיר נישט ווייטער, נאָר מיר שטייען אויף איין אָרט ?

— ווייל דער לאָקאָמאָטיוו איז אויך להבדיל ווי אַ מענטש : „נישטאָ אמע — גיי לולע״. ער דאַרף קוילן און וואַסער און מען גיט אים נישט — ווייל ער נישט פאָרן. האָט עמעץ ארויסגעזאָגט אין אַ געלעכטער, נאָר קיינער האָט אים נישט אונטערגעהאַלטן. פאַרנאַכט־צו איז געוואָרן קעלטער. דורך די פענצטערלעך האָט אַריינגעבלאָזן אַ קאַלטער צפון־ווינט.

— עך, ווי די „בורזשויקע״ וואָלט איצט צונוצגעקומען. האָבן אַ סך געטראכט. אָבער ווו נעמט מען קוילן, האַלץ ?

— פון יעדער נארע וועלן מיר אַראָפּנעמען איין ברעט, וועט זיין מיט וואָס איינצוהייצן — האָט איינער פאָרגעלייגט.

געדעדט און געטאָן. עס זענען שוין דאָ ברעטער. מען קלאַפּט מיט זיי אַזוי לאַנג אין דער פּאָדלאָגע ביז זיי שפּאַלטן זיך. די קלענערע שטיקלעך איז שוין לייכטער צו צעברעכן. אַלע זענען אָפּגעשוואַכט פון דעם תענית־טאָג, דאָך אַרבעטן זיי פלייסיק, מיט אַלע כוחות. עס דויערט נישט קיין האַלבע שעה צייט און אין אייזועלע פלאַקערט אַ פייער. די ברעטער זענען טרוקענע מיט סוקעס, סמאַלען זיך און ברענען. אַלע זיצן ביי אונדזער אייזועלע. די בלייכע פּנימער האָבן זי צעפלאַמט. צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט האָט זיך אויך די שטימונג געהויבן. די נאַכט איז אָנגעקומען מיטאַמאָל אָן אַ פאַר־

נאַכט. און אפשר האָבן מיר נישט באַמערקט ווי דער פאַרנאַכט איז אַוועק, ווייל מען איז געווען פאַרנומען מיט צעהאַקן די ברעטער. אַלע זיצן אַרום דעם אייוועלע, די אויסגעלאָשענע אויגן פינקלען און שפּיגלען אָפּ אין זיך די פלאַמען פון די פלאַקערדיקע ברעטער. אין די מיילער איז טרוקן. ביי עמעצן האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט אַ פּאַפּיראָס, גייט ער פון מויל צו מויל אויף איין „ציִ״ כאָטש.

גרישע זיצט אַמנאָענסטן צום אייוועלע. געלאָסן שטיל הויבט ער אָן צו זינגען „נאַקינוּוו פלאַשטש ז גיטאַראָי פּאָד פּאַלאָיו״. ער זינגט נאָר די ערשטע סטראָפקע. דערנאָך זינגען אַלע אָן אויסנאַם אין כאָר. ער זינגט לאַנג, לאַנג. די קלאַנגען דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה. זיי רירן אָן יעדן טיף אין האַרצן. ביי אייניקע שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. קיינער שעמט זיך נישט מיט זיינע טרערן. זיי לייטערן דאָס געמיט, שווענקען אָפּ דאָס שלעכטס.

— יאַק אומרו, יאַק אומרו פּאָכאַראָניאַט מעניא (אַז איך וועל שטאַרבן, שטאַרבן, וועט מען מיך באַגראָבן) אי ניקטאָ ניע אוזנאַיעט גדיע מאָגילאַ מאָיאַ. (און קיינער וועט נישט וויסן, ווו מיין קבר איז פאַרטראָגן...).

אַזוי זינגט גרישע דאָס צווייטע לידל מיט זיין זויבערער ווייכער שטימע. מיט אַזאַ האַרציקייט און טיפקייט האָט ער, דוכט זיך, קיינמאָל נישט געזונגען. און נישט נאָר ער, גרישע, נאָר אַלע, אַלע זענען היינט אַנדערש ווי שטענדיק. זיי זענען מתפלל מיט געזאַנג יעדער צו זיין גאָט, נאָר אַלעמענס תפילה איז אַזוי ריין, טיף און האַרציק... ס'איז אַ קאָלעקטיווע ווידוי פון מענטשן, וועמענס גורל איז אומקום, ערגעץ ווו אויף ווייטן נישט באַטרעטענע, אויף פּוסטע סטעפּעס, ווו סטאַדעס ווילדע פייגל לויערן און וואַרטן אויף זייערע קרבנות צום רויב און פרעס...

סוף פון דריטן בוך.

## דאָקומענטן :

(פאָטאָקאָפּיע)

# רעוויזיע־פּראָטאָקאָל

אויפן סמך פון אָרדער פון או.מ.ג.ב. פון דרום־מערבדיקער אייזנבאַן, נומער 139, דעם 9־טן פעוורואַל 1953 איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע ביים בירגער פערעל יאָוועל מאָרדקאָוויטש, אין הויז 8 דירה 8, אויף גרויס־קיטאַיעווסקע גאַס אין קיעוו.

ביי דער זוכונג זענען בייגעווען די עדות : מישטשענקאָ גריגורי לוקיאַנאָוויטש, קיעוו, גרויס־קיטאַיעווסקי 8 ד. 4 און גרעקאָווא אננא איוואַנאָוונע, קיעוו, גרויס־קיטאַיעווסקע־גאַס 8 ד. 5.

עס איז פאַרהאַלטן געוואָרן פערעל י. מ.

עס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן און וועלן צוגעשטעלט ווערן אין הויפּט־אָפּטיילונג פון או.מ.ג.ב. פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן די פאָלגנדיקע :

3. „די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק״ (1789—1908) פון פּראָפ. מאַרינאַ־פּיליפּסאָן, איבערזעצונג פון דייטש, אונטער דער רעדאַקציע פון שערשעווסקי י. ל., אַרויסגעגעבן דורכן ביכער־מאַגאַזין פון שערמאַנען אין אָדעס. דער ערשטער און צווייטער באַנד. די ביכער 1—7, צוזאַמען 2 ביכער.

4. עלף בענדער פון 1—12 איינשליסלעך, (ס׳פעלט דער 5־טער באַנד) „די געשיכטע פון יידן פון די אַלטערטימלעכע ביז די היינטיקע צייטן״ פון פּראָפ. גרעץ, אונטער דער רעדאַקציע פון יונגבערג, די צווייטע פאַרריכטע אויפלאַגע, אַרויסגעגעבן דורכן שערמאַן־מאַגאַזין אין אָדעס.

5. „די יידישע ענציקלאָפּעדיע״ (זאַמלונג פון וויסנשאַפטן) אונטער דער רעדאַקציע פון קאַצענעלסאָן ל. און י. ד. בראָקהויז־עפרון אין ס. פּעטערבורג — 16 בענדער, פונם 1—16 איינשליסלעך.

ביי דער רעוויזיע זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין אָנקלאַגעס. נאָך דער רעוויזיע קיין זאַך נישט פאַרחתמעט ; קיין כאַראַקטעריסטיק פון דער פאַרחתמעטער דירה — נישטאָ.

דער אָנפירער פון דער או.מ.וו.ד. אָפּטיילונג — מ. ר. איוואַנאָוו, פאַרטרעטער פון אָנפירער פון אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג — ליסענקאָ.

КОПИЯ

# ПРОТОКОЛ ОБЫСКА

На основании ордера Управления охраны Министерства Государственной Безопасности Юго-Зап.жел.дор.за №139 от 9 февраля 1953 г. произведен обыск у гр.Переля Иовеля Мордковича в доме № 8 кв. 8 по ул.Китаевской г.Киев.

При обыске присутствовали понятые: МИЩЕНКО Григорий Лукьянович г.Киев,ул.Б.Китаевская №8 кв.4 и ГРЕКОВА Анна Ивановна г.Киев Б.Китаевская №8 кв.5ю

Задержан ПЕРЕЛЬ И.М.

из'ято для представления в Управление охраны МГБ Юго-Зап.жел.дор.следующее:

3. Ч Новейшая История еврейского народа" /1789-1908/ проф.проф.Марина Филирсона, перевод с немецкого под редакцией [illegible]ского Б.Л.,издание книжного магазина Шермана г. Одесса,первый и второй том,книги 1-7-всего 2 книги.

4. Одиннадцать томов с 1 по 12 вкл..отсутствует 5 том,Гретца под редакцией Инберга. второе издание исправленное,изд.книжного маг.Шермана 1903 г.г.Одесса.

5. Еврейская энциклопедия/свод знаний/ под редакцией Л.Каценельсона и Д.Г.Гинцбурга Издательство Брокгауз-Ефронг С.Петербург-16 томов с 1 по 16 вкл.

При обыске заявлена жалоба не была.

ПРИМЕЧАНИЙ нет

После производства обыска опечатано - нет.

1.Нач.отд.УоМГБ м-р г/б /Иванов/

2. Зам.Нач.с%отд.УоМГБ к-н %Лысенко/

Подпись представителя домоуправления:Иващенко

или других присутствующих лиц Грекова

Подпись обыскиваемого /Перель/

Подпись получившего копию обыска /Перель М%

9 февраля 1953 г.

(פאטאקאפיע)

## רעוויזיע־פראטאקאל

9־טער פעווראל 1953 יאר.

מיר אונטן אונטערגעשריבענע: דער אנפירער פון דער או.מ.וו.ד.־אפטיילונג פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאן מאיאר איוואנאוו, דער פארטרעטער פון דער אויספארשונג־אפטיילונג קאפיטאן ליסענקא, אין דער אנוועזנהייט פון די עדות:

1. מישטשענקא גריגורי לוקיאנאוויטש, קיעוו, גרויס־קיטאיעווסקא גאס 8 ד. 4;

2. גרעקאווא אננא איוואנאוונא, קיעוו, גרויס־קיטאיעווסקא 8, ד. 5.

אויפן סמך פונם ארדער פון או.מ.ג.ב. נומער 139 פונם 9.2.1953, איז אדורכגעפירט געווארן א רעוויזיע ביים בירגער פערעל יאוועל מארדקאוויטש אין הויז נומער 8 ד. 8 אויף גרויס־קיטאיעווסקע גאס אין קיעוו. ביי דער רעוויזיע זענען אנדעקט און קאנפיסקירט געווארן, צוצושטעלן אין דער פארוואלטונג פון או.מ.ג.ב., די ביכער:

1. פאספארט נומער 530482' ארויסגעגעבן דורך דער מיליץ־אפטיילונג אין קיעוו, אויפן נאמען פון יאוועל מארדקאוויטש פערעל;

2. מיליטערישער בילעט, נומער 30491, ארויסגעגעבן דורך ראיאן־מיליטערישן קאמיטעט פון קאגאנאוויטשעס ראיאן אין קיעוו, אויפן נאמען: פערעל י. מ.

3. ליטעראַרישע זאמלונג „צום זיג", פארלאג „דער עמעס" 336 זייטן;

4. ד. בערגעלסאן „ביים דניעפר", פארלאג „דער עמעס" 47. 551 זייטן;

8. ליטעראַרישער אלמאנאך „דער שטערן" אויף יידיש, ארויסגעגעבן דורכן פארלאג „סאוויעטישער שרייבער" אין 1947 יאר, 317 זייטן;

10. ליטעראַרישער אלמאנאך" דער שטערן (יידיש) 120 זייטן.

11. דער אלמאנאך פון דער סאוויעטישער יידישער ליטעראטור, נומערן 9—10, פארלאג „דער עמעס". 1939 יאר, 542 זייטן;

12. בערגעלסאן „אין די שטורמישע טעג" 1929 יאר, 157 זייטן;

31. גורשטיין „שלום עליכם", פארלאג „דער עמעס", 39 זייטן;

32. ד. בערגעלסאן. „נייע דערציילונגען", פארלאג „דער עמעס", 176 זייטן;

34. טאלאלאיעווסקי „ווי א סאלדאט"' פארלאג „דער עמעס" 125 זייטן;

35. „ברידער יידן פון גאר דער וועלט", בראשור פון מלוכה־פארלאג, „דער עמעס", מאסקווע, 42 זייטן.

פארזעצונג קומט.

копия

ПРОТОКОЛ ОБЫСКА

9 февраля 1953 г.

Мы, нижеподписавшиеся Нач.отделения УоМГБ ЮЗжд майор г/б ИВАНОВ, Зам.Нач.следствен.отделения УоМГБ ЮЗжд капитан г/б ЛЫСЕНКО в присутствии понятых: I.МИЩЕНКО Григорий Лукьянович, прожив.в г.Киеве Б.Китаевская 8
2.Грековой Анны Ивановна прожив. в г.Киеве Б.Китаевская 8 кв.5

на основании ордера УоМГБ ЮЗжд за №139 от 9/II.53 г. произвели обыск у гр. ПЕРЕЛЬ Иовеля Марковича в доме №8 кв.8 по ул.Б.Китаевской г.Киев. При обыске обнаружено и из'ято для доставки в Управление охраны МГБ ЮЗжд следующее:

I. Паспорт Х-ГК №530482 выданный 01 ГОМ г.Киев на имя Перель Иовеля Мордковича.
2.Военный билет серия П №30491.выдан Кагановичским РВК г.Киев на имя Перель И.М.
3.Литературный сборник"К победе"/"Цум зиг"/ изд."Дер Эмес" 336 стр.
4. Д.Бергельсон "У Днепра" изд."Дер Эмес" 47." г. 551 стр.
9.Литературный альманах "Зирка" на еврейском языке изд."Радянський письменник" 1947 г. стр.317
10.Литер.Альманах"Дер Штерн"/евр.языке/ стр 120
11.АльманахСоветской еврейской литературы №9-10 изд."Дер Эмес"1939 г.стр.317
12. Бергельсон "В грозовые дни"1929 стр 157
31.Гурштейн."Шолом Алейхем"изд."Дер Эмес"
32.Д.Бергельсон"Новые рассказы" изд."Дер Эмес" стр 176
33"Братья евреи всего мира"брошюра Огиз
34. Талалаевский Т."По солдатски"

/продолжение следует/

2.

Клеветал на проводимую советским правительством национальную политику по отношению еврейской национальности, на советскую власть, а также хранил у себя антисоветскую националистическую литературу, которой пользовался сам и давал читать своим приближенным.

Кроме этого, принял участие в спекуляции промтоваров с [redacted] и [redacted] дважды в 1946 году перевозил из Одессы в г. Луцк промтовары и золотые деньги царской чеканки, за что получал от последних вознаграждение.

В судебном заседании ПЕРЕЛЬ виновным себя признал частично в проведении антисоветской националистической агитации, а также в спекуляции, однако его собственные об"яснения в суде, а также показания свидетелей полностью подтверждают совершенное им преступление.

На основании изложенного Киевский Областной суд признал виновным ПЕРЕЛЬ Л.М. в том, что он совершил преступление, предусмотренное ст. 54-10 ч. 2 и 127 УК УССР и, руководствуясь ст. 296 и 297 УПК УССР

П Р И Г О В О Р И Л:

П Е Р Е Л Ь ЛЕЙБЕЛЬ МОРДКОВИЧА

на основании ст. 54-10 ч. 2 и 127 УК УССР по совокупности совершенных преступлений в силу ст. 54-2 УК УССР лишить свободы в ИТЛ сроком на 10 /десять/ лет, с поражением в правах по пунктам "а", "б", "в" ст. 29 УК УССР сроком на 3 /т р и/ года, с конфискацией лично ему принадлежащего имущества.

Срок отбытия наказания ПЕРЕЛЬ исчислять с 10-го февраля 1949 года.

Меру пресечения оставить прежнюю — содержание под стражей.

Приговор может быть обжалован в Верховный суд УССР в течение 5 дней.-

Председательствующий — Г л у щ е н к о/

Народные заседатели — [illegible]

С подлинным верно:

ПРЕДСЕДАТЕЛЬСТВУЮЩИЙ /Г.ГЛУЩЕНКО/

С Е К Р Е Т А Р Ь /[illegible]/

[illegible]

[illegible] 10 декабря 1949 г.



К о п и я.

[illegible] 1939 года.

П Р И Г О В О Р

ИМЕНЕМ УКРАИНСКОЙ СОВЕТСКОЙ СОЦИАЛИСТИЧЕСКОЙ РЕСПУБЛИКИ

1939 года, [illegible] судебная коллегия по уголовным делам Киевского Областного суда, в составе:

Председательствующего – Г [illegible]
Народных заседателей – Кузнецова, [illegible]
при секретаре – [illegible]
с участием прокурора – Русецкого
-"- адвоката – [illegible]

рассмотрела в закрытом судебном заседании в городе Киеве дело по обвинению:

П Е Р Е Л Ь [illegible] МОРДКОВИЧА,

1903 года рождения, уроженца гор. Луцка, проживал в гор. Киеве, по национальности еврея, гр-на СССР, беспартийного, [illegible] преступлении, предусмотренном ст. 54-10 ч. 1 УК УССР.

Материалами предварительного и судебного следствия

у с т а н о в и л а:

Подсудимый ПЕРЕЛЬ [illegible] Мордкович, проживая в городе Киеве, будучи националистически настроен, в течение 193[illegible] – 1938 г.г. среди с[illegible] окружения высказывал [illegible] враждебные взгляды по отношению к советской власти и социалистическому строю.

На протяжении указанного выше периода ПЕРЕЛЬ систематически проводил антисоветскую националистическую агитацию, в которой распускал антисоветские националистические анекдоты клеветнического характера в отношении одного из руководителей партии и советского правительства и его ближайших соратников.

Восхвалял государственный строй в бывшей буржуазной Польше, ее буржуазную демократию, искусство и литературу, в то же время [illegible] на советскую действительность

# אורטייל

אין נאָמען פון דער אוקראַינישער סאָוויעטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק, 1953־טן יאָר, דעם 10־טן יוני האָט דאָס געריכט־קאָלעגיום פאַר פאַרברעכערישע ענינים פון דעם קיעווער קרייז־געריכט, אין צוזאַמענשטעל:

פאָרזיצער: גלוטשענקאָ

פאָלקס־ביייזיצער: קוזניעצאָוו און קאַליניטשענקאָ

סעקרעטאַר: דאַנילענקאָ

מיטן אָנטייל פון פּראָקוראָר רוסיעצקי

מיטן אָנטייל פון פאַרטיידיקער בערגאַלצעוו

באַטראַכט אין אַ פאַרמאַכטער זיצונג פון געריכט אין שטאָט קיעוו די דיעלע, אין וועלכער ס'ווערט באַשולדיקט פּע־על יאָוועל מאַרדקאָוויטש

געבוירן אין 1903 יאָר אין שטאָט לוצק, אַן איינוווינער פון שטאָט קיעוו, אַ ייד — לויט זיין נאַציאָנאַליטעט, אַ בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, אַן אומפּאַרטייאישער, באַזיצט הויכע בילדונג, אַ באַוויבטער, פריער נישט געווען געמשפט,

אין אַ פאַרברעכן, לויט דער סטאַטיי 10־54, די צווייטע טייל און 127 פון אוקראַינישן געריכט־קאָדעקס.

פון די מאַטעריאַלן פון דער פאַרבערייטונגס און געריכטלעכער אויספאָרשונג

איז באַשטעטיקט געוואָרן:

דער באַשולדיקטער פּערעל יאָוועל מאַרדקאָוויטש, וואָס וווינט אין שטאָט קיעוו, זייענדיק נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין סביבה במשך פון די יאָרן 1950—1953 זיינע פיינטלעכע מיינונגען וועגן דער סאָוויעטישער מאַכט און זיין סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

במשך פון דעם אויבנדערמאָנטן פּעריאָד האָט פּערעל סיסטעמאַטיש געפירט זיין אַנטי־סאָוויעטישע נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע, בעת וועלכער ער האָט דערציילט אַנטי־סאָוויעטישע, נאַציאָנאַליסטישע אַנעקדאָטן פון אַ רכילותדיקן כאַראַקטער אויף איינעם פון די פירער פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָוויעטישער רעגירונג און אויף זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער.

ער האָט אויסגעלויבט די מלוכהשע אָרדנונג אין דעם געוועזענעם בורזשואַזן פּוילן, איר בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, קונסט און ליטעראַטור, באַרעדנדיק דערביי די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט.

ער האָט באַרעדט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס עס פירט די סאָוויעטישע רעגירונג לגבי דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, די סאָוויעטישע פּרעסע, ער האָט אויך געהאַלטן ביי זיך אַנטיסאָוויעטישע נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור, אַליין מיט איר זיך באַנוצט און אויך געגעבן לייענען זיינע נאָענטע.

חוץ דעם, האָט ער אָנטייל גענומען אין ספעקולאַציע מיט סחורות, אין 1945 יאָר אַריבערגעפירט פון קיעוו קיין לוצק סחורות און גאָלדענע מטבעות פון די צאַרישע צייטן, פאַר וואָס ער האָט באַקומען אַ באַלוינונג.

אין די געריכט־פאַרהאַנדלונגען האָט פּערעל זיך טיילווייז אָנערקענט שולדיק: אין פירן אַנטיסאָוויעטישע, נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע, אויך אין ספעקולאַציע, אָבער זיינע אייגענע דערקלערונגען אין געריכט, אויך די דערקלערונגען פון די עדות באַשטעטיקן פולשטענדיק זיין פאַרברעכן.

אויפן סמך פון דעם האָט דער קיעווער קרייז־געריכט אָנערקענט פּערעל י. מ. אַלס שולדיקן אין דעם פאַרברעכן, וואָס איז פאָרויסגעזען אין די סטאַטייען 10־54, די צווייטע טייל און 127 פון אוקראַאינישן קאָדעקס און אונטער דער ווירקונג פון די סט. 296 און 297 פון אוקראַאינישן פּראָצעסואַלן קאָדעקס

## פ א ר א ו ר ט י י ל ט

### פּערעל יאָוועל מאָרדקאָוויטש

אויפן סמך פון די סט. 10־54, די צווייטע טייל און 127 פאַר די אַלע באַגאַנגענע פאַרברעכנס, מיט דער סאַנקציע פון דער סטאַטיי 2־54 פונם אוקראַאינישן קאָדעקס, צונעמען די פרייהייט און אויסהאַלטן אים אין אויסבעסערונג־אַרבעטס־לאַגער, במשך פון 10 יאָר, צונעמענדיק זיינע בירגער־רעכט, לויט די פּונקטן „א״, „ב״, „ו״ סט. 29 פון אוקראַאינישן קאָדעקס, אויף 3 יאָר, קאָנפיסקירנדיק דאָס פאַרמעגן, וואָס געהערט צו אים פּערזענלעך.

דער אָנהייב פון פּערעלס אָפּקומען די שטראָף רעכענען פונם 10־טן פעברואַר 1953 יאָר.

אַלס מיטל אָפּצושטעלן זיין טעטיקייט בלייבט — האַלטן, ווי ביז איצט, אונטערן אויפזיכט.

דער אורטייל קען אָנגעקלאָגט ווערן אין העכסטן געריכט פון אוקראַאינע במשך פון 5 טעג.

פאָרזיצער: גלושטשענקאָ

פאָלקס־בייזיצער — (אונטערשריפטן)

די ריכטיקייט פון דער קאָפּיע באַשטעטיקט

דער פאָרזיצער — גלושטשענקאָ (אונטערשריפט)

סעקרעטאַר — דאַנילענקאָ (אונטערשריפט און קיילעכדיקער שטעמפּל)

# אינהאַלט

זייט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . 5

ערשטער טייל:

די אויספאָרשונג

נישט געבעטענע געסט . . . . 9
אין די נעגל פון מ.וו.ד. . . . 11
אין ארעסטאנטן־קאמער . . . . 14
איך וויל שלאָפן . . . . . . 16
ביים אויספאָרשער . . . . . 18
איינער אליין . . . . . . . . 22
מיכאָעלס־דער טרעגער פון
לענין־אָרדן א שפּיאָן . . . . 25
איך באקום א נייעם שכן . . . 29
דאָס גאָלדענע פישעלע . . . . 34
אין קארצער . . . . . . . . 42
צום צווייטן מאָל — א שפּיאָן . 44
מיין זון האט היטלערן געלויבט . 49
א פרווו פון זעלבסטמאָרד . . . 51
אין באָד אריין . . . . . . . 54
אלעקסאנדר מאטראָסאָוו . . . 56
אנעקדאָטן . . . . . . . . . 64
אנטיסעמיטיזם . . . . . . . 68
אויפן ציוניסטישן פערדל . . . 72
פארוואָס האָבן געקלונגען די
גלאָקן? . . . . . . . . . 79
אין ערשטן מאי . . . . . . . 82
אויג אויף אויג . . . . . . . 87
צוריק אין קאמער . . . . . . 91
די "דוווכסאָטקע" . . . . . . 97

צווייטער טייל:

אין סאָוויעטישן געריכט

דער באשולדיקונגס־אקט . . . 105
דער משפט . . . . . . . . 111
נאָכן אורטייל . . . . . . . 126
די קאסאציע . . . . . . . . 128

דריטער טייל:

אין לוקיאנאָווקער טורמע

אין לוקיאנאָווקער טורמע . . . 139
דער ערשטער אָוונט . . . . . 143

זייט

נישט איינער אליין . . . . . . 146
אויפן שפּאציר . . . . . . . . 149
איוואן פעטראָוויטש . . . . . . 152
זיין פאמיליע־טראגעדיע . . . 156
דער סוד . . . . . . . . . . 158
פאר פאַרשוועכן די טרויער־טעג . 161
נאָך צוויי יידן . . . . . . . . 164
אז מען לעבט־דער־לעבט מען . . 168
די שריפה . . . . . . . . . . 170
דער אומגעריכטער אומגליק . . 172
דער "טיולקעס־שטרייק" . . . . 174
נישט דערוואָרט זיך . . . . . . 178
באגראָבן פאר דער צייט . . . 182
פּאָליטישע אקציעס . . . . . . 185
דער ווינט־טראקטאָר . . . . . 186
משנה מקום — משנה מזל . . . 191

פערטער טייל:

אין דער איבערשיקונגס־טורמע

אין דער איבערשיקונגס־טורמע . 197
די וועלט דורך א לעכל . . . 198
דער יידישער מאיאָר . . . . 202
דער הונגער־שטרייק . . . . . 206
די ליבע פון ערשטן אויגנבליק . 211
דער בונט . . . . . . . . . 215
דער מלאך הגואל . . . . . . . 220
דער יוריסט . . . . . . . . 224
וואנקע . . . . . . . . . . 229

פינפטער טייל:

אין וועג אריין

אין וועג אריין . . . . . . . 237
דער באן האָט געריירט . . . . 241
צוריק צווישן פּאָליטישע . . . 246
אין קעניגרייך פון ווינטער . . 250
געשעענישן אין וועג . . . . 255
דער תענית . . . . . . . . . 260
דאָקומענטן/
אָריגינעלע און איבערזעצונגען . 261


סוף פון דריטן בוך